STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00790

GOLES DAYTSHLAND

Ilja N. Trotzki

Permanent preservation of this book was made possible by
Georgina Kaufer & Sylvia Feldman
in memory of
their grandmothers

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אליהו טראָצקי

גלות דייטשלאנד

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

69

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:

אברהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך.

אליהו טראָצקי

גלות דײַטשלאַנד

אײַנדריקן פֿון אַ רײַזע

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פֿאַרבאַנד פֿון פּױלישע ייִדן אין אַרגענטינע
AÑO DEL LIBERTADOR GENERAL SAN MARTIN 1950
בוענאָס אײַרעס

PRINTED IN ARGENTINA
IMPRESO EN LA ARGENTINA
Copyright by
ILJA M. TROTZKI, N. YORK

ELIAHU TROTZKI

GALUTH DAICHLAND

(Impresiones sobre Alemania)

EDITADO POR LA
UNION CENTRAL ISRAELITA POLACA
EN LA ARGENTINA

BUENOS AIRES
AÑO DEL LIBERTADOR GENERAL SAN MARTIN - 1950

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
Industria Argentina

אינהאַלט:

קאַפּיטל איינס: אין פּאַריז — 9

" צוויי: אויפן וועג קיין דייטשלאַנד — 42

" דריי: די ערשטע באַגעגעניש — 49

" פיר: נקמה איז זיס — 56

" פינף: אין די לאַגערן — 64

" זעקס: מיט די שארית הפליטה — 71

" זיבן: דאָרט ווו עס שמאַכטן די נאַצי־רוצחים — 79

" אַכט: רואינען און לעבן — 86

" ניין: די דייטשע ווירקלעכקייט — 99

" צען: אין די אַלפּן־בערג — 107

" עלף: נקמה־נעמער — 117

" צוועלף: „וועהר־וועלף" — 137

" דרייצן: „ווֹלאַסאָווצעס" — 141

" פערצן: אַ סאָוועטישער ייד וואָס זוכט גאָט... — 155

" פופצן: קעמפער פאַר מדינת ישראל — 163

" זעכצן: אַ ייד וואָס האָט געדינט פּעמדע געטער — 171

" זיבעצן: די דייטשן יידן... — 178

" אַכצן: דער לעצטער עטאַפּ — 186

" ניינצן: צו דער וועלט פון שלום — 195

ביכער־רשימה — 201

פּרעסע־שטימען — 203

געווידמעט

מיין טייערער לעבנסבאַגלייטערין

אַנאַ

קאַפּיטל איינס

אין פּאַריז

1

„לאָנדאָן איז גרעסער, ניו יאָרק — העכער, פּעקין — מיסטעריעזער, קאָנסטאַנטינאָפּאָל — פאַרלאָקנדער, אָבער אין ערגעץ שפּירט מען נישט אַזוי שטאַרק דעם פראַנצויזישן נאַציאָנאַלן געניוס ווי אין פּאַריז. פּאַריז איז עפּעס אַזוי מענטשלעך, אַזוי איבערמענטשלעך, עפּעס וואָס מען פילט מיט דער נשמה און וואָס איז שווער אָנטאַפּן מיט די הענט...״

אַזוי כּאַראַקטעריזירט דער באַוווּסטער פראַנצויזישער שרייבער קלאָר פאַרער די פראַנצויזישע מעטראָפּאָל. עס איז בפירוש שווער צו געפינען אַ פיינערע און סובטעלערע ליטעראַרישע פאָרמולירונג פאַר דעם וואָס פּאַריז שטעלט מיט זיך פאָר אַרכיטעקטאָניש, גייסטיק און אויך בנוגע דער שיינקייט פון זיין נאַטור. דער אָנגענומענער כּלל, אַז יעדער קולטור־מענטש באַזיצט צוויי פאָטערלענדער: זיין אייגנס און פראַנקרייך גילט נאָך עד היום ווי אַן אומדערשיטערלעכער פאַקט.

אויפן וועג פון לע־האַוור קיין פּאַריז, באַטראַכטנדיק פון פענצטער פון וואַגאָן־קופּע די פּרעכטיקע נאָרמאַנדישע נאַטור, צוקוקנדיק זיך צו דער פיבערהאַפטער אינטענסיוויטעט, מיט וועלכער דאָס פראַנצויזישע פאָלק רעסטאַווריִרט די מלחמה חרבנות און פאַרהיילט זיינע קריגס־וווּנדן, האָט זיך מיר כּסדר געטראַכט, ווי וועל איך אָנטרעפן פּאַריז? ווי זעט אַצינד אויס די זוניקע שטאָט פון מיינע יוגנטלעכע טרוימען, אָט יענע גלאַנצפולע פראַנצויזישע הויפּטשטאָט, וואָס איז אַמאָל געווען דער חלום פון יעדן פרייהייטליבנדיקן גייסט? פּונקט מיט צען יאָר צוריק האָב איך מיך אָפּגעזעגנט פון פּאַריז, ווו דעמאָלט האָבן געקאָכט און געבושעוועט פּאָליטישע

לײדנשאַפֿטן און װוּ ערגעץ אין די באַהעלטענישן פֿון דער ברױנער „פֿינפֿטער קאָלאָנע” איז בהדרגהדיק צוגעגרייט געװאָרן דער פֿארראַט און מאָרד פֿון דער דריטער רעפּובליק.

אַלץ װאָס מיר איז לעצטנס אױסגעקומען צו לײענען װעגן פֿראַנקרײך איז געװען מערסטנס אַזױ טונקל און װײטיקלעך, אַז איך האָב געהאַט אַלע סיבות מורא צו האָבן די באַגעגעניש מיט פּאַריז. װאָס שנעלער אונדזער צוג האָט זיך דערנענטערט צו פּאַריז, אַלץ שטאַרקער איז געװאַקסן דער אינערלעכער אומרו. און אָט קלאַפּן שױן די רעדער פֿון אונדזער באַן אױף די רעלסן פֿון פּאַריזער פֿאַרשטעט. נאָך עטלעכע מינוטן פֿאָרן און אונדזער צוג רײַסט זיך אַרײַן מיט ליאַרעם און אימפּעט אין אײנעם פֿון די פּאַריזער װאָקזאַלן.

איך װײס באמת נישט, װאָס איז דאָס געװען: די פֿאַרליבטע אױגן פֿון אַן עלטערן מענטש אָדער די מאַכט פֿון פֿרעכטיקן פֿרילינגס־נאָכמיטאָג, אָבער מיר האָט זיך געדוכט, אַז פּאַריז איז פֿריער קײנמאָל נישט געװען אַזױ שײן, ציכטיק און פֿאַרכאַפּנדיק װי דאָס מאָל!... דער אױטאָמאָביל, מיט װעלכן מײַנע פֿרײַנט זענען געקומען מיך אָפּנעמען פֿון באַן, גליטשט זיך דורך גוט באַקאַנטע גאַסן און עװעניוס, קרײצט פּלעצער און בריקן און אין מײַן װיזיע דאַכט זיך מיר, װי יעדעס הױז, יעדער מאָנומענט אָדער פּריש צעבליטער בױם גריסט מיך װי אַן אַלטן גוטן פֿרײַנט.

די ערשטע פּאָר טעג פּרוּװ איך אױף אַלע אופֿנים אױסצומײַדן באַגעגענישן אָדער אָפֿיציעלע װיזיטן. ס'איז פֿאַר מיר קלאָר, אַז מיטן מאָמענט, װען איך פֿאַל אַרײַן אינעם רשות פֿון מײַנע חברים און פֿרײַנט, איז אױס מיט דער באַזיכטיקונג פֿון פּאַריז. עס גלוסט זיך אַזױ אָפּצופּרישן די דראַאינערונגען און אײַנדריקן פֿון אָט דער אײגנאַרטיקער שטאָט. יעדע אַלטע גאַס, יעדער מחמת אַלטערטימלעכקײט גרין געװאָרענער בנין און אַפֿילו דער ברוק אָטעמען מיט געשיכטע אָדער היסטאָרישער פֿאַרגאַנגענהײט.

װי כאַפּט מען זיך נישט אַרײַן אױף אַ שעה־צװײ אין לוּװר אָדער אין לוקסעמבורגער מוזעאום?... װי מאַכט מען נישט קײן שפּאַציר דורך די גאַלעריען מיט די אומשטערבלעכע װערק פֿון טיציאַן, רובענס, לעאָנאַרדאָ דאַ װינטשי אָדער ראַפֿאַעל? װי שטעלט מען זיך נישט אָפּ באַטש

אויף עטלעכע מינוטן פאַר די שאַפונגען פון וועלאַסקעס, אָדער גריעגאָ? עס וואָלט דאָך בפירוש געווען אַן עבירה נישט צו וואַרפן אַ בליק אויף דעם, וואָס אויך דער יידישער קינסטלערישער געניוס האָט געשענקט פראַנק־רייך און ממילא דער מענטשהייט.

מען פילט זיך אינערלעך געהויבן, ווען מען זעט, אַז פון די ווענט פון לוווּר און לוקסעמבורגער מוזיי קוקן אַראָפּ די לייוונטן פון מאַרק שאַגאַל, מאַנע קאַץ, בען, ריבאַק און נאָך אַנדערע יידישע מאָלער, וועמענס שאַפונגען רופן אַרויס באַגייסטערונג און קאָנקורירן מיט פאַן־גאָג, מעניע, פּיקאַסאָ אָדער אַנדערע וועלט־באַרימטע מייסטערס.

נישט קלענער איז דער באַגער צו באַזוכן די קירך פון נאָטר־דאַם דע פּאַרי. די דאָזיקע קאַטעדראַל און אַרכיטעקטאָנישער שעדעווער, וועמענס יסוד עס האָבן מיט אַ טויזנט יאָר צוריק געליינט פּשוטע שטיינער־אַרבעטער (מאַסאָנען) איז פּאַקטיש עד היום פולקאָם נאָך נישט פאַרענדיקט. יעדעס מאָל, ווען עס קומט מיה אוים צו באַזיכטיקן דאָס קאַטוילישע הייליקטום פון פּאַריז, רופן אַרוים ווייניקער מיינע באַוווּנדערונגען זיינע אוצרות פון רעליגיעזן קולט ווי איין איינציקע סטאַטוע, אַ פּראָדוקט פון איינפאַכער פאַנטאַזיע.

ווער ס׳האָט אַמאָל געזען אָדער וועמען ס׳איז באַקאַנט פון דער קולטור־היסטאָריע די געשיכטע פון דער באַרימטער קאַטעדראַל, ווייסט מסתמא, אַז אַלע פאַסאַדן פון נאָטר־דאַם־דע־פּאַרי זענען באַצירט מיט קאַטוילישע הייליקע און באַפּוצט מיט אַלעגאָרישע פיגורן, מערסטנס פון דער חיה־שער וועלט, אָדער פון דער וועלט פון בייזע רוחות. חיות, שדים קלעפּן זיך אויף די ווענט פון דער קאַטעדראַל, שרעקן מיט זייערע פאַרצאָגטע צורות די גלויביקע, ווי זיי וואָלטן אויסשרייען זייער פּיין פאַר נישט טאָרן אַריינקומען אין דער קירך. אויפן דריטן גאָרן פון דער קאַטעדראַל, וווּהין מען דערקלייבט זיך דורך אַן ענגן דורכגאַנג און עטלעכע צענדליק טרעפּ, שטייט אויפגעשטעלט אין זיין גאַנצער גרוים דער טייוול, דער באַהערשער פון גיהנום, דער אַזוי גערופענער „דענקער". ער שטייט אָנגעשפּאַרט מיט ביידע הענט אויף דער באַליוסטראַדע, זיינע שוואַרצע פליגל זענען אויס־געסטאַרטשעט קעגן דעם הימל און זיין לענגלעכער, מעפיסטאָפעלישער פּנים, אויף וועלכן עס ברענען צוויי טייוולאָנישע אויגן, קוקט אָנגעשטרענגט

אויף פּאַריז. אין דער גאַנצער פּאָזע פונעם מחבל שפּירט מען אַ טיפע פּאַרטראַכטקייט. בלויז זיינע געפּערלעכע אויגן רעדן פון פאַראַכטונג און מינדערשעצונג צו דעם אַלעם, וואָס ליגט דאָרט אונטן אין דער שטאָט און אונטער זיינע פיס. ווער ס'איז דער שעפער פון דער דאָזיקער וווּנדערלעכער אַלעגאָרישער פיגור, וואָס איז אויסגעפּאָמירט פון איינפאַכן גראַניט, איז ביז היינטיקן טאָג נאָך אומבאַקאַנט. אַ גאַנצע ליטעראַטור איז אָנגעשריבן וועגן דעם „טייוול־דענקער", וועמענס פינצטערער פּרצוף הערט נישט אויף צו באַפליגלען די פאַנטאַזיע פון מאָלער, סקולפּטאָרן און דיכטער. מען זאָגט, אַז דער גרויסער פראַנצויזישער סקולפּטאָר ראָדען, דער פאָטער פון מאָדערניזם אין מאָדעלירן־קונסט, האָט געשאַפן זיין באַרימט ווערק, וואָס רופט זיך אויך „דער דענקער", אונטער דעם איינפלוס פונעם טייוול, וואָס קוקט שוין עטלעכע הונדערט יאָר אַראָפּ אויף די טומלדיקע און זינדיקע גאַסן פון מעטראָפּאָל.

דריי טעג האָב איך זיך אַרומגעדרייט אין פּאַריז, איינזאַפּנדיק אין זיך איינדריקן און אָפּפרישנדיק דעראינערונגען. דער פּרעכטיקער טיולערי־גאָרטן, דאָס אַמאָליקע פראַנצויזישע קעניגן און זייערע קורטיזאַנקעס, שטייט, ווי מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק, יוגנטלעך און צעבליט אין זיינע שפּאָגל־נייע פרילינגס בגדים. ברייט האָט ער זיך צעלייגט אין סאַמע האַרץ פון פּאַריז, לעבן דעם באַרימטן פּלאַץ קאָנקאָרדיאַ. ווען די ביימער פון טיולערי־גאָרטן און די ווענט פון די אַרומיקע פּאַלאַצן וואָלטן געקענט רעדן, וויפל סודות און פאַרבאָרגענע היסטאָרישע פּאַסירונגען וואָלטן זיי געקאָנט דער מענטשהייט דערציילן.

אויסערלעך האָט זיך גאָרנישט געענדערט אין פּאַריז. דער עיפּעלטורעם, דער אינוואַלידן־בנין, ווו דער גרויסער נאַפּאָלעאָן ליגט באַגראָבן, די גרויסע אָפּערע און הונדערטער אַנדערע היסטאָרישע געביידעס אָדער מאָנומענטן שטייען אומבאַרירט פון קריג אויף זייערע פּלעצער. פּונקט ווי מיט צען אָדער צוואָנציק יאָר צוריק, ווערט אונטער די אַרקעס פון דעם טריומף־טויער, ווו עס איז דער קבר פון „אומבאַקאַנטן סאָלדאַט", יעדן זונטיק אָנגעצונדן אַ סימבאָלישער פייער לכבוד וועלבן עס איז קריגס־העלד.

די פראַנצויזן מיט זייערע משפחות שפּאַצירן נאָך אַלץ פיין אויס־

געפּוצט דורך די „עליסייער פעלדער", פּילן אָן די אומצאָליקע קאַפע־הייזער און רעסטאָראַנען אָדער פאַרווײלן זיך אין די עקזאָטישע כינעזישע „שעד־שטובן", וואָס ליגן מאַלעריש פונאַנדערגעוואָרפן ארום די אידילישע אָזיערעס אין בולאָנער־וואַלד.

הגם דער קריג האָט אַרויסגעוויזן גרויסן חסד לגבי פּאַריז און די ברוינע בעסטיעס האָבן קיין צייט נישט געהאַט צו צעשטערן די אייביקע שטאָט, מערקט זיך דאָך אין איר קאָלאָריט אַ נייע נאָטע.

יענע וועלכע געדענקען מאָנפּאַרנאַס אָדער מאָנטמאַרטר, וואָלטן זיי נישט דערקענט. דאָס מיינט נישט, אַז אָט־אָ־דיביידע קוואַרטאַלן, ווו עס האָט זיך תמיד קאָנצענטרירט די שריפטשטעלעריש־קינסטלערישע באַ־העמע, פון וועמענס קאַפע־הייזער, רעסטאָראַנען אָדער סאַלאָנען עס זענען אַרויסגעקומען צענדליקער באַרימטע גייסטער, האָבן געענדערט זייער פּרצוף. ניין, דאָס אַלץ איז געבליבן ביים אַלטן: די באַוווּסטע קאַפע־הייזער „דאָם" און „קופּאָל" — די באַליבטסטע טרעפפונקטן פון דער אינטער־נאַציאָנאַלער שריפטשטעלערישער־קינסטלערישער וועלט, שטייען ווי זיי זענען געשטאַנען. זיי זענען אַקוראַט אַזוי שיין, ווי אַמאָל, אָבער דער עולם, וואָס קומט זיך דאָרט צוזאַמען, איז נישט דער זעלבער, ווי פאַר דער מלחמה. מען זעט נישט די אַמאָליקע יוגנטלעך־ענטוזיאַסטישע פּנימער, מען שטויסט זיך נישט אָן אויף שרייבער און קינסטלער מיט בערד און וואָנצעס אָדער געקליידט אין אויסטערלישע בגדים. מען הערט אויך נישט מער קיין היציקע דעבאַטעס אָדער שטורמישע געלעכטער־קאַסקאַדן, וואָס פלעגן זיך אַמאָל טראָגן פון די געדיכט באַזעצטע טישלעך פון „קופּאָל" און „דאָם". פון די דאָזיקע צוויי קאַפע־הייזער, וועלכע האָבן געמאַכט אַזוי באַליבט דעם מאָנפּאַרנאַס און וועלכע זענען פאַראייביקט אין דער וועלט־ליטעראַטור, זענען געבליבן בלויז די פאַסאַדן, די נעמען און די אינערלעכע איינריכטונג. דער געטלעכער גייסט, דער גייסט פון בונטאַרן, אמת־זוכער, וועלט־פאַרבעסערער אָדער פאָרשער פון נייע וועגן און פאָר־מען אין דער שעפערישער וועלט איז פון זיי אָפּגעפלויגן.

דער עולם אין „קופּאָל" און אין דעם „דאָם" איז געוואָרן אַ לייטי־שער, אַ סטאַטעטשנער, אַ פיין־אָנגעטוענער, גוט אָפּגעגאָלטער און זויבער־לעך צוגעקעמטער. ווען שאַרל ראַפּאָפּאָרט, דער באַוווּסטער פראַנצויזיש־

יידישער פּאַרלאַמענטאַריער און זשורנאַליסט, איינער פון די נאָענטסטע פריינט פון דעם דערמאָרדעטן גרויסן גייסט זשאַן זשאָרעס, וואָלט אויפגעשטאַנען תחית המתים און אַריינגעקוקט אין זיין שטאָט־קאַפּעהויז „קאָר פּאַל", וואָלט ער זיכער צום צווייטן מאָל געשטאָרבן. אויך זיי, צו לאַנגע יאָר, זלמן שניאור, שלום אַש, דוד איינהאָרן און אַ סך אַנדערע לעבנדיקע און שאַפנדיקע יידישע שרייבער, מאָלער אָדער קינסטלער, וועלכע זענען יאָרן־לאַנג געווען שטענדיקע תושבים אין די דערמאָנטע קאַפּע־הייזער, וואָלטן זיך זייער געוווּנדערט, צוליב דעם געביטענעם גייסטיקן פּרצוף פון זייערע ליבלינגס־ערטער.

ווי הייסט נאָך דאָרט ביי דעם דיכטער: „אַנדערע צייטן, אַנדערע פייגל, אַנדערע לידער" . . .

פראַנקרייך לעבט איבער נייע און נישט קיין לייכטע צייטן. פּאַריז איז נישט נאָר פראַנקרייכס מעטראָפּאָל, נאָר אויך איר גייסטיקע און פּאָליטישע לאַבאָראַטאָריע, וווּ עס ווערט אויסגעפּאָרמירט און אויסקריסטאַליזירט דער פּאָליטישער, סאָציאַלער און קולטורעלער לעבנס־שטייגער פונעם גאַנצן פאָלק.

אויב די דייטשע אָקופּאַציע האָט נישט פאַרוואַנדלט דאָס לאַנד אין חורבות, ווי דאָס איז געשען אין אַנדערע לענדער פון אייראָפּע, האָט זי דערפאַר אָבער באַוויזן די קונסט אויסצופּלינדערן דעם גרעסטן טייל פון פראַנצויזישן פאָלק כמעט ביז צום העמד. די פראַנצויזן זענען תמיד געווען בקיאים אויפן פינאַנציעלן געביט, אָבער שלעכטע ווירטשאַפטלער. די פראַנצויזישע עקאָנאָמיק איז אַלעמאָל געשטאַנען הינטערשטעליק לגבי דער דייטשער אָדער ענגלישער.

די ירושה, וואָס די ברוינע באַרבאַרן האָבן איבערגעלאָזן פראַנקרייך, איז אַזאַ נעבעכדיקע, אַז אַפילו די גלענצנדיקע פראַנצויזישע פינאַנץ־קעפּ זענען נישט בכוח זי צו פאַרבעסערן.

די הלוואה, וואָס לעאָן בלום האָט זיינער צייט באַקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט קוים געקלעקט כדי צו פאַרקלעפּן די גרעסטע לעכער אין די מלוכהשע פינאַנצן און ווי עס איז צו ראַטעווען די נאַציאָנאַלע עקאָנאָמיק פון אַ פולשטענדיקן צוזאַמענבראָך.

פאַר איינעם, וואָס קומט קיין פראַנקרייך און וועלכער באַזיצט אויגן

צו זען נישט בלויז דעם אויסערלעכן גלאַנץ פון פּאַריז, מאַרסעל אָדער ניצאַ, נייערט אַ ביסל טיפער, קאָן נישט בלייבן פאַרבאַהאַלטן דער פאַקט, אַז דאָס לאַנד איז עקאָנאָמיש קראַנק און מאַכט דורך אַ שווערן איבער־גאַנגס־פּראָצעס פון קריגס — צו נאָרמאַלער ווירטשאַפט.

אויבערפלעכלעך און בעיקר אין די עלעגאַנטע קוואַרטאַלן פון פּאַריז, ליאָן, שטראַסבורג אָדער מאַרסעל, מערקט מען דאָס צוערשט נישט. די געשעפטן אויף די פּאַריזער בולוואַרן זענען ממש אָנגעפּילט מכל טוב. מען קען דאָ באַקומען נישט נאָר די בעסטע און שענסטע קליידער, שיך, דאַמען־טואַלעטן וכדומה, דאָ איז לייכט צו קויפן די שווערסטע פּעלצן, בריליאַנטן, פּערל ווי אויך אַנדערע איידלשטיינער. די האָטעלן און רעס־טאָראַנען זענען אויפסניי רעמאָנטירט, קאָמפּאָרטאַבל אויסגעשטאַט און דער געשעפטסמאַן אָדער טוריסט וואָס קומט קיין פּאַריז קען זיך באמת אויף גאָרנישט באַקלאָגן. אים פעלט גאָרנישט און אַלץ שטייט אים צו דינסט כל זמן ער איז אימשטאַנד צו באַצאָלן די געהעריקע פּרייזן. און אָט ביי ענין פּרייזן שטויסט מען זיך תיכף אָן אָן די ערשטע סימפּטאָמען פון פראַנקרייכס ווירטשאַפטלעכער קראַנקהייט. איך מיין דעם יקרות.

געוויס, פאַר איינעם וואָס קומט מיט דאָלאַרן אָדער מיט שווייצאַ־רישע פראַנקן אין טייסטער שפּירט זיך נישט אַזוי שווער די טייערקייט.

דער דורכשניטלעכער פראַנצויז, וועלכער האָרעוועט שווער, האָט אַ פרוי און קינדער און פאַרדינט זיין ברויט אין פראַנקן, רעכנט אוים יעדן פראַנק, כדי צו קענען צוזאַמענבינדן אָן עק מיט אַן עק.

ביי מיין פאַרלאָזן ניו יאָרק האָט מיין משפחה מיך ממש געצוווּנגען מיטנעמען אַ גאַנצן קאַסטן מיט פאַרשידענע שפּייז־זאַכן, אוים מורא. אַז איך זאָל חלילה נישט פאַרהונגערן אין פראַנקרייך. דער קאַסטן מיט שפּייז איז טאַקע באַלד זייער צוניץ געקומען, אָבער נישט פאַר מיר. זיין אינ־האַלט האָט זיך אַנטפּלעקט אַלס די שענסטע מתנה פאַר אייגענע פריינט און באַקאַנטע, וועלכע מאַטערן זיך נעבעך זייער און וועמענס שכירות אין פראַנקן סטאַיען קוים פאַר אַ באַשיידנסטער עקזיסטענץ. באַזונדערס שווער ליידט די פראַנצויזישע אינטעליגענץ אין אַלע אירע שאַטירונגען. בעסער גייט עס דעם פּראָלעטאַריאַט, בעיקר דעם קוואַליפיצירטן אַרבעטער, וועלכער ווערט איצט געזוכט און גוט באַצאָלט. פראַנקרייכס עקאָנאָמישע

דעפּרעסיע איז די צווייטע זייט פון דער מטבע, וואָס רופט זיך סאָציאַל־ווירטשאַפטלעכער קריזיס. נאָך טרויעריקער ווערט עס, ווען מען פאַרלאָזט די שטראַלנדיקע פאַריזער בולוואַרן און אַוועניִדאַס און מען פאַרבלאָנ־דזשעט אין די גאַסן און געסלעך ערגעץ אין קאַרטיע סאַן־מישעל אין בי־לאַנקור אָדער אין די אַנדערע מקומות, ווו עס לעבן די סאָציאַל־אָרעמע שיכטן פון דער הויפּט־שטאָט. דאָ זעט מען זיך אָן בילדער און סצענקעס, וועלכע צווינגען דעם באַאָבאַכטער זיך צו פאַרטראַכטן, צו מאַכן אָביעק־טיווע אויספירן און אויסגעפינען דעם סינטעז פון דעם, ווי פראַנקרייך זעט אין אמתן אויס.

2

פאַריז איז די טיר צום אייראָפּעאישן יידישן חורבן. דאָ שטויסט מען זיך אָן אויף די ערשטע אוממיטלבאַרע קרבנות פון די נאַציסטישע רציחות. העכער צוויי הונדערט טויזנט יידן האָבן בעת מיין באַזוך אין יאָר 1948 געלעבט אין פראַנקרייך. דער רוב אין דער פראַנצויזישער הויפּטשטאָט. פאַריז איז נאָך דער באַפרייאונג פון דער ברוינער אָקופּאַציע אויפסניי גע־וואָרן אַ גרויסער ישוב, ווו עס פולסירט אַ פולבלוטיק און אינטענסיוו יידיש לעבן. יידישע געשעפטן, יידישע פאַבריקן און יידישע וואַרשטאַטן, יידי־שע צייטונגען, זשורנאַלן, טעאַטערן, געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע אינסטיטוציעס. די פאַריזער יידישע גאַס, דאָס מיינט די קוואַרטאַלן אַרום טעמפּל, פּלאַץ רעפּובליק, די דאָזיקע און אַנדערע פון יידן באַליבטע גאַסן, זענען ווי פריער, אָנגעפילט מיט יידישער דינאַמיק, אימפּולסיוויטעט און אימפּעט. אין די יידישע רעסטאָראַנען אָדער קאַפעהייזער הערשט אַ פּי־בערדיקע אַטמאָספערע פון רעש און הו־האַ, ווי ס׳וואָלט אינעם לעבן פונעם פאַריזער יידנטום זיך גאָרנישט געביטן.

אַזוי אָבער זעט עס אויס בלויז אויבערפלעכלעך. אין תוך האָבן דער קריג און די נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע פאַראורזאַכט אַ טיפע איבער־קערעניש אין דעם פּילן און דענקען פונעם ייד, וועלכן עס איז געלונגען ניצול צו ווערן פון די געשטאַפּאָ־נעגל און זיך צו ראַטעווען קיין פראַנק־רייך. די סימפּטאָמען פון דער דאָזיקער מעטאַמאָרפאָזע וואַרפן זיך אין

די אויגן באַלד ווי מען קומט אין אַ נענטערן קאָנטאַקט מיט די תושבים אין פראַנקרייך. עס איז כמעט פולקאָם פאַרשוווּנדן די אַמאָליקע זיכער־קייט, אין וועלכער עס האָבן געלעבט די יידן. הגם די פראַנצויזן האָבן זיך אין דער טרויעריק־באַרימטער ווישי־עפּאָכע באַנומען ווייט נישט אַזוי געמיין און נידערטרעכטיק ווי די דייטשן, און פיל פראַנצויזן האָבן אַרויס־געוויזן לגבי די יידן מענטשלעכע געפילן, איז פאָרט אין דער יידישער נשמה פאַרבליבן אַ פאַרדרוס, אַ מין פּסיכישער ברוך, וואָס באַדאַרף דורכמאַכן אַ לאַנגן פּראָצעס, כדי געהיילט צו ווערן. פּסיכישע דערשיטער־רונגען זענען תמיד דויערנדיקער ווי קערפּערלעכע וווּנדן. זיי גראָבן זיך איין אין די טונקעלע טיפענישן פונעם מענטשלעכן אונטערבאַוווּסטזיין ווי אַ כראָנישע קרענק, וואָס פאָדערט אַ מיזאַמע און פאָרזיכטיקע קוראַ־ציע. דער אייראָפּעאישער ייד און ממילא אויך דער פראַנצויזישער, אפילו דער אומפאַרבעסערלעכער אַסימילאַנט, איז שווער אַנטוישט אין דעם מענטש בכלל. ער טרויט נישט דעם קריסטלעכן מיטבירגער, וועלכער האָט אים אַזוי ביטער פאַרראַטן.

הומאַניזם, מענטשן־גלייכהייט, אידעאַליזם און אַ סך אַנדערע „איז־מען", וועלכע האָבן אַמאָל געקלונגען אַזוי פאַרלאָקנדיק און געגאָלטן אַלס אייביקע אמתן, האָבן זיך אַנטפּלעקט אַלס אָפּגעריבענע מטבעות, וואָס האָבן פאַרלוירן יעדן ווערט אין דער וועלט פון אידעען. אָט־די אַלע שיינע אידעען און הויכע פּרינציפּן האָבן פאַרלאָרן זייער אורשפּרינגלעכן ווערט. זייער אידעאַליסטישער אינהאַלט האָט זיך אויסגעוועפּט און זיך פאַרוואַנדלט אין פוסטער פראַזעאָלאָגיע. די יידן אין פראַנקרייך האָבן אַלע סיבות פאַר זייער אומצוטרוי צו זייערע קריסטלעכע מיטבירגער. דער צוקונפטיקער היסטאָריקער פון דער פראַנצויזישער רעסיסטענץ־באַוועגונג וועט נישט קענען פאַרלייקענען דעם פאַקט, אַז די יידן זענען געווען נישט נאָר די אַקטיווסטע קעמפער קעגן די ברוינע אָקופּאַנטן, נייערט די איניציאַטאָרן פונעם „אונטערגרונט". דעם נאָמען פון דוד קנוט, דעם ייד און דעם באַ־וווּסטן רוסישן פּאָעט, וועט די פראַנצויזישע געשיכטע נישט קענען פאַר־פאַרשווייגן. ער, דוד קנוט, און זיין טאָכטער, שפּעטער אַ פּראָמינענטע פי־גור אין דער „הגנה", זענען געווען די פּראָמאָטאָרן פון דער אונטערער־דישער באַוועגונג אין פּאַריז. נישט איין נאַציסטישער מיליטער־צוג איז

אַראָפּגעגאַנגען פֿון די רעלסן און נישט איין געשטאָפּאָ־בעסטיע האָט באַ־צאָלט מיט איר לעבן אויפֿן באַפֿעל פֿון דוד קנוט אָדער זיין הערָאאישער טאָכטער.

און וויפֿל הונדערטער אַנדערע יידישע בחורים און מיידלעך, וועמענס נעמען זענען געבליבן אומבאַקאַנט, האָבן אָפּגעגעבן זייערע יונגע לעבנס אָדער זיי זענען געבליבן אינוואַלידן אינעם אומגלייכן קאַמף פֿאַר דער באַפֿרייאונג פֿון פֿראַנקרייך. לעבנדיק אין כסדרדיקער סכנה, שטענדיק אין קאָן זייערע פֿיזישע עקזיסטענצן, איז זיי אַפֿילו נישט איינגעפֿאַלן צו באַוואָרענען אייגענע אינטערעסן אָדער פֿאַרלאַנגען גאַראַנטיעס פֿאַר דער צוקונפֿט.

זיי האָבן פֿעסט געגלויבט אין דעם פֿראַנצויזישן יושר־געפֿיל, געלעבט מיט דער אילוזיע, אַז די גלאָררייכע פֿראַנצויזישע אומה וועט נאָך דער באַפֿרייאונג פֿון פֿרעמדן יאָך אויך נישט פֿאַרגעסן דעם יידישן חלק אין דעם הערָאאישן קאַמף קעגן דעם פֿאַרהאַסטן שונא.

גרויס איז געווען די יידישע אַנטוישונג באַלד נאָך דער באַפֿרייאונג, בעיקר אָבער ווען די יידן האָבן אָנגעהויבן צו פֿאָדערן זייערע וווינונגען אָדער די אַריעריזירטע פֿאַרמעגנס. דעמאָלט האָט זיך פּלוצים אַנטפּלעקט די צווייטע, פֿאַרהילטע זייט פֿונעם פֿראַנצויזישן פּרצוף.

אַ כוואַליע פֿון אַנטיסעמיטיזם האָט זיך אַ קייקל־געטון דורכן גאַנצן לאַנד. דער ייד האָט זיך פֿון אַ מיטקעמפֿער און מיטבאַפֿרייער פֿאַרוואַנדלט אין אַן אומבאַקוועמען און לעסטיקן אויסלענדער.

אמת, די פֿראַנצויזישע נאַציאָנאַלע קאָנסטיטואַנטע, צווישן וועמעס מיטגלידער אָדער אַפֿילו מיניסטאָרן עס זענען געווען אויך איינצלנע יידן, האָט אָנגענומען אַ געזעץ אומצוקערן די יידן זייערע הייזער, דירות אָדער פֿאַרמעגנס, אָבער דאָס געזעץ איז אַזוי אָנגעפּיקעוועט מיט פֿאַרשידענע יורידישע דריידלעך, אַז עס פֿאָדערן זיך לאַנגיאָריקע פּראָצעסן, כדי צו דערגרייכן אַ גערעכטן אורטייל. בלויז יחידים האָט דאָס מזל צוגעשפּילט בנוגע דעם צוריקבאַקומען די פֿאַרמעגנס זייערע. די מערסטע פֿראַנצויזישע יידן, ווי אויך מזרח־יידן, וועלכע האָבן זיך נאַטוראַליזירט אָדער סתם געלעבט אין פֿראַנקרייך, האָבן מחמת אינערלעכן פֿרידן אַ מאַך־געטון מיט די הענט אויף די געוועזענע רייכטימער און האָבן אָנגעפֿאַנגען צו בויען

עקזיסטענצן אויפסניי. אונדזער יידישע מארטיראלאגיע איז איבער־רייך מיט ביישפּילן, ווען דאָס פאָלק ישראל ווערט אויסגעריבטן און שענדלעך באַוואָלהעט. אָבער אַז אויך די פראַנצויזן וועלן צולייגן אַ האַנט צו דער חרפּהדיקער אויסרויבונג פון יידן, בפרט נאָכדעם ווען דער יידישער חלק אין פראַנקרייכס באַפרייאונג איז געווען אַזוי ממשותדיק און אינטענסיוו, אין דעם וואָלט קיינער נישט געגלויבט. די ווירקלעכקייט אָבער איז שטאַרקער פון אַלע פאָרשטעלונגען, וואָס מען מאַכט זיך בנוגע דעם אָדער יענעם פאָלק. אויך די גרויסע פראַנצויזישע אומה באַשטייט נישט פון לויטער צדיקים אָדער עטיש־פולקאָמענע מענטשן. משמעות אַז עס דאָמינירט אין דער פראַנצויזישער נשמה שטאַרקער דער מאַטעריאַליזם איידער דער הו־מאַניזם. היטלערס תורה האָט זיך אַרויסגעוויזן עפעקטיווער און פאַר־שטענדלעכער איידער מאָנטעסקיו אָדער זשאַן זשאַק רוסאָס הומאַניזם.

פון דעם אַלעם איז לייכט צו דרינגען, אַז די יידן אין פראַנקרייך זענען נישט אומזיסט מיסטרויאיש און פילן זיך נישט זייער זיכער אין לאַנד. אפילו די אור־פראַנצויזישע יידן, וועלכע האָבן טיף געגלויבט אין דער אומשטערבלעכקייט פון דער עמאַנציפּאַציע און ממילא אין דער אומ־באַרירלעכקייט פון זייערע בירגערלעכע און פּאָליטישע רעכט, זענען גע־וואָרן וויניקער אָפּטימיסטיש. אויך זייער פּאַרטרויען צום פראַנצויזישן פאָלק האָט געליטן אַ שווערן קלאַפּ און איז נישט מער אַזוי אייזן־פעסט ווי אַמאָל. זיי וואַגן שוין נישט צו באַהויפּטן, אַז „אין פראַנקרייך קען נישט פּאַסירן אַזוינס ווי אין דייטשלאַנד", דאָס מיינט, אַז דאָס פראַנצוי־זישע פאָלק איז בטבע איידעלער, הומאַנער, קולטורעלער און מענטשלע־כער ווי דאָס דייטשע.

געוויס, די „בלאָנדע בעסטיע" איז אַ פּראָדוקט פון טעאוטאָנישן גייסט, אָבער דער וויסי־רעזשים און זיינע רדיפות אויף די יידן האָט בולט מאַניפעסטירט, אַז צווישן די פראַנצויזן זענען אויך פאַראַן גאַנץ נישקשה־דיקע אויסוואָרפן און רשעים.

גלייכצייטיק מיט ליוב־געזאַנגען פאַרן פראַנצויזישן איידעלן גייסט און מענטשלעכקייט, וואָס מיר איז אויסגעקומען אויסצוהערן, האָב איך זיך אויך אָנגעהערט נישט וויניק מיאוסע מעשים מצד די פראַנצויזן לגבי די יידן.

בען און זיין פרוי גהערא, דאָס באַקאַנטע און טאַלענטירטע יידישע מאָלער־פּאָרל, וועלכע גענים ן דעם בעסטן שם אין דער פּאַריזער קונסט־וועלט, האָבן מיר דערציילט, אַז זיי זענען על פּי נס ניצול געוואָרן. גע־ראַטעוועט האָט זיי פון דעפּאָרטירט צו ווערן קיין פּוילן די פרוי פונעם פּאָרטיע. קנאַפּע דריי יאָר האָבן זיי אָפּגעלעבט באַהאַלטן אין אַ קעלער, נישט זעענדיק די ליכטיקע שיין. אַכט חדשים איז זייער אויסשטאַטונג באַשטאַנען פון אַ מאַטראַץ אויף וועלכן זיי זענען געזעסן, האָבן געגעסן און געשלאָפן. ערשט ביסלעכווייז האָבן זיי באַקומען אַ פּאָר בענקלעך, אַ טיש, אַ בעט בעיקר, מאָל־ברעטער און פאַרבן — די אַזוי דרינגענד נויטי־קע זאַכן פאַר זייער קינסטלער־באַרוף. די איינפאַכע פראַנצויזישע פרוי האָט באַוויזן אויף פאַרשידענע אופנים אויסצובאַהאַלטן דאָס מאָלער־פּאָרל פון די געשטאַפּאָ־אַגענטן און ווישי־פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן ממש פאַרוואַנדלט דאָס געיעג אויף יידן אין אַ מין ספּאָרט. אַ חוץ דעם פּאָרטיעס פרוי האָט נאָר איין פראַנצויזישע דאַמע, אַן אַריסטאָקראַטקע און זייער אַ רייכע, געוווּסט פון דעם באַהעלטעניש, אין וועלכן בען און גהערא האָבן זיך אויסבאַהאַלטן.

און גראָד די דאָזיקע „אַריסטאָקראַטקע", וועלכע האָלט אַזוי שטאַרק פון בענס מאָלערישן טאַלענט און וועמענס בילדער באַצירן די ווענט פון איר ווילע, האָט פּשוט באַגנבעט זיין ווינונג. זי האָט פון דאָרט אַרויס־געטראָגן זיינע פיינסטע חפצים, סקולפּטורן און מאָלערייען.

באַצאָלן פאַר דער נאַקעטער גנבה איז איר גאָר קיינמאָל נישט איינ־געפאַלן, אָבער אויך וועגן אומקערן די זאַכן האָט זי זיך נישט פאַרטראַכט.

— אַ סך יידן אין פראַנקרייך — דערציילט דער מאָלער בען, — האָבן דערשפּירט דעם אמתן טעם פון דער קריסטלעכער פריינטשאַפט ערשט בעת דער ברוינער אָקופּאַציע און דעם ווישי־רעזשים. משמעות, אַז דער רויב־אינסטינקט לעבט אַטאַוויסטיש אין דער פּסיכיק פון אַפילו קול־טורעלע און רייכע מענטשן. אויב אַן אַריסטאָקראַטישע דאַמע האָט זיך נישט געשעמט אויסצוניצן אונדזער טראַגישע לאַגע, כדי זיך אויף אונדזער חשבון צו באַרייכערן, טאָ וואָס קאָן מען פאַרלאַנגען פון אַן איינפאַכן און מער פּרימיטיוון מענטש? איר פאַרשטייט דאָך, אַז ליגנדיק אין קעלער און וויסנדיק, אַז אונדזער גורל געפינט זיך אין די הענט פון דער פּאָרטיע־פרוי,

האָבן מיר קיין געלט נישט געזשאַלעוועט. אונדזער רעטערין האָט, אמת, שטאַרק ריזיקירט מיט איר אייגענעם לעבן, אָבער דערפאַר האָט זי זיך געלאָזט טייער באַצאָלן. די רעכענונגען, וואָס זי פלעגט אונדז דערלאַנגען, האָבן אויסגעזען ווי מיר וואָלטן זיך נישט געוואַלגערט אין אַ לאָך, נייערט געלעבט אין אַ לוקסוסאַרטיקן האָטעל. צוויי יאָר מיט אַכט חדשים זענען מיר געווען פאַר דער פּאַרטיע־פרוי אַן אומדערשעפּלעכער געלט־קוואַל. אויב די פאַרטרייבונג פון די דייטשן איז פאַר אונדז געווען נישט בלויז אַ באַפרייאונג, נאָר אויך אַ מין תחית־המתים, איז אָבער די זעלבע געשעע־ניש פאַר אונדזער רעטערין געוואָרן אַ גרויסער פאַרלוסט. דער גאָלדענער שטראָם האָט זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט. עס איז געוואָרן אַ סוף צו די אַס־טראָנאָמישע רעכענונגען און רייכע טרינק־געלטער. די זיפצן, מיט וועלכע די פּאַרטיע־פרוי באַגלייט יעדע באַגעגעניש מיט אונדז, און נאָך מער איר תמיד טרויעריק פּנים זאָגן עדות, אַז אין אינערן פון הארץ באַדויערט זי דאָס פאַרשווינדן פון יענער הערלעכער צייט, ווען זי איז געווען די באַ־לעבאָסטע איבער אונדזערע לעבנס און בייטל . . .

געוויס, נישט אַלע פראַנצויזן זענען געווען אַזוי מאַטעריאַליסטיש אָדער געלט־גיריק: דער קאַפּיטל וועגן דער סיטואַציע פון די יידן אין פראַנקרייך בעת דער אָקופּאַציע, בעיקר אָבער די אופנים, ווי אַזוי אייניקע האָט זיך איינגעגעבן ניצול צו ווערן פון פאַרניכטונג איז בפירוש דראַמאַ־טיש און וואַרט נאָך אויף זיין היסטאָריקער.

עס וועט נישט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז אין די מערסטע יידישע הייזער אין פראַנקרייך שטויסט מען זיך אָן אין אַ קליינעם בית־עולם. דאָ פעלט אַ פאָטער, דאָרט — אַ מוטער, אין אייניקע הייזער טאָר מען נישט רעדן וועגן קינדער... מען מוז בכלל זיין פאָרזיכטיק מיט שטעלן פראַגן און זיך נאָכפרעגן נאָך עמיצן פון די משפּחה־מיטגלידער. די אָדער יענע גוט־געמיינטע אומפאָרזיכטיקע קשיא קען אויפרייסן אַן אומפאַרהיילטע ווונד אָדער אויפוועקן דערינערונגען, וועלכע מען וויל פאַרגעסן.

אָט זיץ איך למשל אין שטוב פון מיינע אַלטע און אינטימע פריינט: ער — אַ באַוווּסטער אַדוואָקאַט. זי — אַ הויכגעבילדעטע פרוי. שוין די אויסערלעכע אויסשטאַטונג פון זייער היים אין דעם פאָרנעמסטן קוואַר־טאַל פון פּאַריז איז אַ געלונגענער באַווייז פון זייער קונסט־געשמאַק.

אַן איינציקע טאָכטער האָט דאָס פּאָרל געהאַט, אַן אמתע שיינהייט און אַן אויסערגעוויינלעך טאַלאַנטירט מיידל. אָפּגעהיט און דערצויגן האָבן זיי זייער טאָכטער ווי דאָס קאָנען נאָר טון יידישע עלטערן. נאָך איידער די ברוינע בעסטיעס האָבן אָקופּירט פּאַריז, האָט די אַדוואָקאַט־משפּחה אויפגעשטעלט איר געצעלט אין ניצא. די טאָכטער האָט זיך אויס־באַהאַלטן ביי רוסישע קריסטן. פּאַרראַטן האָט זי אַ פראַנצויזישער האָטעל־באַזיצער, ביי וועמען אירע עלטערן האָבן אַמאָל געוווינט. דאָס מיידל איז געקומען אין האָטעל נעמען עפּעס פון אירע זאַכן, וואָס זענען דאָרט געלעגן פאַרבאַהאַלטן. דער אוממענטש, דער האָטעל־באַזיצער, האָט תיכּף טעלעפאָנירט צו דער ווישי־פּאָליציי און דאָס מיידל איז אַרעסטירט גע־וואָרן ביים פאַרלאָזן דעם האָטעל. זייט דעמאָלט איז זי שפּורלאָז פאַר־שוונדן. דאָס יונגע קינד האָט געוויס אויסגעהויכט איר לעצטן אָטעם ערגעץ אין טרעבלינקע אָדער אָשוויענטשים. אַלע נאָענטע פריינט פון דער יידישער אַדוואָקאַטן־משפּחה וויסן וועגן דעם גורל פון דעם אומגליק־לעכן מיידל, נאָר די עלטערן האָפן נאָך אַלץ, אַז זייער טאָכטער וועט זיך אויך אָפּגעפינען און אומקערן.

און אָט איז אַ צווייטע יידישע משפּחה, אויך נאָענטע פריינט, וועמענס אונטערפירער מיין פרוי און איך זענען געווען ביי זייער חופּה. ביי זיי אין שטוב איז בעסער נישט צו רעדן פון פאַמיליען־גליק. זייערע 2 קינדער — אַ זון און אַ טאָכטער — האָבן די בעסטיעס פאַרמאַטערט צום טויט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. ווי אַזוי די עלטערן האָבן באַ־וויזן זיך צו ראַטעווען, קלינגט ממש ווי אַ דערציילונג פון אַ וויסטן חלום. ער — אַ יוריסט און זייער אַ רייכער מענטש — איז ניצול געוואָרן אַ דאַנק דער נאַציסטישער טעמפּקייט. די נאַציסטישע רוצחים פלעגן יידישע קרי־מינאַל־פאַרברעכער ערשט דעמאָלט דעפּאָרטירן, ווען זיי זענען אָפּגעזעסן די צוגעמשפּטע שטראָף אין אַ תפיסה. מיין פריינט, וועמען עס האָט גע־דראָט דעפּאָרטירט צו ווערן קיין פּוילן, האָט פאַרשטאַנען, אַז אים קען ראַטעווען נאָר דאָס זיצן אין אַ טורמע. אָבער ווי ווערט מען אַ פאַרברע־כער? עס פאַלט אים איין אַ געדאַנק צו גנבענען אַ גאָלדענעם זייגער אין אַ יוּוועליר־געשעפט. ער ווערט געכאַפּט ביי דער גנבה און אַרעסטירט. עטלעכע וואָכן שפּעטער שטייט ער שוין פאַרן געריכט. דער פראַנצויזישער

שופט קען נישט באַגרייפן ווי אַזוי אַ יוריסט און אַ פּאַרמעגלעכער מענטש קען זיך דערקייקלען צו גנבה. ער האָט רחמנות מיטן מערקווירדיקן „גנב״ און פאַראורטיילט אים בלויז צו זעקס חדשים תפיסה.

אָבער אַ האַלב יאָר פאַרלויפט גאָר שנעל, בפרט ווען באַלד נאָך דער באַפרייאונג וואַרט די דעפּאָרטאַציע. עס מוז תיכף אויסגעפונען ווערן אַ נייער טריק, כדי זיך צו ראַטעווען.

די איינציקע רעטונג איז סימולירן משוגעת. צוויי יאָר נאָכאַנאַנד זיצט אָפּ מיין פריינט אין אַ פּסיכיאַטרישער קליניק. ער סימולירט פּערפעקט אַ משוגענעם.

— ווען די באַפרייאונג וואָלט זיך פאַרצויגן נאָך אויף עטלעכע חדשים — זאָגט ער — וואָלט איך אפשר באמת משוגע געוואָרן. צוויי יאָר אויסצוהאַלטן אין אַ סביבה פון פּסיכיש־קראַנקע איז נישט יעדער בכוח. פּסיכישע קראַנקהייט איז פּונקט אַזוי אַנשטעקנדיק ווי יעדע אַנדערע קרענק. דאָס סימולירן ווערט אַ געוווינהייט און פון געוווינהייט צו משוגע ווערן — איז בלויז איין שריט. נישט וויניק מי האָט מיך געקאָסט צו ברענגען אין גלייכגעוויכט מיין ווען און זיך אָפּצוגעוווינען פון סימולירן. עס איז אַ באַקאַנטער פאַקט, אַז מעדיקער־פּסיכיאַטערס זענען, מחמת זייער כסדרדיק צוזאַמענזיין מיט די פּסיכיש - קראַנקע, אַליין אפילו אַ ביסל אומנאָרמאַל.

אויף נאָך אַ שוידערלעכערן אופן האָט זיך געראַטעוועט די פרוי פון מיין פריינט. כמעט צוויי יאָר האָט זי אָפּגעלעבט פאַרבאַהאַלטן אין אַ שאַנדהויז. זי האָט געמוזט באַצאָלן אַ פאַרמעגן דער פּראָנצוויזישער באַלעבאָסטע פון דעם דאָזיקן שאַנדהויז, כדי צו ראַטעווען דאָס נאַקעטע לעבן.

— מיינע גרויע האָר, ליבער פריינט — זאָגט זי צו מיר — זענען ווייס געוואָרן אי מחמת דעם פאַרלוסט פון אונדזערע קינדער און נישט וויניקער צוליב דער זעלישער פּיין, וואָס איך בין אויסגעשטאַנען, בעת מיר איז אויסגעקומען צו לעבן אינעם הויז פון מענטשלעכער שאַנד. אָפּטמאָל חלומען זיך מיר נאָך די סצענקעס, וואָס איך האָב פונדערווייטנס באַאָבאַכטעט אָדער איך הער ווייבערישע היסטערישע געשרייען, וואָס וועקן מיך פון שלאָף. איך כאַפּ זיך אויף ציטערנדיק אויפן גאַנצן קער־

פער און באַדעקט מיט שוויס. איר האָט געלייענט עליזא יערוסאַלעמס ראָמאַן „דער הייליקער סקאַראַבעוס", אין וועלכן זי שילדערט דאָס לעבן אין אַ שאַנדהויז? אויב איר האָט יאָ געלייענט דאָס דאָזיקע פאַרכאַפּנדיקע ווערק, קען איך אייך זאָגן, אַז זיין אינהאַלט איז בלויז אַ בלאַסע אָפּ־שפּיגלונג פון דער ווירקלעכקייט. אַ שאָד, וואָס מיר פעלט יעדער שריפט־שטעלערישער טאַלאַנט... איך וואָלט קענען אויפן סמך פון מיינע פּער־זענלעכע איבערלעבונגען אָנשרייבן אַ בוך, וואָס וואָלט אויפגעציטערט די וועלט . . .

אַזעלכע און ענלעכע קליינע מענטשלעכע דראַמעס קומט אויס צו הערן כמעט אין יעדן יידישן הויז. איינע גרעסער, די אַנדערע קלענער. אָבער אַלע אָנגעפּילט מיט פּיין, פאַרביטערונג און דערנידערונג פון דער מענטשלעכער ווערדע.

יאָ, די יידן אין פראַנקרייך האָבן וואָס צו דערציילן. ווען עס וואָלט זיך געפונען איינער, וועלכער האָט געדולד, געזונטע נערוון און אַ שריי־בערישן טאַלאַנט, וואָלט ער אויפן סמך פון שמועסן מיט די יידן אין פראַנקרייך געקאָנט פאַרפאַסן איינע פון די דראַמאַטישסטע קאַפּיטלען פון דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע אין איראָפּע.

3

די באַרימטע ראָטשילד־שול אין דער פאַריזער גאַס וויקטואַר שטייט אין שטילער פאַרטראַכטקייט, אַרכיטעקטאָניש שיין, פונקט ווי זי איז עס געווען מיט 10 אָדער 20 יאָר צוריק. זי האָט איבערגעלעבט די אָקופּאַ־ציע, לאַוואַלס און פּעטענס פינצטערן סוף, ווי אויך היטלערס מיתה משו־נה. אַ באַנייטע און פיין באַפּוצטע זעט די שול אויס ווי אַ פאַרייאָנגערטע, אָבער עפּעס אַ מאָדנער מין פאַרטראַכטקייט ווייעט פון אירע ווענט, ווי ווען זיי וואָלטן זיך פאַרטיפן אין כסדרדיקן קלערן וועגן דעם טראַגישן גורל פון עם ישראל. עס דאַכט זיך, אַז אין דער פרעכטיקער פאַריזער פרילינגס־נאַכט, ווען די צעבליטע ביימער פּילן־אָן די לופט מיט שמע־קעדיקע ריחות, טראָגן זיך פון די שול־ווענט שווערע זיפצן אין די ווייטע הימלען. אַ סך האָבן זיך אָנגעהערט און אָנגעזען די אַלטע ווענט פון דער

ראָטשילד־שול און אַ סך וואָלטן זיי קענען דערציילן. נישט איינמאָל זענען זיי באַשמוצט געוואָרן דורך די טריפהנע הענט פון דייטשע אָדער פראַנ־צויזישע כוליגאַנעס. בלויז דורך אַ נס איז די הייליקייט פון דער שול נישט פאַרשוועכט געוואָרן און די שול גופא נישט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ נאַציסטישן פערד־שטאַל. דערפאַר אפשר האָבן די פראַנצויזישע יידן זיך געאיילט די שול אינעווייניק און אויסנווייניק אַזוי פיין צו רעמאָנטירן און צו רעסטאַוורירן איר אַמאָליקן גלאַנץ. אויך דער באַזוך אין דער שול אין די שבתים און ימים־טובים איז געוואָרן אַ גרעסערער.

— מיר האָבן זעלטן פאַרן קריג און פאַר דער אָקופּאַציע געהאַט אַזוי פיל מתפּללים ווי איצט — דערציילט דער שמש. משמעות, אַז די פראַנצויזישע יידן זענען פרומער געוואָרן. קומט אַמאָל צו אַ קבלת־שבת אָדער שבת אינדערפרי, ווען איר זען ווי די שול איז אָנגעפילט... מען דאַרף שוין מער נישט ציילן אויף די פינגער די צאָל פון די מתפּללם, ווי עס איז געווען פאַר דער מלחמה.

דאָס שבתדיקע דאַווענען אין דער ראָטשילד־שול איז נישט נאָר אַ גאָט־דינסט, נייערט אויך אַ קולטוס־ספּעקטאַקל אַן און פאַר זיך. פאַר אַ ייד, בעיקר אַ מזרח־ייד, אין וועמענס נשמה עס לעבן נאָך די דעראינע־רונגען פון דער פּשוטער שול אין דער אַלטער היים, אַ שול, אין וועלכער עס האָט געאָטעמט מיט אַ סביבה פון טיפער רעליגיעזער מיסטיק, איז אַ יאָהודישער רעפאָרמירטער טעמפּל נישט צום הארצן. די חזנישע תפילות זענען קוים פאַרשטענדלעך, די ליטורגישע מאָטיוון פונעם כאָר קלינגען פרעמד און די גאַנצע שול־אַטמאָספערע איז אַזוי קאַלט, אַז זי וועקט אַבסאָלוט נישט קיין רעליגיעזע עמאָציעס. אין אַן איינפאַכן בית־המדרש, ערגעץ אין דער ראָזיע־גאַס, פילט מען אַ שטאַרקערע נאָענטקייט צום בורא־עולם ווי אין פּרעכטיקן ראָטשילד־טעמפּל מיטן דעקאָראַטיוון חזן, הער־לעכן כאָר און וווּנדערבאַרן אָרגאַן. דערפאַר אָבער זענען אינטערעסאַנט די מתפּללים. אָט שטייען אין דער מזרח־וואַנט עטלעכע מיליטער־לייט אין גאַלאַ - אוניפאָרמען. נעבן זיי אויסגעפּוצטע יינגלעך, וועמען די פאָטערס האָבן געבראַכט צוליב זייער בר־מצווה. די צערעמאָניע פונעם אויפרופן צו דער תורה, דאָס זאָגן די ברכות, די דרשה, וואָס דער ראַבי־נער האַלט צו די בר־מצווה־בחורים און צו זייערע עלטערן, ווערט דורכגע־

פּירט מיט גאָר גרויסן פּאַראַד. אַלץ נאַטירלעך אין דער פראַנצויזישער שפּראַך. מיטן אויסנאַם נאָר פון די ברכות, קדושה און די העברעאישע פּסוקים, וואָס דער ראַבינער פּלעכט אַריין אין זיין פראַנצויזישער דרשה. קיין איינציקער בר־מצווה־בחור וועט נישט אַרויס וועלכע עס איז קענטעניש אין די שוואַרצע פינטעלעך, שוין אָפּגערעדט פון צו האַלטן אַן אייגענע דרשה, ווי דאָס איז געווען דער שטייגער אין אַ מזרח־אייראָפּעאישער יידישער משפּחה. דאָס דאַווענען און דער בר־מצווה־יום־טוב זענען אַזוי אַנדערש און פרעמד, ווי מען וואָלט געווען נישט אין אַ יידישער שול.

נישט געקוקט אָבער אויף אַלץ, בלייבט פאָרט די ראָטשילד־שול אַ סימבאָל פון דער נישט־איבערגעריסענער יידישער רעליגיעזער טראַדיציע און פון דעם אומשטערבלעכן נצח ישראל.

לאַוואַל, פּעטען, הימלער, היטלער און ווי זיי הייסן דאָרט נאָך די אַנדערע קליינע און גרויסע שונאי ישראל זענען פאַרשוווּנדן פון דער וועלט־אַרענע. די ראָטשילד־שול אָבער שטייט אויפסניי רעסטאַווירט און פעסט.

און וויפל נאָך אַנדערע שולן און בתי מדרשים האָבן באַוויזן איינצואָרדענען די געראַטעוועטע יידן אין פראַנקרייך. אַן אמת־פרומער ייד קאָן זיך אין דער ראָזיע־גאַס אָדער אין די אַנדערע גאַסן, וווּ עס קאָנצענטרירן זיך די מזרח־יידן, פונקט אַזוי רעליגיעז אויסלעבן ווי אין דעם אַמאָליקן חרוב־געוואָרענעם גאַליציאַנער, פּוילישן אָדער ליטווישן שטעטל. דאָ קאָן ער נישט נאָר אָפּדאַווענען לויט דעם אַלטן שטייגער, אַריינכאַפּן שבת אַ שלישי אָדער גאָר אַ מפטיר, פאַרטיפן זיך צווישן מנחה און מעריב אין אַ בלאַט גמרא מיט תוספות, נאָר אויך אָפּעסן אין אַ כשרן רעסטאָראַן אַ געשמאַקן נאַציאָנאַלן מאכל.

פאַר דעם וועלטלעכן און מאָדערנעם ייד איז אויך פאַראַן וווּהין אַריינצוקוקן. יידישע רעדאַקציעס, ביבליאָטעקן און טעאַטערס, שוין אָפּגערעדט פון פאַרשידענע קולטורעלע און פּאָליטישע אינסטיטוציעס שטייען אים צו דינסט. ליידער איז פאַרשוווּנדן פון דער פּאַריזער יידישער גאַס דאָס בוך־געשעפט פון מאַדאַם שפּייזער, וואָס האָט פאַר דער מלחמה געדינט ווי אַ מין טרעף־פונקט אָדער קולטור־צענטער פאַרן יידישן אינטע־

לעקטואַל. מען הערט אויך נישט מער דעם נאָמען פון משה בריליאַנט, אַט־אָ־יענעם אָריגינעלן יידישן מענטש און ביבליאָפיל, וועמענס ביבליאָטעק האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַן אוצר פון ווערטפולע ספרים, זעלטענע כתב־ידן און ביכער־אוניקומס. לעבט נאָך ערגעץ פאַרגראָבן אָט דער מערקווירדיקער ביכערזאַמלער, וועלכער האָט אָפּגעגעבן כמעט אַ גאַנץ לעבן פאַר זיין גייסטיקער ליידנשאַפט, אָדער האָט אויך ער אויסגעהויכט זיין איידעלן אָטעם אין אַ קאַלך־אויוון פון טרעבלינקע אָדער דאַכאַו? וויפל אַזעלכע און ענלעכע בריליאַנטס זענען שפּורלאָז פאַרשוואונדן פון דער אַמאָליקער יידישער גאַס פון פאַריז? מ'פרעגט זיך נאָך וועגן קרובים אָדער גוטע באַקאַנטע און אַלס תשובה הערט מען אַ שווערן זיפץ, אַ מאַך מיט דער האַנט אָדער אַ קנייטש מיט די פּלייצעס. ווער ווייסט, ווי אַזוי ס'זענען אומגעקומען טויזנטער מענטשן, פון רוב פון וועלכע ס'איז אפילו נישט געבליבן קיין שפּור. אָט דערוויים איך זיך אויף וואָס פאַר אַ טראַגישן אופן עס זענען אומגעקומען מיינע אינטימע פריינט פסח ראָטענשטערן און זיין טאַלאַנטפולע טאָכטער העלענע.

ער, אַ באַוווּסטער רוסישער פּובליציסט, וועלכער האָט געשריבן אונטערן פּסעוודאָנים פּיאָטר זוועזדיטש. זיין טאָכטער — אַ באַקאַנטע פיגור אין דער אינטערנאַציאָנאַלער קונסט־וועלט וועמעס וויאָלין־שפּיל פלעגט באַגייסטערן טויזנטער מענטשן. דעם פאָטער, אַ זקן פון 75 יאָר, האָבן די רוצחים ארעסטירט בעת אַ געיעג אויף יידן אין די פאַריזער גאַסן. באַשטימט צו דעפּאָרטירן קיין פּוילן, האָט מען דעם אַלטן פּסח ראָטענשטערן רעגיסטרירט אין איינע פון די ערשטע עשאַלאָנען. דער טאָכטער איז געלונגען אויסצופאָרשן פון וועלכן וואָקזאַל מען וועט דעם פאָטער טראַנספּאָרטירן. זי, העלענע ראָטענשטערן, האָט נעבעך נישט געזאָגט, אַז איר ווונטש נאָך איינמאָל צו זען דעם פאָטער וועט אויך פאַרזיגלען איר אייגענעם גורל.

שטייענדיק צווישן דער מאַסע פראַנצויזן, וועלכע האָבן מיט האַרצקלעמעניש צוגעקוקט ווי די ברוינע בעסטיעס פּילן־אָן פּי־וואַגאָנען מיט צום אומקום פאַראורטיילטע אומשולדיקע קרבנות און דערבליקנדיק דעם פאָטער, האָט העלענע ראָטענשטערן פון דער וווייטנס אים אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, ווי אַ לעצטן גרוס. די דאָזיקע האַנט־באַוועגונג האָט באַמערקט

א נאַציסטישער געהיים־אַגענט. די אומגליקלעכע העלענע ראָטענשטערן (באַקאַנט אין דער קינסטלער־וועלט אונטערן נאָמען לאָלאַ טעזי) איז תיכף אַרעסטירט געוואָרן און אַריינגעשטופּט געוואָרן אין דעם זעלבן וואַגאָן, אין וועלכן איר פֿאָטער איז געגאַנגען דעם לעצטן גאַנג.

פֿאַרשווונדן פֿון דער געוועזענער פּאַריזער יידישער עליטע אין פּאַריז איז אויך פּאָול באַרכאַן, אַ פּראָמינענטע פּערזענלעכקייט אין דער שריפֿט־שטעלערישער וועלט. אַ זון פֿון אַ יחוסדיקער יידישער משפּחה אין גראָדנע און אַ שוואָגער פֿונעם פֿאַרשטאָרבענעם באַרימטן ליטעראַטור־קריטיקער בעל מחשבות, האָט פּאָול באַרכאַן פֿאַרנומען אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דער דייטשער און פֿראַנצויזישער ליטעראַטור. זיין ווערק „פּעטערבורגער נעכט" פֿאַרפֿאַסט אין דייטש, האָט בשעתו אַרויסגערופֿן אַ גרויסן אינטע־רעס צווישן די לייענער־קרייזן און ביי דער קריטיק. באַרימט האָט באַר־כאַנען געמאַכט אַן אַרטיקל אונטערן קעפּל: „פֿאַרוואָס די דייטשן קענען נישט שרייבן קיין גוטן דייטש", וואָס ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין איינעם פֿון די סאָלידסטע דייטשע מאָנאַט־זשורנאַלן מיטן נאָמען „מאַרץ". באַר־כאַנס דייטש איז געווען נישט נאָר פּערפֿעקט, נאָר ממש קלאַסיש. אויך זיין סטיל איז געשטאַנען אויף אַ זייער הויכער מדרגה. די לעצטע יאָרן האָט זיך באַרכאַן אָפּגעגעבן מיט גראַפֿישער קונסט און האָט באַוויזן אויך אויף דעם געביט צו דערגרייכן אַ באַדייטנדיקן שם. הגם פֿאַרוואָרצלט אין דער דייטשער און פֿראַנצויזישער ליטעראַטור און קונסט, איז פּאָול באַרכאַן געווען אַ ייד דורך און דורך, ווען דער גורל פֿון זיין פֿאָלק איז זייער נאָענט אָנגעגאַנגען. ביי דעם גרויסן קונסט־מאַלער, דעם ייד סאָרין, וועלכער האָט ערשט נישט לאַנג געמאָלט דעם פּאָרטרעט פֿון דער בריטי־שער קרוינפּרינצעסין, איז פֿאַראַן אַ קונסט־ווערק, וואָס רופֿט זיך „דער דענ־קענדער שרייבער". צום מאָדעל פֿאַר אָט־דעם בילד האָט סאָרין אויסגע־וויילט פּאָול באַרכאַנען. פֿאַרן אַוועקפֿאָרן פֿון ניו יאָרק האָב איך געזען אַ פֿאָטאָגראַפֿישע רעפּראָדוקציע פֿונעם דאָזיקן בילד ביי מיינע און באַר־כאַנס געמיינזאַמע פֿריינט.

— ווען איר וועט זיין אין פּאַריז, פּרובירט אויסצופֿאָרשן דעם שיק־זאַל פֿון באַרכאַנען, — האָבן מיך געבעטן זיינע פֿריינט.

בעסער וואָלט איך די מיסיע אויף מיר נישט גענומען... דאָס,

וואָס מיר איז אויסגעקומען אויסצוהערן, איז אַזוי גרויליק, אַז ליבערשט פאַרשווייגן אַלע איינצלהייטן. דעם אומגליקלעכן שריפטשטעלער און קונסט־קענער פּאול באַרכאַן האָבן די וואַנדאַלן פאַרפייניקט, אין אַ קאָנצענ־טראַציע־לאַגער. זיי האָבן אים נישט געקאָנט מוחל זיין דעם פריער־דער־מאָנטן אַרטיקל און האָבן זיך איבער אים וואָכן לאַנג איזדעקעוועט, גע־שלאָגן, געמאַטערט און דערפירט צום זעלבסטמאָרד. אַזוי האָבן די מאָ־דערנע הונען דעם ייד באַרכאַן באַצאָלט פאַר זיין ליבע צו דער דייטשער ליטעראַטור און פאַר זיין שתדלנות בנוגע דער דייטשער שפּראַך.

אָט שטייט איך מיך אָן פּנים אל פּנים אויף איינע פון די פּאַריזער אווענידעס מיט אַלעקסאַנדער קאַגאַן, מיין אַלטן גוטן פריינט פון די אַמאָ־ליקע פּעטערסבורגער, בערלינער און פּאַריזער צייטן. איך בלייב שטיין ווי אַ פאַרגליווערטער... איז אָט דער דאָזיקער געבויגטער, גרויער און גע־בראָכענער זקן, אָן ציין און אין אָן אָפּגעטראָגענעם בגד, טאַקע באמת אַלע־קסאַנדער קאַגאַן? איז עס נישט קיין טעות? איך קאָן קוים געפינען דאָס לשון. איך שעם זיך פאַר מיין מענטשלעכן אויסזען, פאַר מיין קליידונג און בכלל פאַר דעם שרייענדיקן קאָנטראַסט אין דעם אויסזען. איך פאַר־מייד צו שטעלן וועלכע עס איז פראַגע און ווי אַזוי וואָלט איך געוואָגט דאָס צו טון? נאָך איידער דער צופאַל האָט אונדז, דיביידע פריינט צוזאַ־מענגעשטויסן, בין איך שוין געוואויר געוואָרן, אַז זיין פרוי האָט מען דע־פּאָרטירט און פאַרגאַזט און זיין איינציקער זון איז געשטאָרבן ערגעץ אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער.

ווער עס באַזיצט אין זיין ביבליאָטעק ווערק וועגן יידישער קונסט, וועט מסתמא זיך דערמאָנען אָן דעם קונסט־זשורנאַל „מילגרוים”, וואָס איז מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק דערשינען אין בערלין. זיין רעדאַקטאָר איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי אָט־אָ־דער אַלעקסאַנדער קאַגאַן. ער האָט נישט נאָר רעדאַקטירט דעם דאָזיקן וווּנדערבאַרן זשורנאַל, וואָס איז אַצינד אַ קונסט־אוניקום. ער איז געווען דער איניציאַטאָר און די גייסטיקע נשמה פונעם „מילגרוים”. וועגן זיין פּערזענלעכער דראַמע איז איבעריק אים אויסצופרעגן. אַליץ, וואָס ער וואָלט קענען דערציילן, איז אָפּגעשטעמפּלט אויף זיין פּנים. די אויסגעלאָשענע אויגן, די ווייסע האָר, די טיפע קנייטשן אויפן געזיכט רעדן אַ שטומע אָבער אָן איבערצייגנדיקע שפּראַך, וואָס

קלינגט הילכיקער פון אַלע ווערטער. ער שמועסט וועגן אַלץ, נאָר נישט וועגן זיין אייגענעם אומגליק. די ברווינע בעסטיעס האָבן נישט בלויז צע־בראָכן זיין פערזענלעך פאַמיליען־גליק, זיי האָבן אויך אויסגעלאָשן דעם געטלעכן פונק, וואָס האָט תמיד געלעבט אין זיין קינסטלערישער נשמה. פונעם דינאַמישן, ענערגישן און אידעען־רייכן שרייבער און קונסט־קענער אַלעקסאַנדער קאָגאַן איז געבליבן אַ מענטשלעכע רואינע, אַ פוסטע שטוב אָן קעגנוואַרט און אָן אַ צוקונפט. ער איז שוין צו אַלט און צו פאַרצווייפלט, כדי גובר צו זיין דעם אינערלעכן פסיכישן בראָך, וואָס די קאַלטע מערדער האָבן אים פאַראורזאַכט.

איך האָב ביי מיר פאַרצייכנט נאָך אַ סך ענלעכע באַגעגענישן, קליי־נע און גרויסע יידישע דראַמען. זיי אַלע צו שילדערן וואָלט געפאָדערט אָנ־צושרייבן גאַנצע בענדער. די אויפנאַמפעאיקייט אפילו פון אַ געזונטער מענטשלעכער פסיכיק האָט אירע גרענעצן, וועלכע מען טאָר נישט איבער־טרעטן, אָן צו ריזיקירן זי צו באַשעדיקן. דער יידישער אינדיווידועלער בית־עולם איז אַזוי ריזיק גרוים און טראַגיש, אַז ער וואַרט נאָך אויף זיין גע־שיכטע־שרייבער. נאָך גרעסער און אַוואַנטוריסטישער זענען די יידישע אָדיסייעס, וואָס זענען אַ סינטעז פון העראָאיזם, נקמה־געפיל און ווערדע. אויך זיי — די ווונדערלעכע יידישע אָדיסייעס, — פאַרדינען זייער אייגע־נעם האָמער, וועלכער זאָל זיי באַשרייבן און באַזינגען. אונדזער יונגער דור וועט האָבן מיט וואָס צו שטאָלצירן און זיינע מעשים אויפן געביט פון קאַמף קעגן די נאַציסטישע גזלנים וועלן אין דער צוקונפט אפשר אָנפילן די זייטן פון יידישע כרעסטאָמאַטיעס.

4

פאַריז פאַרמאָגט אַ ספּעציעלן כח מענטשן צו פאַרכישופן, בעיקר מענטשן, וועלכע באַזיצן אַ חוש און אַן אינטערעס פאַר פּאָליטישע אָדער קולטורעלע ענינים. קוים קומט מען קיין פאַריז, בפרט ווען מען האָט דאָרט באַקאַנטע אָדער פריינט, ווערט מען אומבאַמערקט פאַרכאַפּט פון דעם דאָרטיקן לעבן און פאַרוואַנדלט אין אַ קליין שרייפעלע פונעם ריזיקן אַפּאַ־ראַט, וואָס רופט זיך פראַנצויזישער פּאָליטישער און קולטורעלער לעבנס־

שטייגער. ס׳איז שווער זיך צו געזעגענען מיט דער צוויבער־שטאָט און אָראָפּוואַרפֿן פֿון זיך איר כישוף. אַלע טאָג אַנטפּלעקט מען עפּעס נייעס, אומבאַקאַנטס, וואָס עס צווינגט אָפּצולייגן דאָס אַוועקפֿאָרן. און באמת, ווי פֿאַרלאָזט מען עס פּאַריז נישט אויסנוצנדיק דאָס מערסטע, וואָס דער דאָזיקער איינציקאַרטיקער אייראָפּעאישער קולטור - צענטער שטעלט מיט זיך פֿאָר ?

אין דער נאָך־מלחמהדיקער אייראָפּע איז פֿראַנקרייך דאָס איינציקע לאַנד, וווּ יידן שפּילן אַ ראָלע אין דער אויסערלעכער און אינערלעכער פּאָליטיק און וווּ איר הויפּט־שטאָט ציילט איינעם פֿון די באַדייטנדיקסטע יידישע ישובים. הגם די יידן אין פֿראַנקרייך פֿירן אַן אייגן אינטענסיוו לעבן, זענען זיי אָבער גלייכצייטיק טיף פֿאַרקאָכט נישט נאָר אין דער פֿראַנצויזישער פּאָליטיק, נייערט אויך אינעם איבעריקן לעבן פֿון פֿראַנצויזישן פֿאָלק. אויב דער רוב פֿונעם געראַטעוועטן מזרח־יידנטום, וואָס לעבט אין פֿראַנקרייך, לייגט דעם טראָפּ פֿון זיינע נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס אויף דער מדינת ישראל, איז די פּאָזיציע פֿונעם איינגעבוירענעם פֿראַנצויזישן ייד גאָר אַן אַנדערע. דער דורכשניטלעכער פֿראַנצויזישער ייד, וועמענס מוטער־שפּראַך איז פֿראַנצויזיש, באַטראַכט זיך אַלס אַ פּראָדוקט פֿון אַ דואַליסטישער קולטור — פֿון דער פֿראַנצויזישער און יידישער. זיין אויסטייטש פֿון דער יידישער קולטור איז אַן אַבסאָלוט היפּוכדיקער צו דעם באַגריף, ווי עס באַנעמט אים דער מזרח־אייראָפּעאישער ייד. פֿאַר דעם פֿראַנצויזישן ייד רעפּרעזענטירן די רעליגיעזע טראַדיציע און דער יידישער שעפֿערישער גייסט, די אַזוי גערופֿענע יודאַאיסטיק, די יידישע קולטור. די וועלטלעכע יידישע קולטור, בעיקר אַלע דערגרייכונגען אויף דעם קולטורעלן געביט אין מאַמע־לשון, בלייבט פֿאַר אים נאָך עד היום. פֿרעמד און נישטיק. נאָר יחידים פֿאַרשטייען שוין און שאַצן ריכטיק אָפּ דעם געוואַלדיקן וועג, וואָס דאָס מזרח־אייראָפּעאישע יידנטום האָט דורכגעמאַכט אין משך פֿון די לעצטע פֿערציק־פֿופֿציק יאָר. די השפּעה פֿונעם מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום אויף דעם פֿראַנצויזישן וואַקסט אַלץ שטאַרקער און איז אויפֿפֿאַלנדיק אפֿילו פֿאַר אַ צופֿעליקן באַאָבאַכטער. דער דאָזיקער איינפֿלוס דרינגט אַריין אין אַזעלכע קרייזן פֿונעם פֿראַנצויזישן יידנטום, וווּ פֿריער זענען פֿאַר אים געווען די טירן פֿאַרשלאָסן.

די סיבה פון דער מעטאַמאָרפאָזע אינעם דענקען און טראַכטן פון די איינ־געבוירענע פראַנצויזישע יידן איז שווער צו אַנאַליזירן. דער היטלעריזם, די טרויעריק־באַרימטע ווישי־עפּאָפּעע, די דערנידערונג און אויסרויבונג פונעם פראַנצויזישן יידנטום — פון איין זייט און דער העראָאישער קאַמף פאַר מדינת־ישראל — פון דער אַנדער זייט — אָט־אָ די סתירהדיקע פאַקטאָרן האָבן געמוזט ארויסרופן אַן איבערקערעניש אין זייערע מוחות און נשמות.

אַז מען הערט למשל אַצינד אַ דרשה פון דאָקטאָר ישעיהו שוואַרץ, דעם גרויס־ראַבינער פון פראַנקרייך, אָדער מען פירט מיט אים אַ פּריוואַטן שמועס וועגן יידישע ענינים, גלויבט מען ממש די אייגענע אויערן נישט. איז דאָס טאַקע דערזעלבער דאָקטאָר שוואַרץ, דער געוועזענער אויבער־ראַבינער פון שטראַסבורג? וואָס פאַר אַ גייסטיקע רעוואָלוציע האָט ער געמוזט דורכמאַכן, כדי זיך פּאָליטיש אַזוי צו ענדערן!... משמעות, די לעקציע, וואָס די היטלערס, מוסאָלינים, לאַוואַלס און פּעטענס האָבן אונדז געגעבן, איז געווען אַזוי איבערצייגנדיק, אַז מ'האָט אפילו אויסגעניכטערט פיל פּאַרהאַרטעוועטע אַסימילאַנטן.

מיר געדענקט זיך מיט וועלכן אימפּעט, מיט אַ יאָר צוועלף צוריק, בעת מיין באַזוך אין שטראַסבורג, האָט דער איצטיקער גרויס־ראַבינער פון פראַנקרייך, געפּרוּווט מיר צו באַווייזן, אַז דער טערמין „יידישעס פאָלק" איז אַ פּראָדוקט פונעם שאָוויניסטיש־נאַציאָנאַליסטישן ציוניזם, ער — דאָקטאָר שוואַרץ — אַ געבוירענער אין מאַרסעל — האָט ער באַטאָנט, איז אַ פראַנצויז לויט נאַציאָנאַליטעט און קולטור, אָבער פון משהס גלויבן.

— עס עקזיסטירט נישט מער קיין האָמאָגענעם יידיש פאָלק, — האָט מיט פייער געטענהט דער ראַבינער. דאָס עם ישראל איז שוין לאַנג אַראָפּ פון דער היסטאָרישער אַרענע און לעבט נאָר אַלס סימבאָל אין דער ביבל און אין די תפילות, בלויז אוטאָפּיסטן קאָנען גלויבן אין דער מעגלעכקייט פון רעסטאַווירן דאָס יידישע פאָלק צו אַ סוּווערען־מלוכהשן לעבן... איר זענט אַ רוס, איך בין אַ פראַנצויז און אונדז פאַרבינדט נישט דער נאַציאָנאַלער מאָמענט, נייערט די אמונה . . .

און ווי האָט דעמאָלסט טריאומפירט דער גרויס־ראַבינער שוואַרץ,



ביי די חורבות פון היטלערס אַמאָליקן פּלאַץ אין בערכטעסגאַדען

ווען אין אַ געוויסן טאָג האָט ער מיך געקאָנט בלומרשט איבערצייגן אין דער ריכטיקייט פון זיין וועלט־באַנעם. ער האָט מיך פאַרבעטן צו זיך און פאָרשטעלנדיק פאַר מיר אַ פעך־שוואַרצן אַביסינישן ייד, מיט אַן עכט־נעגערישן פנים, שטיל אויף פראַנצויזיש אַ פרעג געטון:

— נו, זאָגט אָקאָרשט, געהערט אויך אָט דער נפש צו אונדזער יידישער ראַסע און פאָלק? —

מיר איז נישט באַוווּסט, ווי אַזוי טראַכט אַצינד דער גרויס־ראַבינער פון פראַנקרייך וועגן די פאַלאַשן פון אַביסיניע, ווי בכלל אויך וועגן די אַנדערע שוואַרץ־הויטיקע יידן, אָבער די דרשות וואָס ער האָלט אין דער ראָטשילד־שול זענען אַזוי אַנדערש פון די, וועלכע ער פלעגט אַמאָל פּרע־דיקן אין דער פרעכטיקער שטראַסבורגער שול.

דער היטלעריזם און נישט ווייניקער די עקשנותדיקייט פון די אַי־דעאַליסטישע קעמפער פאַרן נאַציאָנאַלן תחית המתים האָבן אויסגעריי־ניקט די מוחות אויך ביי אייניקע אַנדערע פּראָמינענטע פראַנצויזיש־יידי־שע פּערזענלעכקייטן. לעאָן בלום האָט זיך אומגעקערט מיטן פנים צו זיין פאָלק נאָך לאַנג איידער די אַפּאָקאַליפּטישע חיות האָבן פאַרפלייצט איי־ראָפּע. לעאָן בלום, דער עסעאיסט, עסטעט, מאַרקסיסטישער אינטערפּרע־טאַטאָר און שפּעטערער שטאַטסמאַן, האָט געעפנט זיין האַרץ פאַרן יידישן פאָלק אָן ווען ס'איז אויסערלעכער השפּעה. דעם וועג צו זיין שטאַם האָט אים אָנגעוויזן דער נאַציאָנאַלער חוש, דער געזונטער שכל און דאָס מיטגעפיל מיטן פאַרפאָלגטן פאָלק.

נישט אַנדערש שטייט עס מיט אַ צווייטן באַרימטן פראַנצויזישן ייד, אַ אידעאישער חבר פון לעאָן בלום, מיט סאַלאָמאָן גרומבאַך, דעם פּרעזידענט פון דער סענאַט־קאָמיסיע פאַר אויסערלעכע ענינים.

סאַלאָמאָן גרומבאַכן געדענק איך פון אַנומלט, פון יענער גאָלדענער צייט, ווען דייטשלאַנד האָט נאָך געגאָלטן אין דער אינטערנאַציאָנאַלער קולטור־וועלט אַלס אַ לאַנד פון „דיכטער און דענקער". דעמאָלסט, מיט אַ יאָר דרייסיק צוריק, איז סאַלאָמאָן גרומבאַך געווען אַ באַשיידענער אונ־טערטאַן פונעם קייזער ווילהעלם דעם צווייטן. געבוירן אין מילהויזן, אין אַ בירגערלעכער יידישער משפּחה, האָט ער זיין יוגנט פאַרבראַכט אין זיין היים־שטאָט, דעם צענטער פון דער עלזאַסישער אינדוסטריע. עלזאַס און

לאָטאַרינגיע, די דאָזיקעביידע פּראָווינצן, דער אייביקער שטרייט־עפּל צווישן דייטשלאַנד און פראַנקרייך, האָט אין גרומבאַכס רייפע יאָרן באַלאַנגט צו דייטשלאַנד. דערצויגן אין גייסט פון אַסימילאַציע, האָט דער יונגער עלזאַסישער ייד געגאָסן פון ביידע קולטורן: פון דער פראַנצויזישער און דייטשער. ער שטודירט אין פּאַריז און אין שטראַסבורג, באַהערשט פּערפעקט ביידע שפּראַכן: פראַנצויזיש און דייטש, און אַלס אַ קינד פון דער עפּאָכע פונעם אויפבליענדיקן מאַרקסיזם ווערט ער אַ הייסער חסיד פון סאָציאַליזם, דער גרויסער פראַנצויזישער סאָציאַליסטן־לידער און באַרימטער פּאַרלאַמענטאַריער זשאַן זשאָרעס פּאַרקוקט זיך אָפּטער אויפן קליינוויקסיקן און שוואַרצהאָריקן יידישן יונגגמאַנטשיק, וועמענס עפּנטלעכע אויפטריטן צייכענען זיך אוים מיט אַן אייזערנער לאָגיק, שיינער דיאַלעקטיק און קלאָרן געדאַנק. ער באַשטימט אים אַלס קאָרעספּאָנדענט פונעם׳ פראַנצויזישן סאָציאַליסטישן פּאַרטיי־אָרגאַן „הומאַניטע" קיין בערלין. אין משך פון אַ גאַנץ קורצער צייט ווערט גרומבאַך אַ פּראָמינענטע פיגור אין דער בערלינער זשורנאַליסטישער וועלט. צו זיינע ביסיקע, אינהאַלטסרייכע און סטיליסטיש געשליפענע אַרטיקלען הערט מען זיך אויפמערקזאַם צו נישט נאָר אין דער שרייבערישער משפּחה, נייערט אויך אין רייכסטאַג און אין דער ווילהעלמשטראַסע. סאַלאָמאָן גרומבאַך שטייגט אויך אין דער מיינונג פון די לייטנדיקע פּערזענלעכקייטן אין דער דעמאָלט מעכטיקער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. אויגוסט בעבעל, פיליפּ שיידעמאַן, פּאַול לעבע און די אַנדערע דאַמאָלסט איינפלוסרייכע סאָציאַליסטישע לידערס צייכענען גרומבאַכן אוים מיט זייער באַזונדערער פריינטשאַפט, הגם ער שמט אַלס פראַנקאָפיל. ביי די לעצטע פּאַרלאַמענט־וואַלן פון יאָר 1912 האָט מען אים, גרומבאַכן, געוואָלט אַרויסשטעלן אַלס קאַנדידאַט פאַר אַ רייכסטאַג־דעפּוטאַט, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דעם דאָזיקן כבוד.

דער אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט באַשטימט דעם וויטערן גורל פון סאַלאָמאָן גרומבאַכן. בעת זיין פּאַרטיי־חבר, דער סאָציאַליסטישער דעפּוטאַט, דער ייד פראַנק, האָט זיך אַלס ערשטער פרייוויליק געמאָלדן אין דער דייטשער אַרמיי און באַצאָלט מיטן לעבן פאַר זיין איבערגעטריבענעם פּאַטריאָטיזם, איז סאַלאָמאָן גרומבאַך, נאָך מיט אַ

צווייטן ייד־פּאַרלאַמענטאַריער אין דייטשן רייכסטאַג אַריבערגעגאַנגען צו פראַנקרייך. פּעך און שוועבל האָבן דאַמאָלסט געשאָטן די דייטשע צייטונ־גען אויף די קעפּ פון די ביידע פּאָליטיקער, זידלענדיק זיי אַלס רענעגאַטן, פאָלקס־פאַררעטער און פאַרקויפטע נשמות.

גרומבאַך איז נאָך דעם זיג פון די אַליאירטע געוואָרן איינער פון די באַדייטנדיקסטע פאַרלאַמענטאַריער אין פראַנקרייכס פּאָליטישן לעבן. צוזאַמען מיט לעאָן בלומען, זשול מאָך, רענע און דאַניעל מאַיער, ווי אויך מיט אייניקע אַנדערע באַוווּסטע פראַנצויזישע שטאַטסמענער האָט ער דורכגעמאַכט אַלע גלגולים פון דער דריטער רעפּובליק און געבליבן איר געטריי ביז צו איר גוואַלדזאַמען טויט.

אומזיסט האָבן פּעטען און לאַוואַל געשאַרפט אויף גרומבאַכן די ציין און געגרייט פאַר אים דעם זעלבן גורל ווי פאַרן אומגליקלעכן זשאָרזש מאַנדעל, יענעם געניאַלן יידישן שטאַטסמאַן, וועמען זייערע אַגענטן האָבן פאַררעטעריש דערמאָרדעט. סאַלאָמאָן גרומבאַך האָט פאַרשטאַנען צו אַנט־רינען פון די מערדעריש־פאַשיסטישע נעגל, קעמפנדיק קעגן זיי אין די פאַרבאַהאַלטענע טיפענישן פון דער רעזיסטענץ־באַוועגונג. אַצינד איז ער — גרומבאַך — נישט נאָר אַ סענאַטאָר, נאָר אויך אַ פאַקטאָר, וואָס ווירקט דעצידירנדיק אויף דער פראַנצויזישער אויסערן־פּאָליטיק.

אַלס אינטערנאַציאָנאַליסט און מאַרקסיסט האָט זיך סאַלאָמאָן גרומ־באַך באַצויגן צו דער יידישער פּראָבלעם פאַרעווע. ער האָט קיינמאָל נישט אָפּגעלייקנט זיין יידנטום, אָבער ארץ ישראל און דער נאַציאָנאַלער רענע־סאַנס זענען פאַר אים געווען אַבסטראַקטע טעאָריעס. ער האָט געהערט צו יענעם גייסטיקן שיכט פונעם אייראָפּעאישן יידנטום פאַר וועלכן עס האָט געגאָלטן דער באַקאַנטער צינישער אַפאָריזם פון היינריך היינע, אַז „דאָס יידנטום איז נישט קיין רעליגיע, נייערט אַן אומגליק".

אָבער שוין מיט היטלערס קומען צו דער מאַכט האָט זיך אויך אָנגע־פאַנגען אין דער נשמה פונעם סאָציאַליסט גרומבאַך אַ קענטיקער איבער־ברוך. ער האָט תיכף באַגריפן, אַז דער ברוינער טייוול פירט אַן אויסראָ־טונגס־קאַמף קעגן דעם יידנטום נישט צוליב זיינע אידעאָלאָגיעס, נאָר פשוט ווייל זיי זענען יידן. אויך גרומבאַכס פּלוניתטע, מאַדאַם זשאַנעט, האָט אויפגעמאַכט איר הארץ פאַר די נאַציאָנאַלע און גייסטיקע אַספּי־

ראַציעס פֿונעם יידישן פֿאָלק. זייער שטוב אין פּאַריז איז אַ טרעפֿפּונקט פֿאַר יידישע כלל־טוער און די ווענט פֿון זייער סאַלאָן זענען אָפּטע עדות פֿון היציקע דעבאַטן בנוגע די פֿאַרשידנסטע נאַציאָנאַלע הצטרכותן. דער כאַציאַליסטישער סענאַטאָר — סאַלאָמאָן גרומבאַך — זאָגט זיך נישט אָפּ צו פֿאָרן אַלס פּשוטער שליח אין די אינטערעסן פֿון איינער אָדער דער אַנדערער יידישער אָרגאַניזאַציע. די אימפּאָזאַנטע פֿיגור פֿון זיין ענערגישער, טיכטיקער און געבילדעטער פּרוי קאָן מען אָפּט זען אויף יידישע פֿאַרזאַמלונגען און נישט זעלטן הערן איר שטימע פֿון אַ יידישער טריבונע.

פֿראַנצויזישע יידן האָבן פֿאַרשטאַנען די גרויזאַמע לעקציע, וואָס די געשיכטע פֿון די לעצטע פֿופֿצן יאָר האָט אונדז געגעבן און וועלכע האָט געקאָסט דעם יידישן פֿאָלק העכער זעקס מיליאָן קרבנות.

5

פֿאַר איינעם, וועלכער זוכט אריינצוקוקן אין לעבן פֿונעם פּאַריזער ישוב, זענען פֿאַראַן עטלעכע פּערזענלעכקייטן, אין וועמענס הענט עס ליגן די שליסלען צו די טירן פֿון פֿראַנצויזישן יידנטום.

צוויי פֿון זיי זענען גוט באַקאַנט דעם דרום־אַמעריקאַנישן יידנטום, הן וועגן זייערע כלל־טוערישער אַקטואַציע און הן וועגן זייער שריפֿט־שטעלערישער טעטיקייט. דער נאָמען פֿון דאָקטאָר מארק יאַרבלום איז אַן גוזמא צו זאָגן. אַ שם־דבר אין פּאַריז. אויפֿן געזעלשאַפֿטלעכן געביט איז ער, בילדלעך גערעדט, אַן אמתער „קאַניט־פֿאַרשטאַן”. עס איז נישטאָ דאָכט זיך אין פּאַריז קיין איין באַדייטנדיקע יידישע אינסטיטוציע, ווו מאַרק יאַרבלום זאָל נישט פֿאַרנעמען דעם אויבן־אָן. לצים אויף דער יידי־שער גאַס ווויצלען זיך, אַז באַלד וועט אין פּאַריז נישט סטאַיען קיין בענק־לעך פֿאַר די אַלע פּרעזידענטן־אַמטן וואָס מארק יאַרבלום פֿאַרנעמט. נאָך פֿאַר מיין אָפּפֿאָרן קיין פֿראַנקרייך איז מיר אויסגעקומען אין ניו יאָרק זיך עפּטער צו טרעפֿן מיט מאַרק יאַרבלומען, וועלכער איז געקומען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן אין געזעלשאַפֿטלעכע שליחות. מיר זענען אַ פּאָר מאָל צוזאַמען אויפֿגעטראָטן אויף איינער און דער זעלבער טריבונע מכוח

געמיינזאַמע געזעלשאַפטלעכע ענינים. שוין דעמאָלט, אין ניו יאָרק, האָב איך באַוווּנדערט די וויטאַליטעט, דעם טעמפּעראַמענט און די אחריותפולע באַוווּסטזיניקייט פון דעם דאָזיקן פּאָליטישן מדריך. נישט קיין גרויסער אָראַטאָר, וועמען עס פעלט רעטאָרישער שווּנג און פאַרכאַפּנדיקע שיינ־רעדעריי, פאַרשטייט אָבער מאַרק יאַרבלום צו נעמען דעם עולם דורך זיין לאָגישקייט, פּשוטקייט און איבערצייגונגס־קראַפט. און נאָך אַ גרויסע מעלה באַזיצט יאַרבלום: ער איז ערלעך מיט זיך גופא און פּרוּווט נישט אָפּנאַרן זיינע נאָכפאָלגער מיט פּאָליטישע דריידלעך, אָדער דעמאַגאָגיע.

מאַרק יאַרבלומס פריינטשאַפט מיט לעאָן בלום איז נישט מחמת אידעאישער געזינונג, נאָר ווייל ביידן פאַרבינדט אַ קעגנזייטיקע מענטש־לעכע ווערטשאַצונג. אַ דאַנק דער דאָזיקער פריינטשאַפט איז מאַרק יאַר־בלום געלונגען צו ווערן אַ „פּערסאָנאַ גראַטאַ" אין די איינפלוסרייכע פראַנ־צויזישע פּאַרלאַמענטאַרישע און רעגירונגס־ספערן. אויב אין פראַנקרייך לעבן איצט טויזנטער מזרח־אייראָפּעאישע יידן, אויב פראַנצויזישע גרע־נעץ־וועכטער האָבן פאַרקוקט אָן אַ זייט, בעת יידישע פּליטים האָבן גע־שוואַרצט די גרעניצן און אויב בכלל די באַציאונג מצד די פראַנצויזישע באַהערדן צו די נייע אָנגעקומענע יידן איז אַ הומאַנע, מוז עס מערסטנס פאַרשריבן ווערן אויפן חשבון פון מאַרק יאַרבלום. אָן עקשן און אָן אומ־דערמידלעכער אַרבעטס מענטש, באַוויזט מאַרק יאַרבלום די קונסט צו דערגרייכן ביי דער פראַנצויזישער רעגירונג אַזעלכע פּריווילעגיעס פאַר די קרבנות פון די קאַצעטן אָדער פאַר אַנדערע פּליכטלינגע, וועלכע נישט יעדן אַנדערן וואָלט עס זיך איינגעגעבן. זיין פּאָפּולאַריטעט צווישן די יידישע מאַסן איז זייער גרויס. אויסרעכענען אַלע זיינע ערן־אַמטן וואָלט באַדאַרפט אַ צו לאַנגע ליסטע. זוכן מאַרק יאַרבלומס אַדרעס אין פּאַריז איז אַבסאָלוט איבעריק. אין זיין אייגענער היים קען מען אים טרעפן זעלטן. געפינען אים איז אַ סך לייכטער אין דער פעדעראַציע פון די יידישע אָרגאַניזאַציעס אין פּאַריז, אָדער אין איינע פון די אַנדערע געזעלשאַפטן, וווּ ער שטייט בראש.

עס איז געוונג צו פרעגן אויף „דער יידישער גאַס", וועגן יאַרבלומען בדי תיכף צו באַקומען דעם ריכטיקן ענטפער.

אוודאי פעלט נישט מאַרק יאַרבלומען אויך קעגנער און נישט־

פאַרגינער. עס ווערט ביי אַ געלעגנהייט נישט געקאַרגט קיין שטעכווערט־לעך אָדער בייסיקע אָנגריפן אויף זיין חשבון. אָבער אפילו זיינע ריוואַלן קאָנען נישט פאַרלייקענען ז יי ן פּאָליטישע איבערגעגעבנקייט, ער־לעכקייט און פּאָלקאָמע אומאייגנציקייט.

ער אַרבעט און באַמיט זיך פאַרן כּלל, ווייל אין דעם זעט ער זיינע געזעלשאַפטלעכע שליחות און ווייל די יידיש־נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע הצטרכותן זענען זיין סטיכיע.

אויף דעם יידיש־קולטורעלן געביט אין פּאַריז קאָנקורירט פּריינט־שאַפטלעך מיט יאַרבלומען אַ צווייטע פּראָמינענטע פּערזענלעכקייט, ישראל עפּרויקין.

די קליין־וווּקסיקע און דאַרינקע פיגור פון ישראל עפּרויקין, מיט זיין אויסערסט אָריגינעלן פּנים, וועמענס אויגן און געזיכט־שטריכן שטראַלן מיט חכמה, איז אַן אָפטע דערשיינונג אויף יידישע טריבונעס. באַשיידן און צוריקהאַלטנדיק, פאַרטיפט תמיד אין וויסנשאַפטלעכע אָדער ליטע־ראַרישע פאָרשונגען, איז ישראל עפּרויקין געוואָרן קעגן זיין ווילן אַן אמתער וועגווייזער אויפן ברייטן שליאַך פון דער מאָדערנער יידישער קול־טור. הערנדיק עפּרויקינס רעפעראַטן אָדער לייענענדיק זיינע ווערק, איז שווער צו זאָגן, וואָס איז ער מער: שריפטשטעלער און סאָציאָלאָג, אָדער וויסנשאַפטלער און דענקער. שוין ביים דערשיינען פון זיין ערשטן ווערק „חלום און וואָר" בעת דער וועלט־מלחמה, איז די יידישע קריטיק פון ביידע אַמעריקעס, אויפמערקזאַם געוואָרן אויף די טיפע געדאַנקען וואָס זענען פאַרפּלאָנצט אין דעם דאָזיקן בוך. זיין צווייט ווערק: „חשבון הנפש", וואָס איז ערשט נישט לאַנג צוריק פאַרעפנטלעכט געוואָרן, האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט ישראל עפּרויקינס שם אַלס אָריגינעלער דענקער און אויס־טייטשער פונעם נאַציאָנאַלן גייסטיקן מהות אין אַלע זיינע שאַטירונגען. ישראל עפּרויקינס שריפטשטעלערישע קונסט שטייט אויף אַ זייער הויכער קולטורעל־וויסנשאַפטלעכער מדרגה, וועלכע צו באַגרייפן און פאַרדייען פאָדערט אַ געוויסע צוגרייטונג. מיט י. עפּרויקינס אידעען און געדאַנקען־וועלט איז מען נישט אַלעמאָל מסכים; זיי רופן אָפטמאָל אַרויס ווידער־שפּרוך און אפילו אויפברויז, אָבער זיי זענען כּסדר ניי, אייגנאַרטיק און וועקן נישט־ווילנדיק מחשבות.

ישראל עפּרויקינס קאָכעדיקער טעמפּעראַמענט און ליבע צום יידישן געדרוקטן וואָרט שטויסן אים אויף נייע אידעען, וועלכע קאָנען באַרייכערן די יידישע קולטור.

פאַר דער וועלט־מלחמה האָט ער בשותפות מיטן פאַרשטאָרבענעם היסטאָריאָגראַף אליהו טשעריקאָווער אַרויסגעגעבן אין פּאַריז דעם זשור־נאַל: „אויפן שיידוועג". די וועלט־קאַטאַסטראָפע האָט צוזאַמען מיט די רדיפות אויף די יידן אין פראַנקרייך אויך פאַרניכטעט די דאָזיקע קולטור־רעל־ליטעראַרישע שאַפונג. איצט רעדאַקטירט י. עפּרויקין אַ נייעם מאָנאַט־זשורנאַל אין פּאַריז אונטערן נאָמען: „דער קיום".

אין פּאַריז לעבן איצט צענדליקער באַוווּסטע יידישע פּובליציסטן, בעלעטריסטן, פּאָעטן און אַנדערע קינסטלער, וועלכע לעבצן ממש אויסצו־גיסן זייערע איבערלעבונגען, געדאַנקען און ליטעראַרישע שאַפונגען נישט נאָר אין טאָג־צייטונגען, נייערט אויך אין אַן ערנסטן זשורנאַל. י. עפּ־רויקין, דער קולטור־טוער, מעצענאַט און גופא אַ שרייבער, האָט מיט פאַר־שטענדניש און ברייטער האַנט זיך אָפּגערופן אויפן אינערלעכן באַגער פונעם יידישן פּען־מענטש.

נאָך מער ווי דער זשורנאַל „קיום" איז י. עפּרויקינס היים אַ ווירק־לעכער צענטער פאַרן יידישן אינטעלעקטואַל אין פּאַריז. אין דעם פּרט איז ער מיט זיין פרוי, מלכה עפּרויקין, איין גוף און איין נשמה. זייער פּרעכטיקע ווילע, אין דער אומגעבונג פון פּאַריז, איז אַ מין ליטעראַריש־קינסטלערישער סאַלאָן, וווּ מען טרעפט אָן די אינטערעסאַנטסטע מענטשן פון דער יידישער און נישט זעלטן אויך קריסטלעכער גייסטיקער וועלט.

פאַר איינעם, וועלכער האָט געקענט די פּאַטריצישע יידישע הייזער אין אַמאָליקן פּעטערבורג, מאָסקווע אָדער קיעוו, איז עפּרויקינס שטוב אַ געטרייער פּראָטאָטיפּ פון זיי. די אויסשטאַטונג פון דער ווילע, דער אויס־קלייב פון די מעבל, די טעפּיכער אויף די פּאָדלאָגעס, די הערלעכע ביל־דער אויף די ווענט, שוין אָפּגערעדט פונעם צוזאַמענשטעל פון דער ביב־ליאָטעק און דעם אויכוואַל פון די אַנדערע קונסט חפצים, זאָגן עדות, אַז דאָ לעבן מענטשן מיט אַ קינסטלערישן חוש און מיט אַן עסטעטישן געשמאַק. לעבן רייך מיינט נאָך נישט לעבן שיין. דאָס יאָרנלאַנגע וווינען אין פּעטערבורג און פּאַריז האָט אַנטוויקלט ביים פּאָרל עפּרויקין אַ גרויסע

פאַרשטענדעניש צו אמתער קונסט און טיפע ליבע צו איר. באַטראַכטנ־דיק זייער בילדער־גאַלעריע, מערקט זיך תיכף, אַז אין דעם אויסוואַל פון די לייוונטן זענען טריט ביי טריט געגאַנגען דער קונסט־קענער מיטן מעצענאַט.

די אויפנאַמען און מסיבות אין עפּרויקינס היים שפּיגלען אָפּ די אינדיווידואַליטעט פון זייערע באַלעבאַטים. דאָ פּאָרט זיך דאָס אינטעגראַל־יידישע מיט דעם, וואָס מען רופט „שיראָקאָיאַ רוסקאַיאַ נאַטוראַ". סוף כל סוף איז דאָס פאָלקס־ווערטל „ווי עס קריסטלט זיך אַזוי יידלט זיך" נישט קיין אויסטראַכטעניש. דאָס אינטעגראַלע יידישע פּאָרל עפּרויקין האָט זי־כער געירשנט פון דער „ברייטער רוסישער נאַטור". דער גאַנצער לעבנס־שטייגער אין זייער שטוב ווערט אָנגעפירט מיט דער עכט רוסישער גאַסט־פריינטלעכקייט און ברייטקייט. זיצנדיק אַרום זייער טיש איז זיך שווער אויסצומאָלן, אַז אין דער פראַנצויזישער מעטראָפּאָל שפּירט זיך דחקות אין לעבנסמיטלען. די גייסטיקע סביבה אין זייער שטוב שטייט אויף דער זעלבער הויך, ווי דער רייך סערווירטער טיש.

צוויי פאַרבראַכטע אָוונטן האָבן זיך באַזונדערס איינגעקריצט אין מיין זכרון. דאָס איז אַ פאַמיליע - יום־טוב אין שטוב פון אַ יידישער פּיאַנאָ־קינסטלערין, ערגעץ אין אַן אָפּגעלעגטן פּאַריזער קוואַרטאַל און אַן איינלאַדונג צו אַ „גלעזל טיי" ביי עפּרויקינס משפּחה. פרייליכער און יונגווילעריש איז דווקא געווען ביי דער קינסטלערין, אָבער באַלערנדיקער און אינהאַלטסרייכער איז פאַרלאָפן די צייט ביי אַ „גלעזל טיי" ביי ישראל עפּרויקינען. די „טיי־פּאַרטי" וואָס איז אָנגעזאָגט געוואָרן אויף פיר אַזייגער נאָך מיטאָג, האָט זיך, לויט דעם רוסישן שטייגער, אַ ביסל פאַרצויגן. דאָס „גלעזל טיי" האָט זיך אומבאַמערקט פאַרוואַנדלט אין אַ וועטשערע, די וועטשערע אין אַ נייעם „גלעזל טיי", און אַז די געסט האָבן געכאַפּט אַ קוק אויף זייערע זייגערס, האָבן זיי צו זייער דערשטוינען באַמערקט, אַז האַלבע־נאַכט איז שוין פאַרביי.

פון דעם איז נישט שווער צו דרינגען, אַז דער שמועס איז געווען נישט קיין לאַנגווייליקער און אַז נישט קיין נודניקעס האָבן פון אַ נאָכמי־טאָג־טיי געמאַכט אַ שפּעט־נאַכטלעכע מסיבה.

ווענן וואָס רעדן און דיסקוטירן אַן אַנדערהאַלב מנינים שרייבער,

זשורנאַליסטן און קינסטלער אין אַן אינטימער אַטמאָספער און דערצו נאָך ביי אַ רייך־געדעקטן טיש?

צווישן די געסט איז געווען אַ גרופּע שרייבער, וועלכע האָבן דעם גאַנצן קריג דורכגעלעבט אין ראַטנפאַרבאַנד און אָקאָרשט ערשט אָנגעקומען קיין פראַנקרייך, ס׳רוב פּוילישע און גאַליציאַנער יידן. עס איז נישט שווער זיך אָנצושטויסן, אַז גראַד אָט־די געסט האָבן צו זיך צוגעצויגן דעם גרעסטן אינטערעס, בעיקר איין דיכטער — אַן אמתער מוסטער פון פּלאַסטישע שילדערונגען. שעהען לאַנג האָט ער — דער דיכטער — אונדז ממש מאַגנעטיזירט מיט זיינע דערציילונגען, ווי פּראָזע און דיכטונג, הומאָר און סאַטירע, שאָטן און ליכט האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין אַ מין רעטאָרישן פייערווערק. דאָס לעבן אינעם ראַטנפאַרבאַנד, דערהויפּט דאָס יידישע לעבן, איז פאַר אונדז אַנטשטאַנען אין זיין גאַנצער איינגאַרטיקייט און פאַרבנרייכקייט. דער דיכטער האָט ווי מיט אַ פּענזל געמאָלט בילדער, שטימונגען, פאַקטן, עפּיזאָדן און איבערלעבונגען, זאָרגפעלטיק אויסקלייבנדיק די פאַרבן, כדי דער לייוונט, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דאָס לעבן פונעם ראַטנפאַרבאַנד, זאָל נישט אויסזען איינזייטיק.

צוהערנדיק זיך צו די דערציילונגען פונעם דיכטער, האָבן אויפגעטויכט אין מיינע דערינערונגען אַנאַלאָגישע שמועסן, וואָס איך האָב געהאַט אין ניו יאָרק, מיט אַנדערע סאָוויעטישע שריפטשטעלער גראַד נישט קיין יידן. אויך זיי, די קריסטן, אויסגעוואַקסענע און דערצויגענע אין ראַטנפאַרבאַנד, האָבן געפּרוּווט צו זיין אָביעקטיוו און פאַרענטפערן אַ סך קשיות, וואָס שטעלן זיך אויף פאַר איינעם, פאַר וועמען דאָס לעבן אין ראַטנפאַראַבנד איז אַ גרויסע רעטעניש.

דאָס גלעזל טיי אין עפּרויקינס היים האָט אַריינגעטראָגן אַ סך קלאָרקייט אין דעם באַנעם פון די אָנוועזנדיקע געסט לגבי דעם ראַטנפאַרבאַנד.

שפּרייזנדיק דורך די שטילע און אין שלאָף פאַרטרונקענע פּאַריזער פאָרשטאָט־גאַסן, האָבן מיר — די שפּעטע געסט — נאָך אַלץ זיך צוגעהערט צו די רייד פון די ראַטנפאַרבאַנדישע שרייבער, וועמענס שילדערונגען, האָט זיך געדאַכט, האָבן נישט קיין סוף און נישט קיין עק . . .

אליהו טראַצקי

קאַפּיטל צוויי

אויפן וועג קיין דייטשלאַנד

מען באַדאַרף נישט צו זיין קיין געניטער פּאָליטיקער אָדער אַ טיפער באַאָבאַכטער, כדי זיך צו איבערציינגן, אַז דער סוף פון דער בלוטיקער מלחמה האָט נישט געבראַכט קיין פרידן, אַז די וועלט קאָרטשעט זיך אין סאָציאַלע קאַנוווּלסיעס און אַז די מענטשלעכע משפּחה איז אַצינד שטאַר־קער צעריסן ווי פאַר דעם קריג. ווי יעדער קראַנקער אָרגאַניזם וואָס ווערט ספּאָראַדיש צעטרייסלט פון פיבער, פּונקט אַזוי פאַלט אַריין די מענטש־הייט פון צייט צו צייט אין אַ קראַנקהאַפטן צושטאַנד פון אומרו און פּחד. אין פאַרלויף פון קנאַפּע פיר וואָכן איז מיר אויסגעקומען צוויי מאָל צו זיין אַן עדות פונעם דאָזיקן פּסיכישן פענאָמען: צום ערשטן מאָל אין ניו־יאָרק, צום צווייטן — אין פּאַריז.

גראָד אַ טאָג פאַר מיין אָוועקפאָרן איז אין פראַנקרייך אויסגעבראָכן אַן אומבאַשרייבלעכע פּאַניק. דער פּאָליטישער הימל האָט זיך פּלוצים פאַר־פינצטערט. דעם ציימונגס־וואַלד האָט דערשיטערט אַ שטורעם פון דראַ־ענדיקע ידיעות און די באַפעלקערונג איז אַריינגעפאַלן אין אַ מין פּאָלי־טישער היסטעריע. דאָס טרויעריקע וואָרט „קריג" איז געהאַנגען אין דער לופט און זיך געטראָגן פון מויל צו מויל.

— אפשר וואָלט איר אָפּגעלייגט אייער נסיעה קיין דייטשלאַנד אויף עטלעכע טעג? — האָבן מיר געעצהט מיינע פריינט. איר קענט דאָך חלילה אַריינפאַלן אין סאַמע פייער... איר זעט דאָך וואָס פאַר אַ בהלה עס הערשט אין לאַנד... ס'איז נישטאָ קיין רויך אָן פייער ! . .

ווער און וואָס האָט גורם געווען דעם דאָזיקן פּלוצימדיקן פּסיכאָז, איז פאַר מיר געבליבן עד היום אַ רעטעניש. די פּאַניק איז געווי אַזוי שנעל פאַרשווּנדן, ווי זי איז אַנטשטאַנען. דער עצם־פאַקט אָבער פון דער מעג־לעכקייט פון אַזאַ מין היסטעריע איז סימפּטאָמאַטיש. ער שפּיגלט בולט אָפּ די אַלגעמיינע אומזיכערקייט אין דער וועלט.

פונקט ווי די אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטיק האָט פאַרלוירן איר גלייכ־געוויכט, אַזוי דאַכט זיך איז אויך די נאַטור עפּעס אַראָפּ פון די רעלסן. דער בליענדיקער פרילינג מיט וועלכן פּאַריז האָט מיך מקבל פּנים געווען האָט זיך בעת מיין אָפּפאָרן פאַרוואַנדלט אין אַ כמורנעם און קאַלטן האַרבסט. צוויי טעג נאָכאַנאַנד האָט געגאָסן, גלייך ווי אַלע הימלען וואָלטן זיך געעפנט און מיך געוואָלט אָפּהאַלטן פון מיין געוואַגטער רייזע.

אַ נסיעה אין דעם פאַרשאָלטענעם לאַנד איז בפירוש אַ מין אוואַנ־טורע, בעיקר פאַר איינעם, וועלכער קומט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, פון אַ מדינה מיט געאָרדנטע פאַרהעלטענישן, מיט אַן איבערפלוס פון רייכטום און מיט אַ ריזיקן אויפבוי־פּראָצעס.

מיין פּערזענלעכע אַוואַנטורע האָט זיך אָנגעהויבן מיטן מאָמענט, ווען דער אַמעריקאַנער אָפיציר אינעם פּאַריזער „פּערמיט־ביוראָ" (ביוראָ פון דער אַמעריקאַנער אָקופּאַציע־מאַכט) האָט מיר מיטגעטיילט, אַז איך פאָר ווי אַ גאַסט פון דער אָקופּאַציע־מאַכט און געניס די פּריווילעגיעס פון אַ פּאָלקאָווניק. מילא, פּאָלקאָווניק איז פּאָלקאָווניק! פאַר וואָס מיר קומט אומפּאַרדינטערהייט אַזאַ הויכער מיליטערישער ראַנג, האָט מען מיר תיכף אויפגעקלערט. היות איך פאָר אין שליחות פון „אָרט", און די דאָזיקע געזעלשאַפט איז אָנגעשלאָסן אין דער „איראָ", דער יורש פון דער אויפגעלייזטער „אונראַ", וואָס באַזאָרגט די שארית הפליטה, בין איך באַרעכטיקט סיי אויף אַ מיליטערישן ראַנג און סיי אויף די פּריווי־לעגיעס פון אַ הויכן מיליטער־מאַן.

אגב אין דער צאַרישער אַרמיי, אין וועלכער איך האָב אַמאָל געדינט, איז מיין ראַנג, מחמת ייִד, העכער פון אַן אונטעראָפיציר נישט געשטיגן. משמעות, איז מיין מיליטערישע פאַרגאַנגענהייט מיר געווען אַ קנאַפּע מניעה, כדי מיך צו פאַרוואַנדלען אין אַ פּאָלקאָווניק. אויף מיין איראָנישער באַמערקונג, אַז עס קומט מיר אויסטערליש פאָר זיך צו מאַס־קירן אין אַן אָפיציר, האָט דער אַמעריקאַנער לייטענאַנט טרוקן געענטפערט:

— ווען איר וועט קומען אין דער אָקופּאַציע־זאָנע, וועט איר אייך באַלד איבערצייגן, אַז טראָגן אַן אוניפאָרם איז נישט קיין מאַסקאַראַד און אַז דער ראַנג פון אַ פּאָלקאָווניק האָט אַ סך צו באַדייטן.

דעם כוח פון אַ מיליטערישן ראַנג האָב איך דערשפּירט תּיכּף ביים פאַרלאָזן פּאַריז. ביים אַריינגיין אינעם מיליטער־צוג, וואָס האָט מיך באַדאַרפט ברענגען קיין מינכען, בין איך פאַרהאַלטן געוואָרן פון אַן אַמעריקאַנישן קאָנטראָל־אָפיציר. מיין ציוויל־מאַנטל האָט אין אים געוועקט דעם חשד, אַז איך בין נישט באַרעכטיקט צו פאָרן מיט אַמעריקאַנער מיליטער־צוגן. קוים אָבער איז זיין בליק געפאַלן אויף מיינע דאָקומענטן, בעיקר אָבער אויף דער באַשטעטיקונג, אַז איך בין אַ פּערזאָן פון צוועלפטן ראַנג (פּאָלקאָווניק) האָט ער זיך אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע, מיך מיליטעריש סאַלוטירט און באַפוילן אַ סערזשאַנט צו רעזערווירן פאַר מיר אַ סעפּאַראַטן שלאָף־קופּע. אמת, די מיליטערישע ראַנגען מיט וועלכע די אָקופּאַציע־מאַכט באַערט עמיצן זענען גילטיק בלויז אַזוי לאַנג ביז וואַנען מען איז גאַסט אינעם אָקופּאַציע־געביט. אויך די ענגלישע און פראַנצויזישע אָקופּאַציע־באַהערדן אַנערקענען דעם דאָזיקן ראַנג און אַלע מיט אים פאַרבונדענע פּריווילעגיעס. וואָס ס'איז שייך די סאָוויעטישע אויטאָריטעטן, איז הגם אויך זיי מאַכן נישט קיין שוועריקייטן פאַר די באַזיצער פון אַמעריקאַנישע אָדער ענגלישע מיליטער־ראַנגען, יעדנפאַלס אָבער איז דער אַריינפאָר אין דער ראַטנפאַרבאַנדישער זאָנע פאַרבונדן מיט קאָמפּליצירטע פאָרמאַליטעטן אָדער ספּעציעלע דערלויבענישן.

איך פּערזענלעך האָב מיך געפילט אַ ביסל אומבאַקוועם, מחמת דעם באַטאָנטן דרך ארץ, וואָס די מיליטערישע באַגלייטונג פונעם צוג האָט לגבי מיר אַרויסגעוויזן. אין מיין אינערן האָט געטליעט עפּעס ווי אַ מין פּראָטעסט קעגן דער ראָל פון אַן אומפּריוויליקן כלעסטאַקאָוו, אין וועלכער איך האָב מיך געפונען. ביסלעכווייז אָבער איז דאָס דאָזיקע געפיל פאַרשוווּנדן און איך האָב מיך גאַנץ נישקשהדיק אַריינגעפּאַסט אין דער ראָל פון אַ מיליטער־מאַן.

באַלד טאַקע דערמאַנט מיך אַ קלאַפּן אין טיר פון קופּע וועגן מיין מיליטערישן ראַנג.

— דאָס אָוונט־עסן ווערט שוין אין רעסטאָראַן סערווירט, הער פּאָלקאָווניק! — מעלדעט דער וואַגאָן־באַדינער.

אין דרויסן גיסט אַ מבול. דער מיט ליכט באַגאָסענער רעסטאָראַן־וואַגאָן און די געשמאַקפול געדעקטע טישן קאָנטראַסטירן אַנגענעם מיט

דעם דרויסן־צעבושעוועטער סטיכיע. מיר פֿאָרן דורך פֿראַנקרייך, אין דער ריכטונג צו עלזאַס־לאָטאַרינגיע. די באַדינונג אין רעסטאָראַן איז אַ פֿראַנצויזישע. ס'רוב ווערט אָבער גערעדט ענגליש, ווייל די מערסטע פּאַסאַזשירן זענען אַמעריקאַנישע אָדער ענגלישע מיליטערלייט. רייזנדע אין ציוויל איז אויף די פֿינגער אָפּצוציילן. ביי מיין טיש זיצט אַ יונגע בלאָנדע אַמעריקאַנערין אין מיליטער־אוניפֿאָרם און מיטן אָפּצייכן פֿון אַ לייטענאַנט. איר אַנטקעגן — אַ קאַפּיטאַן, אַן אויסגעשפּראָכענער טיפּ פֿון אַ דרום־אַמעריקאַנער. זיינע פּעך־שוואַרצע האָר און פֿייערדיקע אויגן, דער טונקל־הויט קאָליר פֿון זיין געזיכט אַנטפּלעקן תּיכּף זיין צוגעהעריקייט צו דער לאַטיין־אַמעריקאַנער ראַסע. צו מיין גרעסטן חידוש רעדט דאָס פּאָרל צווישן זיך שפּאַניש... אַ געמיינזאַמער שמועס פֿאַרבינדט זיך שנעל, בפֿרט נאָך ווען מיינע מיטרייזנדע דערוויסן זיך, אַז אויך מיר איז די שפּאַנישע שפּראַך נישט פֿרעמד. די בלאָנדע לייטענאַנטקע און דער טונקל־הויטיקער קאַפּיטאַן זענען ביידע מעדיצינער און דינען אַלס דאָקטוירים ביי דער אַמעריקאַנער אָקופּאַציע־מאַכט. זי, די לייטענאַנטקע, איז אַ געבוירענע אין ניו־טעקסאַס און ער — דער קאַפּיטאַן — איז אַ זון פֿון דער הייסער קובאַנער ערד, אַ געבוירענער אין האַוואַנאַ. העכער צוויי יאָר אַרבעטן זיי געמיינזאַם אין דער אַמעריקאַנער אָקופּאַציע־זאָנע. אין משך פֿון דער צייט האָבן זיי געהאַט גענוג צייט נעענטער זיך צוצוקוקן צום לעבן אין חרובן דייטשלאַנד און אַריינבליקן אין דער מענטאַליטעט פֿון דעם באַזיגטן דייטשן פֿאָלק.

אויב די בלאָנדע לייטענאַנטקע האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין גרויסע סימפּאַטיע צו די דייטשן, האָט דער קאַפּיטאַן, דער קובאַנער מעדיצינער, אפֿילו נישט געפּרוווט צו פֿאַרמאַסקירן זיין שנאה צו זיי.

— עס איז פֿיליכט נישט הומאַן מצד אַ מעדיצינער אַזוי צו רעדן, אָבער איך האָב פֿיינט די דייטשן. איך פֿאַרטראָג זיי שווער. דאָס הערן־פֿאָלק איז ברוטאַל, קריכעריש און פֿאַרעטעריש. אַ חוץ דעם אינערלעך גאַוווהדיק און חוצפּהדיק. דאָס איז נישט קיין איבערפֿלעכלעכער אורטייל, נייערט אַ פּועל־יוצא פֿון צוויי־יאָריקע באָאָבאַכטונגען און באַטראַכטונגען. אויב איך וועט אויסקומען אַ לענגערע צייט זיך אויפֿצוהאַלטן אין דייטשלאַנד וועט איר זיכער אויך קומען צו די זעלבע אויספֿירונגען.

אוודאי וועט אייך שווערער זיין צו קומען אין א נענטערן קאָנטאַקט מיט דער דייטשער באַפעלקערונג, ווי אונדזערן איינעם. איך פיר אָן מיט דער מעדיצינישער לייטונג פון א גרויסן שפּיטאָל אין דער שטאָט אמבערג: עס קומען צו מיר טעגלעך קאָנסולטירן צענדליקער דייטשע מענער און פרויען, אזוי אז מיר איז נישט שווער אריינצודרינגען אין זייער אַרט דענקען און טראַכטן. מיך באַטראַכטן זיי ווי א נייטראַלן און זענען מיט מיר אָפנהאַרציק. אין תוך אָבער טרויען זיי מיר נישט . . . '

— ס'איז שווער זיך פונאַנדערצוקלייבן אין דער דייטשער נשמה. די דייטשע פּסיכיק איז קראַנק. דער פאַרלוירענער קריג און דער צוזאַמענברוך פון היטלערס רייך איז א צו גרויסע דערשיטערונג פאַר דעם הערן־פאָלק — וואַרפט אריין א באַמערקונג די לייטענאַנטקע.

— זיכער א גרויסע, אָבער א כשר־פאַרדינטע! — ענטפערט דער קאַפּיטאַן. איצט, ווען זיי ליגן צעטרעטן און ווערעם און שפּירן אויפן אייגענעם גוף דעם פרעמדן יאָך, זענען זיי סערוויל און קריכעריש. אין די דייטשע הערצער אָבער ברענט די שנאה צו די זיגער. זיי האַסן די ענגלענדער און פראַנצויזן, פאַראַכטן די רוסן און באַטראַכטן די אמעריקאַנער ווי נאַראָנים. פון וועלכער ס'איז חרפּה פאַר דער וועלט־קאַטאַסטראָפע, אין וועלכער היטלער האָט די מענטשהייט אריינגעצויגן, ווייזן זיי קיין סימן נישט אַרויס. יאָ, זיי שעלטן און פאַרפלוכן היטלערן, אָבער נישט פאַר זיינע פאַרברעכנס און מיאוסע מעשים, נאָר ווייל ער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס פאַלשער נביא, בעיקר אָבער פאַרן פאַרלוירענעם קריג...

פאַרוואָס גראָד דער קובאַנער מעדיקער איז אַזאַ גערמאַנאָפאָב איז מיר אומקלאָר. זיין פאַרטנערקע, די לייטענאַנטקע, האָט געפּרוווט צו אַנאַליזירן דעם פּסיכישן בראָך פונעם דייטשן פאָלק און אויסטייטשן דעם היטלעריזם מיט א קאָלעקטיוון פּסיכאָז. אָבער אפילו אויך זי — די לייטענאַנטקע — איז געקומען צום אויספיר, אז די דעזינפעקצירונג און היילונג פון דער קראַנקער דייטשער נשמה — איז א לאַנגער און דויערנדיקער פּראָצעס. עס זענען נויטיק דורות, כדי די דייטשן זאָלן קענען ווערן פרידלעכע מיטגלידער פון דער מענטשלעכער משפּחה.

אונדזער שמועס, אין וועלכן איך האָב מיך באַגנוגנט מיט דער באַשיידענער ראָל פון אן אינטערעסירטן צוהערער, פאַרציט זיך ביז אין דער

שפּעטער נאַכט. ווען מיר קומען צוריק אין אונדזערע שלאָף־קופּעס דער־גענטערט זיך אונדזער צוג צו שטראַסבורג, די הויפּט־שטאָט פון דער על־זאַסער פּראָווינץ.

דער רעגן הערט נישט אויף צו שמייסן אויף די ווענט און פענצטער פונעם פאַרנדיקן צוג. נאָך אַ האַלבע שעה און מיר קומען קיין קעהל — די ערשטע גרענעץ־שטאָט פונעם פאַרשאָלטענעם לאַנד.

איך פאַרפיקסיר אויף גיך אין נאָטיץ־בוך דאָס ערשטע געשפּרעך מיט מיינע מיטרייזנדיקע. דאָס איז דער בראשית פון מיינע איינדרוקן און באַגעגענישן. וויפל נאָך אַזעלכע אָדער ענלעכע שמועסן דערוואַרטן מיך? עפּעס ווי אַ מין ציטער וואַכט אויף אין מיין האַרץ. וואָס נעענטער מיר קומען צו דייטשלאַנד, ווערט ער אַלץ אינטענסיווער און דרינגענדער. דערינערונגען און געדאַנקען פאַרוויקלען זיך ווי אין אַ קנויל. ווען האָב איך באַטראָטן צום לעצטן מאָל די דייטשע ערד? סוף מערץ פון יאָר 1934, דאָס מיינט אַקוראַט פופצן יאָר... וויפל איז דורכגעלעבט און דורכגע־מאַכט געוואָרן אין משך פון אָט אָ דעם אַנדערהאַלב צענדליק לעבנס־אָפּשניט? ווער זאָגט אַז אַ יאָר איז בלויז דרייהונדערט פינף־אָדער־זעקס־און־זעכציק טעג לאַנג און איין מעת לעת איז גלייך צום צווייטן? אַזוי איז עס נאָר אין דער אַסטראָנאָמישער צייטרעכענונג, אָבער נישט אין לעבן. ווער וועט ריזיקירן צו פאַרגלייכן די לעצטע פופצן יאָר פונעם עם ישראל? זעקס מיליאָן קרבנות, טויזנטער פאַרניכטעטע ישובים, אוצרות פון גייסטיקע און קולטורעלע ווערטן, וואָס דרות האָבן געשאַפן, זענען אַוועק אין פייער און רויך... אַ חורבן, כמעט אַ נאַציאָנאַלער קאַטאַקליזם, וועלכן אפשר נאָר אַזאַ פאָלק ווי דאָס יידישע איז בכוח איבערצוטראָגן. ווי אַ טייפון, ווי אַ פאַרניכטנדיקער שטורעם האָט זיך די לעצטע פופצן יאָר געטראָגן דורך די אַלט־איינגעפונדעוועטע ישובים פונעם אייראָפּע־אישן יידנטום, פאַרוואַנדלענדיק זיי אין טראַגישע רואינען. איז ווער, פרעגט זיך אַ קשיא, קאָן באַהויפּטן אַז די אַסטראָנאָמישע און היסטאָרישע צייט־אָפּשניטן קענען געמאָסטן ווערן מיט איינער און דערזעלבער מאָס? אַלץ איז אין אוניווערזום רעלאַטיוו, אפילו די פּרעציזיטעט פון דער צייט . . .

אַ פּלוצלעכער און שטאַרקער רויך פונעם צוג רייסט איבער מיינע מחשבות. דורך די אַראָפּגעלאָזענע שאַליוזן פונעם קופּע־פענצטער רייסן

זיך דורך ליכט־שטראַלן פון אַ באַלויכטענער סטאַנציע. די זייגער־ווייזער דערנענטערן זיך צו האַלבער נאַכט. און די באַן פאָרט לאַנגזאַם אַריין קיין קעהל. עטלעכע פראַנצויזישע גרענעץ־פּאָליציסטן קומען אַריין אין וואַגאָן. דאָ ווערט דורכגעפירט דער פּאַספּאָרטן־ און וויזעס־קאָנטראָל. פּאַסאַזשירן אין מיליטערישן ראַנג ווערן נישט באַלעסטיקט. זייערע דאָקומענטן זענען פאַרטרויט דעם וואַגאָן־באַדינער, אויף וועמען עס ליגט דער עול דערלייַ־דיקן די קאָנטראָל־פאָרמאַליטעטן. אויך מיין פּאַספּאָרט געפינט זיך אין זיין רשות. איך הער דורך דער טיר ווי דער וואַגאָן־באַדינער רופט אָן מיין נאָמען און אָפיצירן־גראַד. צו מיינע אויערן דערטראָגט זיך אַ שטיל לאַכן פון די באַאַמטע. באמת, ווי זאָל מען זיך נישט צעלאַכן לייענענדיק דעם היסטאָרישן נאָמען פונעם באַרימטן און דערמאָרדעטן רעוואָלוציאָנער אין צוזאַמענהאַנג מיטן ראַנג פון אַ בירגערלעכן פּאָלקאָווניק, און חוץ דעם נאָך אַן אַמעריקאַנער? טראָצדעם אָבער האָט קיינער נישט פון די קאָנ־טראָל־פּאָליציסטן ריזיקירט צו שטערן מיין רו.

מיר גופא שלאָפט זיך נישט... איך קאָן זיך קוים דערוואַרטן דעם סוף פונעם קאָנטראָל. מיר ווילט זיך שנעלער אַרויסגיין אויף דער סטאַנציע און כאָטש אין דער נאַכט וואַרפן אַ בליק אויפן גאַנצן אַרום. אין מיין זכרון לעבט נאָך דאָס בילד פון דער דאָזיקער שטאָט מיט יאָרן צוריק. דער־מאָלט האָב איך פאַרווײלט עטלעכע וואָכן אין שטראַסבורג, פון וואַנען קיין קעהל — די דייטשע גרענעץ־שטאָט — איז בפירוש אַ קאַצנשפּרונג. שטראַסבורג און קעהל ליגן געטיילט אין צוויי שטעט דורכן ברייטן שטראָם פון דעם טייך ריין. דעמאָלט איז היטלערס שטערן געשטאַנען אין סאַמע זעניט פון זיין וועלט־רום און די נאַציסטישע חוצפּה איז מיט יעדן טאָג העכער געשטיגן. לענגאויס פונעם גאַנצן דייטשן ברעג האָבן געפלאַטערט נאַציסטישע פאָנען מיט דער בלוטיקער סוואַסטיקע, ווי שרייענדיקע סימ־באָלן פון דער וואַקסנדיקער דייטשער גבורה. מיט פאַרבאַהאַלטענער מורא האָט זיך די עלזאַסישע באַפעלקערונג, בעיקר די יידן, צוגעקוקט צו דער אַרויספאָדערנדיקער האַלטונג פון די נאַציסטישע שכנים. אין די זכרונות פונעם רוב פון די עלזאַס־לאָטרינגער האָבן נאָך געלעבט די טרויעריקע דער־אינערונגען פון יענע יאָרן 1914-1918, ווען די ווילהעלמינישע האָרדעס האָבן איבערגעפאַלן זייערע פּראָווינצן און געהאַלטן זיי פיר יאָר אָקופּירט.

אין דעם פּלאַטערן פון די נאַציסטישע פאָנען איז געלעגן עפּעס, ווי אַ מין דראַאונג, ווי אַ מין פאָכען מיט אַ געפער, וואָס רוקט זיך פּאַמעלעכווייז, אָבער זיכער אָן.

ווי אַ דאַמאָקל־שווערד איז קעהל געהאָנגען איבער דער עלזאַסישער הויפּט־שטאָט. ער האָט געסטראַשעט אָט־אָט זיך אַראָפּצולאָזן אויף די קעפּ פון דער פרידלעכער עלזאַסישער באַפעלקערונג. קוים איז דער קריג אויסגעבראָכן, איז שטראַסבורג טאַקע געפאַלן אַלס איינע פון די ערשטע קרבנות פון דער נאַציסטישער רציחה. בלויז אַ טייל פון די עלזאַסער יידן האָבן באַוויזן זיך צו ראַטעווען אין די אינערלעכע פראַנצויזישע פּראָווינצן. דער רוב פון דער שטראַסבורגער, קאָלמאַרער און מעטצער קהילות — די דריי גרעסטע אין עלזאַס לאָטאַרינגיע — האָבן נעבעך אויסגעהויכט זייערע לעצטע אָטעמס אין די גאַז־קאַמערן פון טרעבלינקע, אָדער אָשוויענטשים.

און אָט שטיי איך אויפן באָדן פון יענער שטאָט קעהל, פון וואַנען די ברוינע באַרבאַרן האָבן אָנגעפאַנגען זייער ברוטאַלן אַריינדרינגען קיין פראַנקרייך. ווי פינצטער, אָפּגעלאָזן און פאַרוויסט זעט אויס די אַמאָל חוצפּהדיקע סטאַנציע — דער אויסגאַנגס־פּונקט פון היטלערס טריומפאַלן מאַרש דורך פראַנקרייך. עטלעכע אויסגעדאַרטע דייטשע אייזנבאַן־באַאַמטע און אַ האַלב טוץ אָפּגעריסענע געפּעק־טרעגער קוקן מיט הונגעריקע אויגן אויף די פּאָר פּאַסאַזשירן, וואָס שטייגן אַרויס פונעם צוג. נישט זיי, די דייטשן, זענען מער די באַלעבאַטים און נישט זיי האָבן וואָס צו באַשטימען אויף דער גרענעץ־סטאַנציע. זייער פונקציע איז בלויז אויסצופירן די באַפעלן פון די פראַנצויזישע קאָנטראָל־באַאַמטע. דאָס ראָד פון דער דייטשער געשיכטע האָט זיך אַ דריי־געטון אויף צוריק . . .

קאַפּיטל דריי

די ערשטע באַגעגעניש

אַ קאָשמאַר, אַ בייזער חלום, עפּעס אַזוינס, וואָס מען פאַנטאַזירט אין אַ קראַנקהאַפטן צושטאַנד פון הויכן פיבער — דאָס איז מיין ערשטער איינדרוק ביים אויפוואַכן פון שלאָף אויפן דייטשן באָדן. עס איז שווער

אָפּצורייסן דעם בליק פונעם קופּע־פּענצטער. ווי אַ פּאַרגליווערטער בין איך געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויף זיין ראַם. פאַר מיינע אויגן האָט זיך געטראָגן אַ פּאַנאָראַמע פון אַ קוים גלויבלעכן חורבן. לענגאויס די אייזנ־באַן־רעלסן ציען זיך פּאַנטאַזיע־פולע בערג פון רואינען: איינע שרעקלע־כער און אָפּשרעקנדיקער פון דער צווייטער. וועגן־נישט־וועגן רייסט זיך אַריין אין די דאָזיקע וויסטענישן אַ פריילעך דייטשיש דאָרף אָדער שטעטל, וואָס זענען ווי דורך אַ וואונדער געבליבן גאַנץ פון די באָמבאַרדירונגען. זיי, די נישט באָמבאַרדירטע דערפער אָדער שטעט — ווירקן ווי אָאַזיסן אין אַ מדבר און פאַרשטאַרקן נאָך גרעסער דעם קאָנטראַסט צווישן לעבן און טויט. עס דאַכט זיך, ווי ווען די נבואה פונעם אַפּאָקאַליפּסיס האָט זיך גראָד אין דייטשלאַנד פאַרווירקלעכט און די פיר אימהדיקע רייטער האָבן מיט די קאָפּיטעס פון זייערע פערד צעטרעטן און פאַרוויסט די אַמאָל בלי־ענדיקע מדינה. די חורבנות אין ענגלאַנד און פראַנקרייך זענען אַ קינדער־שפּיל אין פאַרגלייך מיט די דייטשע. דאָרט, בעיקר אין פראַנקרייך, איז אויך נישקשהדיק פאַרניכטעט געוואָרן, אָבער די ענגלענדער און פראַנ־צויזן פאַרריכטן דאָס באַשעדיקטע, בויען בריקן, וואָקזאַלן, פּלאַסטערן נייע וועגן און שליאַכן. דאָרט שפּירט מען אַ ניי פּולסירנדיק לעבן, אַ רע־האַביליטאַציע־פּראָצעס פון גרויסן פאַרמעסט.

דאָ, אין דייטשלאַנד, אין היטלערס „טויזנט־יאָריקן" רייך, בליען בלויז די רואינען. אַזוי ווייט ווי דאָס אויג קען דערגרייכן, זעט מען מער־סטענס חורבות, פילט מען מיט אַלע פיבערן פון דער נשמה דעם אומגע־הויערן חושך וואָס ליגט איבערן לאַנד.

די ערשטע גרויסע סטאַנציע אויפן וועג קיין מינכען, ווו אונדזער צוג האַלט, איז קאַרלסרוהע, די הויפּטשטאָט פונעם אַמאָליקן גרויס־הער־צאָגטום באַדען. אין מיין זכרון האָט נאָך געלעבט די וויזיע פון יענער פּרעכטיקער באַדישער מעטראָפּאָל, וואָס האָט געשמט אַלס איינע פון די מאָדערנסטע שטעט אין דרום־דייטשלאַנד. קאַרלסרוהע האָט כסדר זיך באַמיט צו קאָנקורירן מיט מינכען אויפן געביט פון אַרכיטעקטור און וווינונג־קולטור.

און ווי אַזוי זעט איצט אויס די קאָנקורענטקע מינכען? פונעם ריזיקן וואָקזאַל איז געבליבן נאָר דער שטאָלענער סקעלעט. פון אַלץ אָבער,

וואָס האָט מיט זיך פֿאַרגעשטעלט אַן אַנדער בוי־מאַטעריאַל: צעמענט, גראַניט, ציגל אָדער גלאָז איז קיין זכר נישט געבליבן. אַן אומזיכטבאַרע גיגאַנטישע האַנט האָט זיי פֿאַרוואַנדלט אין אַ באַרג פֿון רואינען אָדער געמאַכט פֿון זיי שטויב און אַש און צעטראָגן מיט די ווינטן אין אַלע עקן פֿון דער וועלט.

מען שפּאַצירט לענגאויס פֿון דער צעקאַלעטשעטער פּלאַטפאָרמע, מען קוקט זיך צו צו די נעבעכדיקע, אָפּגעבליאַקעוועטע אייזנבאַן־וואַגאָנען, מיט די אויסגעשלאָגענע שויבן און אָפּגעריסענע בענק, וואָס שפּייען אַרויס אויפֿן וואָקזאַל הונדערטער דייטשן, און מען גלייבט בפֿירוש נישט די אייגענע אויגן... זענען אָט דאָס טאַקע די רעפּרעזענטאַנטן פֿון יענעם הערן־פֿאָלק, וועלכעס האָט העבער צוועלף יאָר טעראָריזירט די גאַנצע וועלט און קנאַפּע פֿינף יאָר געווען כמעט דער איינציקער באַהערשער פֿון אייראָפּע?!... קאָן עס געמאָלט זיין, אַז די דאָזיקע שלעכט אָנגעטוענע, אויסגעהונגערטע מענטשן, מיט פֿאַרביטערטע פּנימער, פֿאַרשלאָסענע מיילער און פֿאַרבאַהאַלטענער שנאה אין די אויגן, האָבן גערויבט, געמאָרדעט, געשענדעט פֿרויען, פֿאַרטיליקט מיליאָנען יידן, אָדער צעריסן פֿאַר די אויגן פֿון אומגליקלעכע מוטערס זייערע הילפֿלאָזע עופֿהלעך?

— שפּירט איר נישט, אַז די דייטשן פֿאַרשפּרייטן אַ שלעכטן ריח, ריכטיקער געזאָגט, אַז זיי שטינקען? — דערהער איך פּלוצים אַ בייסיקע באַמערקונג, וואָס רייסט איבער מיינע באַאָבאַכטונגען. איך דריי מיך נישט ווילנדיק אויס. נעבן מיר שטייען מיינע מיטרייזנדע — קאַפּיטאַן ליוואַמאָראַ, דער קובאַנער מעדיצינער און זיין פּאַרטנערקע, די ליטענאַנטקע מאַרגאַרעט רעקטאָר וואָרטן.

ביידע זעען אויס גוט אויסגעשלאָפֿן און קענטיק ווייניק פֿאַראינטערעסירט אין דעם משונהדיקן אַרום. פֿאַר זיי איז דאָס אַלץ נישט מער ניי. ווי אַזוי דאָס אַמאָליקע דייטשלאַנד האָט אויסגעזען, ווייסן זיי נישט.

דער קאַפּיטאַן פֿאַרציט זיך מיטן רויך פֿון אַ געשמאַקן ציגאַרעטל און איך באַמערק, ווי אַ צענדליק דייטשע אויגן ווערן מאַגנעטיש צוגעצויגן צום ציגאַרעטן־פּייערל. דער בלויער ציגאַרעטן־רויך צעשווימט זיך אין דער זוניקער און וואַרעמער פֿרילינג־לופֿט, אָנפֿילנדיק זי מיט אַן

אנגענעמען אַראָמאַט פון אַ גוטן טאַבאַק. מיר זאַלבעדריט פירן צווישן זיך אַ שטילן שמועס אויסטווישנדיק איינדריקן און באַאָבאַכטונגען.

— אַט וועל איך פאַר אייך באַלד דעמאָנסטרירן דעם עקאָנאָמישן מצב פון די דייטשן, — זאָגט דער קאַפּיטאַן.

געזאָגט און געטון . . .

ווי וועגן גאָרנישט טראַכטנדיק און נישט קוקנדיק אָן אַ זייט, וואַרפט ער אַוועק איבער די פּלייצע אַ האַלבן, נישט דעררויכערטן ציגאַרעט. תיכף גיבן זיך אַ פּיר דייטשן אַ וואָרף אויפצוהייבן דעם ציגאַרעטן־רעשטל. דער פלינקסטער פון זיי כאַפּט אויף דאָס ברענענדיקע ציגאַרעטל און מיט אַ גליקלעכן אויסדרוק אויפן פּנים, פאַרמישט ער זיך שנעל צווישן דעם פּאַסאַזשירן־עולם.

— איר האָט באַמערקט ווי עס האָבן דעגראַדירט די זין פון דער הערן־ראַסע?! נישט לאַנג האָבן זיי נאָך געטרוימט פון וועלט־הערשאַפט און פעסט געגלויבט דאָס צו דערגרייכן. איצטער רייסן זיי זיך צוליב אַ ציגאַרעט־רעשטל, ווי הונגעריקע הינט וועגן אַ צוגעוואָרפענעם ביין . . .

די לייטענאַנטקע, מים וואָרטן, ברוווט צו פאַרענטפערן די חרפּה־דיקע האַלטונג פון די דייטשן מיט דחקות אין לאַנד, מיט דער אַלגעמיינער שווערער ווירטשאַפטלעכער לאַגע, דערהויפּט אָבער מיט דעם, וואָס אַ ציגאַרעט איז כמעט אַ לוקסוס־אַרטיקל פאַר די אָרעמע געזעלשאַפט־שיכטן.

— גלויבט מיר, אַז אויך דייטשע געלערנטע און אינטעלעקטואַלן, ווען זיי וואָלטן זיך נישט געשעמט, וואָלטן זיי זיך פּונקט אַזוי געראַנגלט פאַר אַ ציגאַרעט, ווי דאָס טוט דער איינפאַכער מענטש. אויב די דייטשן שטינקען אַצינד, איז דאָס נישט נאָר מחמת זייף־מאַנגל. פרידריך ניטשע, גראָד יענער דענקער, אויף וועמענס פילאָזאָפיע דער נאַציזם האָט אויפ־געבויט זיין משוגענע ראַסן־טעאָריע, האָט נאָך מיט פופציק יאָר צוריק זיך אויסגעדריקט, אַז די דייטשן — שטינקען. דעם איינציקן אויסנאַם האָט ניטשע געמאַכט פאַרן מאַרשאַל פאָן־מאָלטקע, דעם גניאַלן סטראַטעג און זיגער אין פּרייסיש־פראַנצויזישן קריג פון יאָר 1870.

אַ קורצער אויסרוף „איינשטייגען" וואָס דער קאָנדוקטאָר שרייט אויס, דערמאַנט אונדז, אַז דער צוג פאָרט באַלד אָפּ. מיר פאַרנעמען פּלע־צער אין רעסטאָראַן־וואַגאָן, וווּ עס ווערט סערווירט דער מאָרגן פרישטיק.

די באַדינונג איז אַ דייטשע, אָבער אַלע קעלנער רעדן ענגליש אָדער פראַנ־צויזיש. אין פאַרלויף פון אַ קנאַפּער שעה ווערט דער רעסטאָראַן אָנגע־פּיקט מיט פּאַסאַזשירן, ס׳רוב מיליטער־לייט. מיר וואַרפט זיך אין די אויגן אַן אויכטערקישע זערשיינונג, וואָס איך האָב פריער אין ערגעץ נישט גע־זען. אויף אַלע טישן זענען געשטאַנען גלעזער, אין וועלכע יעדער פּאַסאַ־זשיר וואָס איז פּאַרטיק געוואָרן מיטן עסן, האָט אַריינגעשטעלט איינעם אָדער צוויי ציגאַרעטן.

לויט דער באַשטימונג פון דער אָקופּאַציע־מאַכט איז פאַרווערט אַלע אירע אָפיצירן און אָנגעשטעלטע, ווי אויך פאַר אירע געסט, וואָס פאָרן קיין דייטשלאַנד, צו באַנוצן זיך מיט דער דייטשער וואַלוטע. אַלע פּערזאָנען וועלכע באַלאַנגען צו דער אָקופּאַציע־מאַכט, צו דער „אירא״ אָדער צו וועלכער ס׳איז אַנדערער קערפּערשאַפט, וואָס איבט אויס איר טעטיקייט אין די אָקופּירטע געביטן, מוזן זיך באַדינען מיט אַ ספּעציעלער אַמעריקאַנער וואַלוטע, אויסגעשטעלט אין דאָלאַרן. נישט די דייטשע באַ־פעלקערונג און נישט די פּליטים האָבן געטאָרט אָנרירן דאָס געמעלטע געלט. שווערע שטראָפן, ביז צו 5 יאָר תפיסה, האָט געדראָט יענעם דייטש, אָדער פּליט, ביי וועמען מען האָט געפונען אַן אַמעריקאַנער באַנקנאָט. די דאָזיקע באַשטימונג איז נישט געווען קיין ווילקירלעכער אַקט. אדרבא, זי איז דיקטירט געוואָרן פון דעם ווונטש פון די אַליאירטע מלוכות צו באַשיצן די רואינירטע דייטשעווירטשאַפט פון אויסגערויבט צו ווערן מצד די אייגענע און פרעמדע שפּעקולאַנטן.

בכן האָט דער ציגאַרעט געדינט אַלס דאָס איינציקע לעגאַלע מיטל, מיט וואָס מען האָט אומבאַשטראָפט געקאָנט באַלוינען דעם דייטש פאַר די דערוויזענע דינסטן. שענקען אַ דייטשן קעלנער, געפּעק־טרעגער, שאָ־פער אָדער דינסטמיידל עטלעכע ציגאַרעטן האָט געגאָלטן ווי דאָס פיינסטע טרינקגעלט. בכלל איז דער ציגאַרעט באַהאַנדלט געוואָרן ווי אַ מין וואַ־לוטע־ווערט. אַצינד, נאָך דער דורכפירונג פון דער פינאַנץ־רעפאָרמע אין דייטשלאַנד, האָט דער ציגאַרעט פאַרלאָרן דעם ווערט, פאַר דער פינאַנץ־רעפאָרמע אָבער האָט מען מיט אַ פּעקל ציגאַרעטן געקענט אַ סך דער־גרייכן. שוין אויפן וועג קיין מינכען, זיצנדיק אין רעסטאָראַן־וואַגאָן, איז

מיר אויפגעפאַלן מיט וואָסער גיריקייט האָבן די דייטשע קעלנער געציילט די געשענקטע ציגאַרעטן.

— „אָרעמקייט — זאָגט אַ פאָלקס־ווערטל — איז נישט קיין חרפּה, אָבער אַ געמיינהייט — דערגענצן די ציניקער. די אָרעמקייט פון די ברייטע דייטשע מאַסן איז נישט קיין אויסטראַכטעניש. זי איז אַ פּועל יוצא פונעם קריג, צוזאַמענברוך, דערהויפּט אָבער פון היטלערס פאַרברעכערישער פּאָליטיק, וועלכע די דאָזיקע מאַסן האָבן ענטוזיאַסטיש געשטיצט. זיי, די מאַסן, קענען צו קיינעם נישט האָבן קיין טענות און קענען אויף קיינעם נישט, ווי נאָר אויף זיך גופא זיך באַקלאָגן. היטלער, דער געוועזענער אָפּגאָט פונעם רוב פון דייטשן פאָלק האָט נישט נאָר רואינירט נאַציאָנאַל און ווירטשאַפטלעך דאָס לאַנד. ער האָט אַריינגעשטירצט די מלוכה אין אָפּגרונט און האָט דעמאָראַליזירט דעם דייטשן גייסט. אויף שריט און טריט מערקט מען די ירידה פון דער דייטשער נאַציאָנאַלער ווירדע. ווי אַ הונט וואַרט דער דייטש אויף אַ ווונק בכדי עפּעס צו טון פאַרן אויסלענדער פאַר אַ טרינק־געלט און עטלעכע ציגאַרעטן. אין האַרצן האַסט ער זיכער דעם אויסלענדער, אָבער אויסערלעך איז ער סערוויל און לאַקריץ־זיס.

* * *

אין אאוגסבורג געזעגן איך מיך מיט מיינע מיטרייזנדע — דעם קובאַנער קאַפּיטאַן און די אַמעריקאַנער לייטענאַנטקע. זיי פאַרבעטן מיך צו באַזוכן אַמבערג און פאַרשפּרעכן צו באַקענען מיך מיט איינציקע אינטערעסאַנטע אַנטי־נאַצים, וועלכע האָבן צו היטלערס צייט מיט כלומרשטער סכנת נפשות געאַרבעט קעגן דעם מערדערישן רעזשים. איך זאָג צו, אויב די צייט וועט מיר דאָס דערלויבן. איך וואַרף אַ בליק אויף דער באַרימטער אינדוסטריע־שטאָט אאוגסבורג, וואָס ליגט אַ קנאַפּע שעה פאָרן פון מינכען. איך דערוויס זיך, אַז די שטאָט איז אויף פּעריציק פּראָצענט חרוב און דאָס וואָס איז פון איר אינדוסטריע געבליבן גאַנץ איז אין מערסטן טייל רעקווירירט געוואָרן פון די אַליאירטע.

דאָ באַלעבאַטעווען די אַמעריקאַנער. די אָקופּאַציע־זאָנע וועלכע באַלאַנגט צו די אַמעריקאַנער איז העכער אַ דריטל פון דער גאַנצער דייטשער טעריטאָריע. זי נעמט אַרום דאָס געוועזענע קעניגרייך בייערן, די

גראָסהערצאָגטימער באַדען, העסען, טורינגען, דאָס קעניגרייך ווירטעמבערג און נאָך עטלעכע געוועזענע פירשטנטימער, וואָס האָבן באַלאַנגט צום דייטשן רייך. אויף יעדער גרויסער באַן־סטאַנציע געפינט זיך אַן אַמעריקאַנער מיליטער־קאָמענדאַנטור און די אָרדענונג ווערט אָנגעהאַלטן פון אַמעריקאַנער מיליטער אָדער פּאָליציי. די דייטשן מעגן פאָרן בלויז מיט לאָקאַל־צוגן. דאָס באַנוצן פון שנעל־באַנען איז די דייטשן דערלויבט נאָר אין אויסנאַם־פאַלן און אויפן סמך פון באַזונדערע פּאַסיר־שיינען. דריי־פיר טעג און צומאָל אויך אַ גאַנצע וואָך מוז אַ דייטש שטיין אין אַן אָטשערעד, בכדי צו באַקומען אַזאַ מין דערלויבעניש. שפּעטער, אויף מיינע אויטאָ־רייזעס דורך די דייטשע געמאַרקן איז מיר אויפגעפאַלן די גרויסע צאָל פון דייטשע מענער און פרויען, וואָס באַלאַגערן די אויטאָסטראַדן און בעטן אַריינגענומען צו ווערן אין וואָגן. אַצינד איז אפילו אַ געשעפט־רייזע פאַר אַ דייטש, שוין אָפּגערעדט פון אַ פּריוואַט־רייזע, אַן אמתע נסיעה אין זיין אייגן לאַנד.

יאָ, ס'איז בפירוש די דייטשן נישט מקנא צו זיין. זיי ווערן אויסגעריסן און דערניידעריקט אויף יעדן טריט. דעם טעם פון אַ באַזיגט פאָלק גיט מען זיי צו שמעקן . . .

מיר קומען קיין מינכען אַרום מיטאָג־צייט. צוויי געפּעק־טרעגער וואַרפן זיך אויף מיינע וואַליזעס און טראָגן זיי צום אויסגאַנג. דער ערשטער איינדרוק פון דעם אַמאָל וווּנדערלעכן וואָקזאַל־בנין איז אַ שווידערלעכער. אויך דאָ, אין דער בייערישער מעטראָפּאָל האָט די אַליאירטע אוויאַציע קענטיק טיכטיק און פּלאַנמעסיק געאַרבעט. די ריזיקע געביידע פונעם וואָקזאַל איז האַלב חרוב. פון דער אַרכיטעקטאָנישער שיינקייט מיט וועלכער זיינע קאָנסטרוקטאָרן און בוי־מייסטער האָבן שטאָלצירט איז קיין שפּור נישט פאַרבליבן. דער וואָקזאַל זעט אויס ווי אַ גרויסע, אָפּגעריסענע און שמוציקע חורבה. דער זייגער, וואָס העננט אויפן הויפּט־איינגאַנג, איז צופעליק גאַנץ געבליבן און זיינע ווייזערס האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף זיבן אַזייגער און אַכט און צוואַנציק מינוט. משמעות האָט די באָמבאַרדירונג פונעם וואָקזאַל צעשמעטערט דעם אַפּאַראַט פון זייגער און פאַראורזאַכט זיין אָפּשטעלן זיך. עפּעס סימבאָלישעס ליגט אין דעם שטיין געבליבענעם זייגער, ווי ווען זיינע געשטאַרבענע ווייזערס וואָלטן וועלן דערמאַנען, אַז אין

אַ געוויסן טאָג און אין דער אָנגעוויזענער צייט האָט פּאַקטיש אויפגע־הערט צו עקזיסטירן די בייערישע נאַציאָנאַלע אומאָפּהענגיקייט.

דער פּלאַץ ארום דעם וואָקזאַל זעט נאָך ווייסטער אויס. דער בלוייער פרילינגס־הימל און די זוניק־וואַרעמע לופט אין וועלכער די שטאָט באָדט זיך, אונטערשטרייכן בולטער דעם אַרומיקן חורבן. איך בלייב נישט ווילנדיק שטיין באַזייִרקט דורך דעם מוראדיקן אָנבליק. עס קאָסט מיך אַ גרויסע אָנשטרענגונג פונעם זכרון, בכדי צו דערקענען אין די אַרומיקע רואינען די געוועזענע גאַסן און הייזער. מיינע פריינט, וועלכע זענען געקו־מען מיך אָפּנעמען פון דער באַן, באַגרייפן מיין נשמה־צושטאַנד און לאָזן מיך געניסן די הנאה, וואָס די פּאַנאָראַמע פון מינכען מוז אַרויסרופן. הגם מיינע פריינט האָבן זיך שוין צוגעוווינט צו די חרבנות, אָבער אַלס יידן איז זיי זיך נישט שווער אויסצומאָלן, ווי עס באַדאַרף פילן אַ פרישער מענטש, בעיקר אַ ייד, ביי דעם אָנבליק פון דער שטאָט, אין וועלכער היט־לער, דער גרעסטער און אומברחמנותדיקער צורר היהודים, האָט געמאַכט דעם ערשטן טריט צו דייטשלאַנדס מפּלה.

— איר וועט וווינען אין פּאַסינג, אין דער אַריסטאָקראַטישער פאָר־שטאָט פון מינכען, — זאָגן מיר מיינע פריינט. פאַר אייך איז רעזערווירט אַ צימער אין דער ווילע פונעם „איראָ"־דירעקטאָר, מיסטער טשאַלסי, דאָרט וועט זיין אייער שטאַב־קוואַרטיר, איר וועט זיכער צופרידן זיין...

אַ פערטל שעה שפּעטער, ברענגט מיך אַן אַמעריקאַנער מיליטער־אויטאָ קיין פּאַסינג. מיין לעבן אין דייטשלאַנד פאַנגט זיך אָן . . .

ק אַ פּ י ט ל פ י ר

נקמה איז זים . . .

„געוווינהייט — זאָגט מען — איז אַ מין צווייטע נאַטור". די ערש־טע טעג נאָך מיין אָנקומען קיין מינכען האָב איך רק געטראַכט: ווי אַזוי קענען מענטשן דאָ לעבן? ווי אַזוי קענען זיי דענקען, אַרבעטן, שמידן פּלע־

נער און אויפבויען עקזיסטענצן אין אַ סביבה פון רואינען און אין אַן אַט־מאָספער, ווו די לופט איז אָנגעפילט מיט ריחות פון בית עולם? משמעות אָבער איז דער מענטש אַ געוווינהייטס־חיה, וואָס אַקלימאַטיזירט זיך אַפילו צו אַן אַפּאָקאַליפּטישן אַרום און הערט אויף ביסלעכוויז צו מערקן זיין אויסטערלישן פּרצוף... נאָך טשיקאַווער: אין די חורבות גופא אַנטפּלעקט מען עפּעס אייגנאַרטיקס און מיסטישעס, וואָס וועקט מחשבות און באַפליגלט די פאַנטאַזיע.

די אַמעריקאַנער, וועלכע באַלעבאַטעווען אַ צינד אין דער בייערישער הויפּט־שטאָט, האָבן כמעט פון ערשטן טאָג פון דער אָקופּאַציע באַשלאָסן צו פאַרניכטן אַלץ, וואָס איז פאַרבונדן מיט היטלערס טריפהנעם נאָמען, בדי זיינע פאַרבאָרגענע חסידים זאָלן נישט קענען אָנהויבן וועבן נייע לעגענדעס.

דאָס באַרימטע ברוינע הויז — די צענטראַלע פון דער נאַציסטישער באַוועגונג, היטלערס פּערזענלעכער פּאַלאַץ, זיין מאָנומענט, זענען ממש אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער ערד. פאַר דער פאַרניכטונג פון דעם היסטאָריש־באַוווּסטן ביר־קעלער, ווו היטלער האָט מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק געלייגט דעם ערשטן שטיין צו זיין געפערלעכער באַוועגונג און פון וואַנען, יאָר איין, יאָר אויס, פלעגן זיך טראָגן פּראָוואָקאַטאָרישע רייד קעגן דער דעמאָקראַטיע און קעגן די שכנהשע לענדער, — פאַר דער פאַרניכטונג פון דער געוועזענער שלאַנגען־נעסט האָט באַצייטנס געזאָרגט די אַליאירטע אַוויאַציע. פונעם קעלער איז געבליבן בלויז אַ באַרג שטיינער, אויף וועלכע עס וואַקסט גראָז און שפּילן זיך פלינקע יאַשטשערקעס. אַ צעקאַלעטשעטע טיר מיט אַ פאַרזשאַווערטן שילד אויף איר אַריינגאַנג דערמאַנט, אַז דורך אָט־דער טיר האָט אַמאָל געטראָטן אַ גאווה־חוצפּעדיקער מאַניאַק, וועלכער האָט יאָרן לאַנג געהאַלטן אַ גאַנצע וועלט אין פּיין און אימה.

טייער האָט באַצאָלט די מעטראָפּאָל פון די געוועזענע בייערישע קעניגן פאַר דעם צווייפלהאַפטן פאַרגעניגן צו זיין דער אויסגאַנגס־פּונקט פון אַ באַוועגונג, וואָס האָט פאַרגיפטעט לענדער און פעלקער און פאַראורזאַכט די גרעסטע נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע פונעם אייגענעם פאָלק.

היינריך היינעס ווערטל, אַז „נקמה איז זיס", פילט מען אויף יעדן שריט און טריט אין מינכען. אָט, למשל, פאָרט מען אַריין אין אַ גאַס, וואָס

רופט זיך מעהלשטראַסע. די גאַס ליגט אינעם פיינסטן טייל פון דער שטאָט, ווו פאַר דעם קריג און צו היטלערס צייט, האָט זיך קאָנצענטרירט די „סמע־טענע" פון דער בייערישער אַריסטאָקראַטיע, פּלוטאָקראַטיע און הויכן באַאַמטנטום. יעדער בנין אין דער דאָזיקער גאַס האָט זיין אינדיווידועלן אַר־כיטעקטאָנישן פּנים. קענטיק, אַז די באַלעבאַטים פון די פּאַלאַצן און ווי־ליעס וואָס ליגן פאַרבאַהאַלטן הינטער צוימען פון גערטנער און אין שאָטן פון אַלטע ביימער האָבן זיך באַמיט צו איבערשטייגן איינער דעם צווייטן אין געשמאַק און רייכטום. אין דער פאַרשאָלטענער היטלער־עפּאָפּעע האָט אַ יידישער פוס נישט געטאָרט אַהער אַריינטרעטן. איצט איז די מעהלשטראַ־סע די הויפּט־אַרטעריע פון דער שארית הפּליטה, נישט נאָר די גאַס, נייערט די מערסטע פון אירע אַריסטאָקראַטישע פּאַלאַצן און ווילעס זענען אָקו־פּירט פון יידן. די אָקופּאַציע־מאַכט האָט רעקווירירט די שענסטע בנינים פון דער מעהלשטראַסע און זיי געגעבן אין רשות פון די יידישע וועלט־אָרגאַניזאַציעס. די „ייִדישע אַגענץ", דער „דזשאָינט", דער „אָרט", דער „האַיאַס", דער „צענטראַל קאָמיטעט" און אַ סך אַנדערע קלענערע יידישע אָרגאַניזאַציעס פאַרנעמען די בעסטע הייזער. דאָרט ווו נישט לאַנג האָבן געלעבט דייטשע אַריסטאָקראַטן, קאַפּיטאַליסטן, הויכע נאַציסטישע באַ־אַמטע און אַנדערע אויסדערוויילטע פון די „אויבערשטע צען טויזנט", לעבן איצט יידישע מענטשן. נאָך מער. אויפן איינגאַנג פון יעדן איינעם פון די דאָזיקע פּרעכטיקע הייזער, הענגט אַ שילד מיט דער אויפשריפט: „ציוויליסטן איז דער איינטריט פאַרבאָטן". וואָס דאָס וואָרט „ציוויליסטן" מיינט — איז אַלעמען גוט באַקאַנט. הונדערטער פון ציוויליסטן באַלאַ־גערן טאָג־טעגלעך די דאָזיקע הייזער, שטופּן זיך אַרום אויף די קאָרידאָרן אָדער קוקן אַריין אין די אַרבעט־צימערן פון די פאַרשידענע אָרגאַניזאַ־ציעס. קיינער פאַרווערט זיי נישט דעם צוטריט, אַדרבא, זיי זענען דאָ גע־ווונטשענע געסט. בלויז איין מין פון „ציוויליסטן", טאָר נישט איבער־טרעטן די שוועל פון די פּאַלאַצן און ווילעס, און דאָס זענען די דייטשן. נאָר יחידים פון זיי געניסן די פּריווילעגיע פון באַזוכן די דאָזיקע בנינים. דאָס זענען — זייערע געוועזענע באַזיצער, וועמען מען דערלויבט צו ווי־נען אין איין אָדער צוויי הינטערצימערלעך, אָדער אויסגעפּאַרשטע אַנטי־נאַציס, וואָס פירן אויס ספּעציעלע אַרבעטן ביי די יידישע אָרגאַניזאַציעס.

בכלל איז שווער צו געפינען אַ דײטש אין דער מעהלשטראַסע. און וואָס האָט ער דאָרט טאַקע צו זוכן? אַ חוץ פאַרדרוס און עגמת נפש וועט ער דאָרט גאָרנישט געפינען. די אַמאָליקע אַריסטאָקראַטישע גאַס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן עכט־ײדישע, אין אַ מין וואַרשעווער נאַלעווקעס, ווו דער טאָן־געבער איז דער ײד. דעם ײדישן כאַראַקטער פון דער מעהלשטראַסע דערקענט מען אויפן ערשטן בליק. פון גאַנץ פרי ביז שפּעט בײנאַכט איז די גאַס איבערגעפּאַקט מיט מענטשן. ײדן אין אוניפאָרמען, ציוויל געקלײדט, ײדן געגאָלטע אָדער מיט בערד, יונגע און אַלטע, מענער און פרויען. אָט־דער הויך רעדנדיקער און זשעסטיקולירנדיקער המון גיט צו דער גאַס אַ באַטאָנטן ײדישן קאָלאָריט. די מעהלשטראַסע איז אַ מין קאָנגלאָמעראַט פון אַ ספּעציפיש ײדישער האַנדלס־גאַס און געשעפטלעכער אַרטעריע. צום באַדויערן איז דער געזעלשאַפטלעכער און נאַציאָנאַל־ײדישער שם פון דער דאָזיקער גאַס, ווו פון יעדער וואַנט אָדער פאַרקאַן שרײען אַראָפּ ײדישע אַפישן, פאַראָרדענונגען אָדער אויפרופן, פאַרטונקלט צוליב די צווײפלהאַפטע שפּעקולאַציעס מצד די ײדישע שוואַרץ־מאַרק הענדלער. די באַטײליקונג פון געוויסע עלעמענטן פון דער שארית הפליטה אין דעם אומלעגאַלן האַנדל איז אַ ווײטיקלעכער פאַקט, וועלכער קאָן נישט אָפּגעלײקנט ווערן.

אַוודאי זענען פאַראַן הונדערטער סיבות, וואָס שטויסן דעם הײמלאָזן לאַגער־ײד צו דעם דאָזיקן שענדלעכן האַנדל, אָבער קײן כבוד דער שארית הפליטה פאַרשאַפט ער זיכער נישט. דאָס איז אפשר דער אײנציקער און שטאַרקסטער טונקעלער פּונקט אין לעבן פון די אויסגעוואָרצלטע ײדן, וועלכע פאַרביטערט די באַציאונגען צווישן די ײדישע אָרגאַניזאַציעס מיט דער אָקופּאַציע־מאַכט. אַז דער אמתער גורם פונעם שוואַרץ־האַנדל איז דער דײטש איז פאַר קײנעם נישט קײן סוד. אָבער דער דײטשער פּויער אָדער סוחר אָדער אפילו דער אַמעריקאַנער סאָלדאַט, וועלכע ליפערן דעם ײדישן שוואַרץ־הענדלער די געגאַרטע לעבנסמיטלען אָדער אַנדערע אַרטיקלען, וואַרפן זיך נישט אַזוי אין די אויגן, ווי דער ײד.

אין דער טרויעריקער פונקציע פון דעם ײדישן שוואַרץ־האַנדל־שפּעקולאַנט חזרט זיך איבער די אײביק אַלטע מעשה פון „האַלט דעם גנב"! די באַטײליקונג פון דעם הײמלאָזן ײד אין דעם פאַרבאָרגענעם מסחר איז

די בעסטע און ווירקזאַמסטע וואָפן פאַרן אַנטיסעמיטיזם אין די אָקופּירטע געביטן.

— וואָס וויל מען פון די יידן? — האָט געטענהט צו מיר אַן אַמע־ריקאַנישע אָפיציר־פרוי. פאַרוואָס מאַכט מען גראָד זיי, די יידן, פאַראַנט־וואָרטלעך פאַרן שוואַרצן האַנדל? די דייטשן גופא שטויסן די יידן אויף אומלעגאַלע וועגן און פּראָפיטירן אויף זייער חשבון. הונדערטער דייטשע משפחות, צווישן זיי אויך גענוג בלוטיקע יידן־האַסער, האַלטן זיך ביים לעבן נאָר אַ דאַנק די לאַגער־יידן. אין פאַרלויף פון טאָג מאַכן די דאָזיקע דייטשן שאַכער־מאַכער מיט יידן, און שפּעטער, טרעפנדיק זיך מיט די אַליאירטע מיליטערלייט, שיטן זיי אויף די יידן פעך און שוועבל, פאַר־שפּרייטנדיק אַנטיסעמיטישן סם . . .

דער שוואַרצער מאַרק און די ראָלע וואָס די אויסגעוואָרצלטע יידן האָבן אין אים געשפּילט איז בלויז אַ טרויעריקער עפּיזאָד אין דער פּאָסטא־לער געשיכטע פון דער שארית הפליטה, אָבער בלויז אַן עפּיזאָד.

* * *

איידער איך האָב באַשלאָסן צו פאָרן קיין אייראָפּע, האָב איך אויס־געאַרבעט אַ טעטיקייטס־פּלאַן. איך האָב איינגעטיילט מיין צייט אַזוי, אַז יעדער טאָג זאָל מיר עפּעס געבן נייעס פאַר מיין רייזע. שוין די ערשטע טעג פון מיין אָנוועזנהייט אין דייטשלאַנד האָבן מיך איבערצייגט, אַז אָן קענ־טעניש פון דער שפּראַך, אָן באַציאונגען אָדער רעקאָמענדאַציעס קאָן מען זיך דאָ פאַרלירן ווי אין אַ וואַלד. די שטאַב־קוואַרטיר פון דעם „אָרט" — וועלכער איז טעטיק אין דער אַמעריקאַנער אָקופּאַציע־זאָנע — געפינט זיך אין מינכען. דער פּאַקטישער לייטער און די נשמה פון דער פאַרצווייגטער אַרבעט פונעם „אָרט", איז דער אָגראָנאָם יעקב אַלייסקי. זיין נאָמען קלינגט כמעט ווי אַ סימבאָל אין דעם ענגליש־אַמעריקאַנישן באַזעצטן געביט. אין משך פון דריי יאָר און מיט דער הילף פון עטלעכע ענטוזיאַסטן פאַר דער פּראָדוקטיוויזאַציע פון דער שארית הפליטה האָט יעקב אַלייסקי באַוויזן אויפצובויען אַ ריזן־ווערק, וואָס גיט די מעגלעכקייט טויזנטער פון אויסגע־וואָרצלטע און דעקלאַסירטע עלעמענטן אויסלערנען זיך אַ פאַך און ווערן פּראָדוקטיווע מענטשן.

יעקב אַלייסקי איז אָבער נישט נאָר אַן „אָרט"־טוער. ער איז אַ סך מער אַ גוזעלשאַפטלעכער לידער, וועלכער איז פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיטן טראַגישן לעבן פון דער שארית הפליטה. אַ זון פון אַ בכבודיקער קאָוונער יידישער פאַמיליע, אַ מענטש מיט אַ סאָלידער אייראָפּעאישער בילדונג און אַ תלמיד פונעם פּועלי־ציוניסטישן חדר, האָט יעקב אַלייסקי דורכגעמאַכט שבעה מדורי גיהנום פון געטאָ און עטלעכע קאָנצענטראַציע־לאַגערן. אָבער הן דאָס געטאָ און הן היטלערס אויסראָטונגס־לאַגערן זענען נישט בכוח געווען צו ברעכן דעם אייזערנעם ווילן און די ליטווישע עקש־נותדיקייט פון דעם אָגראָנאָם יעקב אַלייסקי.

זיין שם ביי דער שארית הפליטה, זיין איינפלוס אין אַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס, בעיקר אָבער זיין אָנזען ביי די אָקופּאַציע באַהערדן, שטייען אויף דער העכסטער הויך.

אַ קולטור־און־פּאָלקס־מענטש איז יעקב אַלייסקי אומעטום אַ געוווּג־טשענער עלעמענט. זיין דינאַמיק, טעמפּעראַמענט און ענערגיע צווינגען אפילו שטאַרקע נאַטורן פּריוויליק אָנערקענען זיין לידער־ראָל.

אַ דאַנק אים — יעקב אַלייסקין — איז מיר זייער לייכט געווען זיך צו אָריענטירן אינעם לאַבירינט, וואָס רופט זיך: דאָס יידישע לעבן אין פאַרשאָלטענעם לאַנד.

— איר מוזט מאַכן אַ באַזוך ביים פּרעזידענט און ביים גענעראַל־סעקרעטאַר פונעם צענטראַל־קאָמיטעט. זיי ביידע וועלן אייך אַריינפירן אינעם אינטימען לעבן פון דער שארית־הפליטה, — האָט מיר געעצהט יעקב אַלייסקי.

דער צענטראַל קאָמיטעט פון פאַרבאַנד פון די באַפרייטע יידן אין דער אַמעריקאַנער זאָנע — איז די וויכטיקסטע אינסטיטוציע אין דייטש־לאַנד. דער צענטראַל־קאָמיטעט איז אַ מין „מלוכה אין אַ מלוכה", וואָס נעמט אַרום אַלע אַספּעקטן פון דעם לעבן פון די לאַגער־יידן, אַן אָפיציעל אָנערקענטע אינסטיטוציע, וואָס געניסט אַ ברייטע נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע. דער צענטראַל־קאָמיטעט איז אַן אויסגעוויילטע קערפּערשאַפט, וועמענס עקזעקוטיווע באַזיצט פּרעראָגאַטיוון פון אַ רעגירונגס־אָרגאַן.

שוין דער פּרעכטיקער בנין אַליין, אין וועלכן עס געפינט זיך דער פּרעזידיום און סעקרעטאַריאַט פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט, זאָגט עדות,

אַז די דאָזיקע אינסטיטוציע איז אַ פירנדיקע און געהויבענע. לײדער בין איך פאַרשפּעטיקט אָנגעקומען קיין מינכען און נישט באַוויזן בײַצוזײַן דעם קאָנגרעס פון דער שארית הפליטה, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין באַד־רײַכענהאַל.

די פריינטלעכע אויפנאַמע מצד דעם פּרעזידענט און דעם גענעראַל־סעקרעטאַר און נאָך מער די אויספירלעכע אינפאָרמאַציע וועלכע זיי האָבן מיר געגעבן, האָבן אויסגעפילט דעם בלויז פון מיין נישט זיין ביים קאָנגרעס.

דוד טרעגער — דער פּרעזידענט פון צענטראַל־קאָמיטעט און דאָקטאָר אברהם בלומאָוויטש — דער גענעראַל סעקרעטאַר, זענען נישט קיין דורכשניטלעכע פיגורן צווישן די אויסגעוואָרצלטע יידן. זיי פאַרנעמען דעם אויבנאָן אין דער שארית־הפליטה נישט מחמת געלט אָדער אַקאַדעמישן יחוס. יעדער פון זיי איז אַן אויסגעשפּראָכענע פּערזענלעכקייט, וועלכע האָט בשר פאַרדינט די עפּאָלעטן פון אַ מדריך.

דער הויכער, ברייט פּלייציקער דוד טרעגער, אויף וועמענס אַקסלען עס זיצט אַ שיינער קאָפּ, מיט אַ מעכטיקן שטערן און אַ פּאָר גרוי־בלויע שטאָלענע אויגן, זיין סאָלידע געשטאַלט, גוט אויסגעפּוצטע און ברייט־פּלייציק, דערמאַנט אָן אַ באַנק־דירעקטאָר אָדער אָן אַ דערפאָלגרייכן אינדוסטריאַל. ער האַלט זיך און רעדט מיט דער ווירדע פון אַ מיניסטער־פּרעזידענט, אָפּמעסטנדיק און אָפּוועגנדיק יעדע פראַזע. ער ווייסט פון דער פּראַקטיק, אַז מיט מענטשן פון דער פּען, מוז מען זיין פאָרזיכטיק און זיך אָפּהיטן פון אַן איבעריק וואָרט. זיין רעכטע האַנט און אינטימסטער מיט־אַרבעטער ד״ר א. בלומאָוויטש איז אויסערלעך אַ פולקאָמער היפּוך צו דוד טרעגערן. מיטלוווקסיק, דיקלעך, מיט אַ קיילעכדיקן פּנים און בלויע אויגן, זעט ער — ד״ר בלומאָוויטש — אויס, ווי אַ געמיטלעכער בורזשוי. ווער, באַטראַכטנדיק די באַשיידענע פיגור פון ד״ר בלומאָוויטש, וואָלט קאָנען טראַכטן אַז פאַר אים שטייט אַ סאָוועטישער פּאָלקאָווניק, וועמענס ברוסט איז באַצירט מיט אַ ריי קריגס־מעדאַלן, פאַר דעם העלדישן קאַמף קעגן די ברוינע וואַנדאַלן און פאַר דער מייסטערהאַפטער אָנפירונג מיט אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע אין די פּויליש־ליטווישע וועלדער. דאָקטאָר בלומאָוויטש דערציילט אומגערן וועגן זיין מיליטערישער העלדישקייט. אים אינטערעסירן

מער ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות צום גורל פון דער שארית הפליטה און נאָך מער צו דער עליה קיין מדינת ישראל.

אגב, ביי מיין באַקענען זיך מיט אים, איז ד"ר בלומאָוויטש שוין געווען גרייט צום אָפּפאָרן קיין מדינת ישראל, און איז געשטאַנען מיט איין פוס מחוץ דייטשלאַנד.

— איך בין אַ ליטווישער ייד, און האָב ערלעך אויסגעפירט מיין מי־ליטער־פליכט לגבי דער סאָוועטן־מאַכט. איך האָב געקעמפט אויף דעם פראָנט אַלס מעדיצינער און אַלס פּאַרטיזאַן־פירער מיט דער ביקס אין דער האַנט. מיינט נישט חלילה, אַז איך האָב דעזערטירט פון דער סאָוועטישער אַרמיי. פאַרקערט, איך בין געבליבן אויף מיין פּאָסטן, ביז מען האָט מיך נישט דעמאָביליזירט. אַלס ליטווישער בירגער האָב איך לעגאַל פאַרלאָזן דאָס לאַנד, כדי צו קענען דינען מיין אייגענעם פאָלק און לאַנד — דעם עם ישראל און מדינת ישראל. איך קאָן רואיק פאַרלאָזן דעם צענטראַל־קאָמיטעט. מיר האָבן געגנוג אַקטיווע כוחות אויף וועלכע מען קאָן זיך פאַר־לאָזן, אַז דער גורל פון די אויסגעוואָרצלטע יידן זאָל זיך נישט פאַרערגערן...

אַן אויסלענדישער יידישער שרייבער איז נישט קיין זעלטענער גאַסט אין די פריינטלעכע ווענט פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט, אָבער איינער, וואָס קומט פון די פאַראייניקטע שטאַטן און קלייבט זיך צו פאָרן קיין אַרגענ־טינע, איז פאָרט נישט קיין טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. אים, משמעות, מעג מען ווידמען אַ ביסל מער צייט און אויפמערקזאַמקייט, הגם אויף אַרבעט, באַראַטונגען און טרעפונגען איז זיך נישט צו באַקלאָגן.

איז אַט זיצן מיר טאַקע זאַלבעדריט, און באַלד קומט צו נאָך אַ פירנדער מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע, און שמועסן אַדורך אַ היפּשען פּעקל פון לאָקאַלע יידישע פּראָבלעמען און פּשוטע צרות.

דער פּרעזידענט דוד טרעגער, מיט וועלכן מיר איז שפּעטער אויס־געקומען ענטלעך אויפצוטרעטן אַלס רעדנער ביי אַ צוזאַמענפאָר, ווייזט זיך אַרויס ווי אַ גלענצנדיקער דערציילער און בעלעטריסטישן אויספוץ און שיינער רעטאָריק, מאָלט פאַר מיר אויס אַ בילד פון דעם עקאָנאָמישן, פּאָ־ליטישן און גייסטיקן פּרצוף פון דער שארית־הפּליטה. מיט ציפערן און דאַטן, מיט דאָקומענטן און בריוו אַנטפּלעקט ער פאַר מיר אַ פּאַנאָראַמע פון אַ דריי־יאָריקער אָפּפּערפולער טעטיקייט מצד עטלעכע צענדליק מענטשן,

וועלכע גיבן אָפּ אַלע זייערע כּוחות, ענערגיע און ענטוזיאַזם פאַר די טויזנ־טער אויסגעוואָרצלטע און היימלאָזע יידן, וואָס וואַלגערן זיך אין די לאַגערן.

— וואָס דער צענטראַל־קאָמיטעט טוט אויף, וועט איר גופא האָבן די מעגלעכקייט זיך צו איבערציַיגן, — זאָגט מיר דוד טרעגער. אויב אייך וועט דערלויבט ווערן צו באַזוכן די לאַגערן פון די רוסן, ליטווינער, באַלטן אָדער אַנדערע קריסטלעכע היימלאָזע, וועט איר זען דעם חילוק צווישן דער לאַגע פון די יידישע און קריסטלעכע אויסגעוואָרצלטע. מיר האָבן בפירוש זיך נישט צו שעמען . . .

וואָס אַ יידישער פּליטים־לאַגער שטעלט מיט זיך פאָר און ווי אַזוי דאָס לעבן אַנטוויקלט זיך דאָרט — בין איך אין גיכן געוווירגעוואָרן.

קאַפּיטל פינף

אין די לאַגערן

וועלכן פּליכטלינגס־לאַגער באַזוכן צום ערשט? עס זענען אין דעם אַמעריקאַנער און ענגלישן אָקופּאַציע־געביט פאַראַן אַזוי פיל ערטער פון געוועזענעם יידישן פּיין און אומקום, אַזוי פיל בלוטיקע עטאַפּן פון דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע, אַז דער אויסוואַל איז נישט לייכט. דאַכאַו, בערגען־בעלזען, נירענבערג, אָראַניענבורג, לאַנדסבערג און צענדליקער אַנדערע, וועמענס נעמען אַליין רופן אַרויס גרויל. איך קלייב אויס לאַנדסבערג. לאַנדסבערג איז נישט סתם אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. ס'איז אויך אַ באַוווּסטע דייטשע פעסטונג מיט וועמענס נאָמען עס איז פאַרבונדן אַ גאַנצע עפּאָכע פון דער דייטשער געשיכטע. מיר גלוסט זיך וואָס גיכער דערגרייכן די דאָזיקע שטאָט, צו זען מיט אייגענע אויגן די צעלן און ווענט פון יענער פעסטונג, אין וועלכער עס איז אין יאָר 1923 געזעסן היטלער, דער גרעס־טער צורר היהודים פון דער מענטשלעכער געשיכטע און דער תּלין פון זעקס מיליאָן יידישע קדושים. אין לאַנדסבערג, בעת זיין אינטערנירונג אין אָט דער פעסטונג, האָט היטלער מיט דער הילף פון זיין אידעאישן בעל־יועץ,

אַלפרעד ראָזענבערג, פאַרפאַסט דאָס בוך „מיין קאַמף“, — די תורה פון דער פאַרברעכערישער נאַציסטישער ראַסן־טעאָריע.

פון מינכען קיין לאַנדסבערג זענען קנאַפּע פערציק מיילן און אַ שעה פאָרן מיטן אויטאָ. דער וועג — אַ פּרעכטיקע אויטאָ־סטראַדע, וואָס ציט זיך פון מזרח ביז מערב, דורכשניידנדיק דאָס געוועזענע היטלער־רייך — איז אַ פולקאָמסטע קרעאַציע פון דער דייטשער בוי־קונסט. די אַליאירטע אוויאַציע האָט, בעת דער מלחמה, געשוינט די אויטאָ־סטראַדעס רעכענענדיק זיך מיט זייער סטראַטעגישען ווערט פאַר דער צוקונפטיקער אָקופּאַציע. ווי אַ זילבערנער טעפּיך שלענגלט זיך די אויטאָסטראַדע דורך דייטשע וועלדער, פעלדער, טאָלן און בערג. אַ ספּעציעל פאַרקערס פּאָליציי, אויסגעשטאַטעט מיט מכל המינים קריגס־מכשירים, פונעם רעוואָלווער און ביקס ביז צום פאָרנדיקן ראַדיאָ־זענדער און ראַדיאָ־אויפנעמער, היטן שטרענג אָפּ די קאָמוניקאַציע־אָרדענונג. דער קאָנטראָל אויף אַלע אויטאָ־סטראַדעס איז אַ טאָפּלטער, מצד דער אָקופּאַציע־מאַכט און מצד דער דייטשער לאָקאַל־פּאָליציי.

די דייטשע פּאָליציי מעג קאָנטראָלירן נאָר דייטשע רייזנדע. זי — די דייטשע פּאָליציי — טאָר נישט פאַרהאַלטן וועלכן ס'איז אויטאָ, דזשיפּ, לאַסטוואָגן אָדער אַנדערן פורווערק, וואָס פאָרט אונטער איינער פון די אַליאירטע פאָנען. נאָך ווייניקער איז זי בארעכטיקט אָפּצושטעלן רייזנדע אין אַן אוניפאָרם פון איינער פון די אַליאירטע אָקופּאַציע־אַרמייען. די איינציקע לעגיטימע באַלעבאָסטע אויף אַלע דייטשע לאַנד־וועגן, אויטאָסטראַדעס, אַעראָדראָמען און אייזנבאַנען, איז די אַליאירטע פּאָליציי אין אירע רעספּעקטיווע זאָנעס.

מיין אויטאָ פאָרט אונטער דער אַמעריקאַנער פאָן און מיינע דאָקומענטן ווייזן אויף אַן אַמעריקאַנער פּאָלקאָווניק — בין איך ממילא אַ „פּערסאָנאַ גראַטאַ“. אויך מיין שאָפער איז נישט אַבי־ווער. ער איז אוניפאָרמירט, טראָגט דעם אַמעריקאַנער מונדיר און אַ מיליטער־היטל, און דערמיט אַ פּריווילעגירטע פּערזאָן. פאַר אים, פאָרן שאָפער, פונקט ווי פאָרן אַמעריקאַנער גענעראַל קאָנסול אָדער העכסטן ציוויל־באַאַמטן פון דער אָקופּאַציע־מאַכט, איז פריי דער צוטריט צו יעדן רעסטאָראַן, קאַפע־הויז,

אָדער צו דעם אַזוי גערופענעם „סנעק־באר", וואָס די אַמעריקאַנער און ענגלענדער האָבן אויפגעבויט לענגאָוים די אויטאָסטראָדעס.

צוויי שאָפערן,ביידע יידן, וועלכע פלעגן זיך יעדן טאָג בייטן, האָבן מיך כּסדר אַרומגעפירט דורך די אומצאָליקע דייטשע שטעט און פליכט־לינגס־לאַגערן. זיי ביידע — אברהם רובינשטיין און לייזער עדעלשטיין — זענען נישט נאָר פאַרפיקסירט אין מיין טאָג־בוך, נאָר אויך שטאַרק פאַר־באַקן אין מיין האַרצן. צוויי פּרעכטיקע, האַרציקע און אינטעליגענטע פאָלקס מענטשן אין גרונט פאַרשידן פון דער נאַטור און פאָרט אַנאַנדער זייער נאָענט.

ווען איך וואָלט געווען אַ סקולפּטאָר און באַדאַרפט שאַפן אַ ווערק, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די פּערזאָניפיקאַציע פון „נקמה", וואָלט איך קיין בעסערן מאָדעל נישט געקענט אויסקלייבן ווי רובינשטיינען.

אַלץ אין זיין אויסזען, פון דעם האַרט פאַרשלאָסענעם מויל, פון די צאַרטיק־שוואַרצע אויגן און דער ביטערקייט, מיט וועלכער עס אָטעמט פון אים, רעדט פון אַ ניט אויסגעלאָשענער שנאה צו די דייטשן. זעכצן קאָנצענ־טראַציע־לאַגערן האָט א. רובינשטיין דורכגעמאַכט, צענדליקער מאָל איז ער געשטאַנען פאַר דער סכנה פאַרטיליקט צו ווערן. נישט איין איינציקן נאַטירלעכן צאָן באַזיצט ער אין מויל. די ברוינע בעסטיעס האָבן אים אַלע ציינער אויסגעשלאָגן. זיין פרוי איז אַוועק אין פייער און מיטן רויך ער־גען אין מאַידאַנעק אָדער טרעבלינקע. ער — רובינשטיין — שטייט עלנט אַליין אין דער גאָרער וועלט. בלויז על פּי נס איז ניצול געוואָרן זיין ניין יאָריקע טעכטערל — זיין איינציקע נחמה און נחת.

ער רעדט אַ דייטש מיט אַזאַ פּערפעקטקייט, וואָס נישט יעדער דייטש באַהערשט. זיין באַהאַוונטקייט אין דער וועלט־ליטעראַטור איז כּמעט אַזוי סאָליד און גרינטלעך, ווי דאָס קענען פון דער יידישער ליטעראַטור. ווען רובינשטיין פאַנגט אָן צו דערציילן וועגן זיינע איבערלעבענישן, ענדערט זיך דער אויסדרוק פון זיין פּנים און אין די אויגן צינדן זיך אָן פלאַמען פון האַס.

— וואָס זענען די אַלע חרבנות, גאָרנישט!... אין צען־צוואַנציק יאָר וועלן די מערדער אָפּראַמען די בערג פון שטיינער און מיסט, וועלן אַראָפּ־רייסן די חורבות און אויפבויען נייע שטעט. אונדזערע קדושים אָבער

זועלן קיין תחית המתים נישט אויפשטיין... ווייניק, זייער ווייניק האָבן די דייטשן געליטן. מען וואָלט באַדאַרפט פאַר יעדן דערמאָרדעטן ייד אויסראָטן אַ דריי־פיר דייטשן, דאַן וואָלט אפשר דאָס פאַרשאָלטענע פאָלק באַגריפן, וואָס הייסט יושר. איר זאָגט, אַז נקמה איז אַ שלעכטער עצה־געבער?! אפשר אינעם פּריוואַטן לעבן, אָבער אין באַציאונג צו אַ פאָלק פון רוצחים, וועלכעס האָט זיך פּראָקלאַמירט אַלס הערן־פאָלק, וואָס באַלאַנגט צו אַ סופּעריטעט־ראַסע, מוזן אַנדערע מער ראַדיקאַלע מיטלען אָנגענומען ווערן . . .

איך הער מיך צו אויפמערקזאַם צו די אַרגומענטן פון מיין נישט־דורכשניטלעכן שאָפער, טראַכטנדיק, אַז אפשר ליגט דער אמת טאַקע ביי אים, ביי רובינשטיינען?... וואָס פאַר אַ ווערט קענען האָבן פאַר אים, פאַר איינעם, וועלכער האָט זיך ווי דורך אַ ווונדער אַרויסגעראַטעוועט פון גיהנום און מזלדיק פאַרבייגעגאַנגען דעם מלאך המות, די אַלע אויסגע־דראָשענע פראַזן וועגן מענטשן־ליבע?! און וואָס קענען די אַלע, פאַר וועמען די קריגס־פוריע, געטאָ און קאָנצענטראַציע־לאַגערן, זענען געווען אין תוך כמעט אַבסטראַקטע באַגריפן, וואָס קענען זיי באַגרייפן פון נקמה־געפילן ? . . .

אונדז אַנטקעגן טראָגן זיך גרינע פעלדער, צעבליטע און שמעקנדיקע פרילינגס־בלימלעך אויף די לאָנקעס. אונדזער אויטאָ רייסט זיך אַריין אין אַ געדיכטן וואַלד מיט אַלטעביימער, וועמענס קרוינען פאַרלירן זיך הויך העט־העט אין די הימלען. עס קלאַפּן העק, עס סאָפּען מאָטאָרן, סקריפּען לאַנגע זעגן, וואָס זעגן, וואָס שניידן זינגענדיק פרישע, אָקאָרשט אויס־געהאַקטע ביימער און צענדליקער הענט אַרבעטן פלייסיק ביים אויסוואָרצ־לען דעם וואַלד.

— איר זעט, — זאָגט מיט אַ פרייד רובינשטיין, די רוצחים וואָרצ־לען אויס זייערע אייגענע וועלדער... פריער, ווען זיי האָבן באַלעבאַטעוועט אין אייראָפּע, האָבן געליטן די רוסישע, פּוילישע און פראַנצויזישע וועל־דער. וויפל מאָזאָליעס האָב איך מיר אָנגעריבן אויף די לאַדאָניעס, אויס־לאָדנדיק אָנגעפּאַקטע מיט האָלץ און ברעטער דייטשע אייזנבאַן־וואַגאָ־נעס?!... איצט מוזן די באַנדיטן צאָלן פאַר זייערע רויבערייען כפל כפלים. אָט, אַז מיר וועלן באַזוכן די שטאַב־קוואַרטיר פון דער פראַנצויזישער

אָקופּאַציע־מאַכט, וועט איר זען, ווי אַזוי גאַנצע באַן־וואַגאָנען, אָנגע־לאָדן מיטן שענסטן האָלץ, ציען זיך טאָג־טעגלעך קיין פראַנקרייך. די פראַנצויזן און די רוסן פאַרשטייען ריכטיק צו באַהאַנדלען דאָס הערן־פאָלק. זיי — די רוסן און פראַנצויזן — לערנען באמת בלק מיט די דייטשן און גיבן זיי פיינע לעקציעס בנוגע רעפּאַראַציע־צאָלונגען . . .

רובינשטיין טרייבט דעם אויטאָ לאַנגזאַמער, כדי מיר צו פאַרשאַפן די הנאה פון דעם אָנבליק, ווי אַזוי די נאַצי־באַנדיטן האַקן אויס זייערע אייגענע וועלדער. מיר וואָלט זיך זייער געוואָלט אָפּשטעלן אויף עטלעכע מינוט און באַטראַכטן די פּנימער פון די רעפּרעזענטאַנטן פון דער סופּע־ריאָריטעט־ראַסע, וועלכע פאַרגיסן שווייס און טוען שווערע פּראַצע פאַר די זיגער־פעלקער. אָבער אָפּצושטעלן זיך אויף די אויטאָסטראַדעס איז פאַרווערט. דאָס מעג מען טון בלויז אויף געוויסע פּלעצער.

איך זע, ווי עטלעכע הונדערט דייטשן מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל און פאַררוקטע נאַציסטישע מיצלעך אויף זייערע פּירקאַנטיקע קעפּ, האַקן, זעגן, אָדער שלעפּן גראָבעביימער, אָפּווישנדיק פון צייט צו צייט דעם שווייס פון זייערע צורות.

וואָס מוזן טראַכטן און פילן די דאָזיקע ברואים, פון וועלכע אַ סך האָבן זיכער נאָך מיט עטלעכע יאָר צוריק געטריבן צו שקלאַפן־אַרבעט די זעלבע אַמעריקאַנער, וואָס באַוואַכן זיי איצט? לײַדער, קאָן איך זיי נענטער נישט באַטראַכטן. אונדזער אויטאָ גליטשט זיך ווייטער און באַלד פאַרשווינדט דאָס פרייידיקע בילד פון יידישער נקמה.

* * *

לאַנדסבערג דערקענט מען פון דער ווייטן. די הויכע ווענט און קייר־לעכדיקע טורעמס פון איר פעסטונג, די גאָטישע שפּיצן פון די אַלטע קירכעס זאָגן עדות, אַז דאָ ליגט אַ שטאָט מיט אַ גרויסער היסטאָרישער פאַר־גאַנגענהייט. ווען דאָס אַמאָליקע דייטשלאַנד וואָלט געלעבט און דאָס דייטשע פאָלק וואָלט נישט באַפלעקט זיין געשיכטע און זיין שם אין דער פעלקער משפּחה מיט באַרבאַריי און יידיש בלוט, וואָלט אוודאי כדאי גע־ווען זיך אָפּצושטעלן אויף דער היסטאָרישער באַדייטונג פון לאַנדסבערג. אָבער איצט, ווי מיט דעם נאָמען פון דער דאָזיקער שטאָט און פעסטונג

איז פאַרבונדן דער אָנפאַנג פון אַ פאַרניכטונגס־עפּאָפּייע אין אונדזער מאָ־דערנער געשיכטע, איז ווען וועט עס איינפאַלן צו דערציילן איר לעבנס־היסטאָריע ? !

מען פאָרט דורך די גאַסן און פלעצער פון דער דאָזיקער שטאָט און מען באַדויערט, פאַרוואָס די אַליאירטע אַוויאַציע האָט פאַרשוינט דעם איבערוועגנדיקן גרעסטן טייל פון איר. פאַרוואָס די באַרימטע פעסטונג איז געבליבן אומבאַרירט איז צו באַגרייפן? דאָרט, אין דער פעסטונג, זענען אין פאַרלויף פונעם קריג געזעסן און געפאַנגענשאַפט די העכסטע אָפיצירן און גענעראַלן פון די אַליאירטע אַרמייען. אָבער די שטאָט גופא?! בלויז דאָ און דאָרט שטויסט מען זיך אָן אָן אַ חורבה, אָן אַ צעריסענעם בנין, אָדער אַ צעקאַלעטשעט הויז. מען זעט אַפילו, אַז איניקע הייזער זענען שוין אויפסניי פאַרריכט געוואָרן. אמת, די אויסשטעלונג אין די וויטרינעס פון די געשעפטן זעען זייער קבצניש אויס, דערפאַר אָבער קאָן מען דאָס זעלבע נישט זאָגן אויף דער באַפעלקערונג. עס קאָן געמאָלט זיין, אַז אויף אָנגעפרעסענע, דייטשע מאָרדעס שטויסט מען זיך נישט אָן, ווי אויך אַז די קליידונג פון די דייטשע מענער און פרויען איז נישט פון דעם בעסטן שטאָף. פונדעסטוועגן זענען דער רוב פון די דייטשן בעסער און סאָלידער אָנגעטון ווי די מערסטע יידישע פליטים.

אין די גאַסן פון לאַנדסבערג ווימלט עס פון יידן. אַ פליט צו דער־קענען איז נישט שווער, אפילו ווען ער איז נישט טיפּיש יידיש. הגם די פליטים זענען שוין העכער דריי יאָר באַפרייט, ליגט פאָרט אויף זייערע פנימער, ווי אויך אין זייער האַלטונג עפּעס ספּעציפישעס, וואָס דערמאַנט פון געטאָ, קאָנצלאַגער, פּיין און אונטערדריקונג.

ס'איז אין לאַנדסבערג נישט נויטיק נאָכצופרעגן זיך ווו דער פליכט־לינג־לאַגער געפינט זיך. עס גענוגט פאָלגן דער ריכטונג פון וואַנען עס שפּרייזן די פליטים, כדי דעם ריכטיקן וועג צו געפינען.

דעם ערשטן קבלת פנים ביים אַריינפאָר אינעם לאַגער גיט אונדז די יידישע פּאָליציי. עמלעכע שטאַרקע און וווּקסיקע בחורים אין כאַקי־העמד־לעך, לאַנגע שטיוול און מיטן מגן דוד אויף די היטלען עפענען דעם פאַר־צוימטן איינגאַנג. דאָס אַמעריקאַנער פענדל אויף אונדזער אויטאָ און די

אוניפאָרם פונעם שאָפער איז דער בעסטער פּאַסיר־שײַן, וואָס מאַכט אױ־
בעריק יעדן קאָנטראָל און פאָרמאַליטעטן.

די באַקאַנטשאַפט מיטן לאַגער־עולם ווערט שנעל געשלאָסן. עטלעכע
שעה שפּעטער בין איך אויך דער גאַסט פון די אַנדערע ייִדישע אינסטי־
טוציעס און פּריוואַט־היימען פונעם לאַגער.

דער ערשטער אײַנדרוק פונעם לאַנדסבערגער־לאַגער איז אַ געפיל
פון אַ מענטש, וועלכער איז פּלוצים פון אַ פרייער און ברייטער וועלט אַרײַנ־
געפאַלן אין אַ ריזיקן הויף, ווו עס דריקן אים שטיינערנע קאַזאַרמעס־
מויערן און עס קוקן אויף אים אַראָפּ הונדערטער פענצטער, ווי אָפענע
מײַלער. עס איז אַ מין געפיל פון אָקאַרשטיקער אַרעסטירונג, און אומדער־
וואַרטער געפאַנגענשאַפט. אַן אומבאַוווּסטזיניקער ציטער און פאַרבאַהאַל־
טענער פחד כאַפּט אַרום דאָס הארץ... וואָס וועט זײַן, ווען מען לאָזט דיך
פון דאַנען נישט אַרויס? — עגבערט ערגעץ אין מוח? אָבער די אַרומיקע
פרײַנטלעכע געזיכטער, די וואַרעמקייט וואָס שטראַלט פון די מענטשן לאָזן
פאַרטרײַבן דעם דאָזיקן אומאַנגענעמען געפיל.

אַ גאַנצן טאָג פאַרברענג איך אין לאַנדסבערגער־לאַגער. איך באַקען
זיך מיט אינסטיטוציעס און זייערע אָנפירער, מיטן פשוטן עולם, מיט יע־
נער פאַטאַלער „אומה", וואָס טראָגט דעם נאָמען „אויסגעוואָרצלטע ייִדן".

מיר וואַרפט זיך תיכף אין די אויגן, אַז די בעסטע און באַקוועמ־
סטע בנינים וואָס דער לאַגער פאַרמאָגט, זענען פונעם לאַגער־קאָמיטעט גע־
שטעלט געוואָרן אין רשות פון יענע אָרגאַניזאַציעס, וואָס שטייען אין
אוממיטלבאַרער באַציאונג צום חינוך אין אַלע פאָרמען און אַספּעקטן. אין
קיין איין אײנציקן לאַגער, ווו עס זענען קאָנצענטרירט קריסטן, און וועלכע
מיר איז שפּעטער אויסגעקומען צו באַזוכן, האָב איך נישט אָנגעטראָפן
אַזוי פיל ליבשאַפט, אינטערעס און פאַרשטענדעניש, ווי מען שענקט דעם
ייִדישן קינד פון דער שארית הפליטה. אויך דאָ, אין לאַנדסבערג, ווערט
דאָס קינד אָפּגעהיט ווי דאָס שוואַרצאַפּל פונעם אויג. דאָס ייִדיש קינד
פאַרנעמט דעם אויבן־אָן אינעם טרויעריקן לאַגער־לעבן. אַלץ פאַר אים
— און אַלץ צוליב אים — דעם ייִדישן קינד. די אַטמאָספערע פונעם לאַ־
גער איז אַזאַ טרייסטלאָזע, אַזאַ וואָכעדיקע און קאַליר־אָרעמע, אַז די על־
טערן און די אָנפירער מיטן אינערלעכן לעבן פון דעם לאַגער באַמיען זיך

צו שאפן פארן קינד כאטש אן אילוזיע פון א ציוויליזירטער סביבה. פאר הונדערט יידישע ייִנגלעך און מיידלעך, וואס וואקסן אויף אין א קוים פארשטעלבארער ענגשאפט, וועלכע ווייסן נישט פון אן אייגענעם געלעגער, אטעמען כסדר מיט דער לופט פון טיפסטער ארעמקייט און קענען זיך נישט גרויסן מיט אלעמאל זאט צו זיין, איז אפילו א קאריקאטור אויף אן אמתן קינדערגארטן אדער שולע — שוין א דערקוויקונג.

יידישע דערציער, פעדאגאגן און לערערקעס! אט שטייען זיי לעבע־דיקע פאר מיינע אויגן. זייערע נעמען פארדינען פאראייביקט צו ווערן. אבער גיי, פאראייביק הונדערטער נעמען פון הונדערטער מענער, פרויען און מיידלעך, וועלכע גיבן זיך אפ מיט ליב און נשמה דעם שווערן בארוף פון א יוגנט־מדריך! זיין א דערציער אדער לערער אין פליטים־לאגער, ווו עס פעלן נישט נאר ביכער און העפטן, נאר פשוט דאס פרימיטיווסטע, וואס עס נויטיקט זיך פאר א מאדערנער שולע — איז אמתע מסירת נפש. נישט געקוקט אבער אויף דעם, ווערן די קינדער דערצויגן. זייערע יונגע שטימען זינגען מיט אזא ענטוזיאזם די „התקוה", דעם „פארטיזאנען־הימן" אדער אנדערע לידער, ווי וועז זיי — די קינדער, וואלט גאר די ארו־מיקע ארעמקייט און טרייסטלאזיקייט גארנישט אנגעגאנגען.

— מיר טוען וואס מיר קענען און וואס אונדזערע בידנע מאטעריע־לע כוחות דערלויבן אונדז, — קלאגט זיך פאר מיר דער אנפירער מיטן חינוך אין לאנדסבערג. קומט אריין אין אונדזערע „היימען", באקענט זיך א ביסל נענטער מיט דער משפחה פון דער שארית הפליטה, רעדט זיך דורך מיט אייניקע פון די פליטים — דעמאלסט וועט איר קענען אונדז אפשר פארשטיין און באנעמען די גאנצע טראגיק פון די אויסגעוואר־צלטע . . .

קאפיטל זעקס

מיט דער שארית הפליטה

באהעפטן זיך מיטן טאג־טעגלעכן לעבן פון דער שארית הפליטה איז נישט קיין איינפאכע זאך. ווי באוווסט, האט אפילו א תפיסה איר

איינענעם לעבנס־שטייגער, שוין אָפּגערעדט פון אַ פּליכטלינג־לאַגער, וואו עס קאָנצענטרירן זיך טויזנטער פאַרשידענע מענטשן, פון פאַרשידענע מקומות פון קעגנזעצלעכע אָנשויאונגען און געוווינהייטן. אויב די באַפעלקערונג פון יעדן פּליכטלינג־לאַגער איז אַן אמתער ערב־רב, זענען די יידישע לאַגערן אין דעם פּרט באַזונדערס קענטיק. אויסצוגעפינען אַזאַ מין אינערלעכע אָרדנונג, וועלכע זאָל זיין בכוח צו רעגולירן דאָס לעבן פון מחנות אויסגעמוטשעטע און פיזיש געבראָכענע מענטשן, איז בפירוש אַ לייסטונג. שווער איז אויסגעקומען די אָנפירער פון די לאַגער־קאָמיטעטן ארויפצוצווינגען אויף די לאַגער־יידן אַ כלומרשטע קאָנסטיטוציע, אַן אויפגעבויטע אויף אַ רעגלאַמענט און דיסציפּלין. שוין אַליין דאָס וואָרט „דיסציפּלין" האָט ארויסגערופן ביי דעם געוועזענעם געטאָ אָדער קאָנצענטראַציע תושב אַ באַגרייפלעכן שוידער און פּראָטעסט־געפיל.

— „וואָס, שוין ווידער דיסציפּלין? שוין נייע גזירות? נישט גענוג האָבן מיר זיך אָנגעליטן פון די ברוינע רוצחים..."

באַקעמפן די דאָזיקע פּסיכישע רעאַקציע האָט געפאָדערט געדולד, אויסדויער און טיפע פאַרשטענדעניש, בפרט, אז די יידישע משפחה אין די לאַגערן איז נישט די געוועזענע משפחה, דער יסוד פון דער יידישער אומה.

אַ זייטיקער מענטש, בעיקר אַזעלכער, וועלכער וויים עפּעס מכח דער שארית הפליטה פון לייענען און הערן, קאָן זיך גאָר נישט אויסמאָלן, וואָס אַ יידישע לאַגער־משפחה שטעלט אין דער ווירקלעכקייט מיט זיך פאָר. דאָס יידישע היים און פאַמיליע־לעבן אין לאַגער איז אַ טראַגישע קאַריקאַטור, אַ דערשרעקנדער רעפלעקס אין אַ קרומען שפּיגל אויף דעם יידישן לעבן אין דער אַלטער היים.

ווי אַזוי זעט אויס די מ'שטיינס געזאָגטע יידישע היים און יידישע משפּחה אין אַ פּליכטלינגס־לאַגער?

די בעסטע בנינים אין די לאַגערן פאַרנעמען שולן, ווערקשטאַטן, מעדיצינישע פּונקטן, קינדער־גאָרטנס אָדער אַנדערע עפנטלעכע אינסטיטוציעס. דער לאַגער עולם מוז זיך באַגנוגן מיטן רעשט פון דעם, וואָס עס קאָן אויסגענוצט יוערן פאַר וווינונגען. בדרך כלל זענען עס באַראַקן אָדער האַלבע חורבות, אין וועלכע זיך איינאָרדנען איז פאַרבונדן מיט פיל

שווערױקייטן. אין די דייטשע און עסטרײַכישע פּליכטלינגס־לאַגערן זענען די וווינונגס־באַדינגונגען אַ סך בעסערע ווי אין איטאַליע. אָבער אויך דאָ — אין פֿאַרשאָלטענעם לאַנד, קען מען בלויז דורך אַ גרויסער אָנשטרענגונג פֿון דער פֿאַנטאַזיע אָנרופֿן מיטן נאָמען „היים״ די לעכער אין וועלכע עס לעבן מענטשן. אין אַ צימערל, אין וועלכן נאָרמאַל וואָלטן זיך געקענט אײַנאָרדנען דרײַ מענטשן, לעבן זיבן, אַכט און צומאָל אויך מער. דאָס צימער, וואָס איז דורך אַ דינינקע וואַנט איזאָלירט פֿון אַ צווייטן, און ווו מען הערט יעדן שאָרך בײַם שכן, איז גלײַכצײַטיק קיך, עס־ און שאָפּצימער. ווי אַזוי מענטשן באַווײַזן דאָ צו וווינען, בעיקר צו שלאָפֿן, איז ניט צו באַגרײַפֿן. משמעות זײַנען מענטשלעכע צופּאַסונגס־פֿעאיקייטן אָן אַ שיעור עלאַסטיש און די באַגנוגנקייט גרעניצלאָז. די סאַניטאַרע פֿאַרהעלטנישן אין די לאַגערן שטייען אויף דער זעלבער „הויך״, ווי די וווינונגס־באַדינגונגען און זענען אויסערסט פּרימיטיוו. אָבער אויך אָט אָ־דער טרויעריקער לעבנס־מצב איז שוין אַ פּראָגרעס אין פֿאַרגלײַך מיט דעם, וואָס די שארית הפּליטה איז פֿינף יאָר נאָכאַנאַנד אויסגעשטאַנען אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

— איר שלאָגט זיך מיט דער דעה, ווי אַזוי קאָן מען עקזיסטירן אין דער סביבה פֿון אַ פּליכטלינג־לאַגער? — פֿרעגט מיך מיט אַ טרויעריקן שמייכל אַ לאַגער־ייִד. אונדזער לעבן דאָ־הי איז אוודאי אַ באַדויערנדיקער, אָבער מען קאָן אים בשום אופֿן נישט פֿאַרגלײַכן מיט אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. ווייסט איר, וואָס עס הייסט יאָר איין, יאָר אויס נישט האָבן קיין איין ליכטיקן טאָג? אַרבעטן שווערער ווי אַן אָקס און געפּייניקט צו ווערן פֿאַרן מינדסטן חטא און נישט זיכער צו זײַן, אַז צומאָרגנס וועט מען דיך נישט אַוועקיאָגן אין קרעמאַטאָריום?!... דאָ־הי לעבן מיר אין געפּערלעכער ענגשאַפֿט, אָבער מיר ווערן ווײַניקסטנס פֿאַרשוינט פֿון די נאַכטיקע בלוט־זויגער — פֿון די לײַז — וואָס פֿלעגן פֿאַרביטערן אונדזער קאָשמאַרן שלאָף, מיר עסן בײַ אַ טיש, בײַ אַ פּשוטן טיש, ווען ער איז אפֿילו נאָר צוזאַמענגעקלאַפּט פֿון אַ פּאָר אַלטע ברעטער, אָדער פֿון אַ זייפֿן־קעסטל?... קאָן אַ זייטיקער מענטש און בפֿרט איינער, וואָס האָט אַליין נישט געשפּירט דעם טעם פֿון אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, אָפּשאַצן דעם ווערט פֿון אַ טיש און פֿון אַן אייגענעם געלעגער און פֿון אַ היים, ווען ס׳איז אפֿילו אַזאַ מין

„היים" ווי אין אַ פּליטים־לאַגער. פינף יאָר האָט מען אונדז געהאַלטן ווי חיות און ערשט באַפרייטע זענען מיר ביסלעכווייז געקומען צו זיך. דערפילן אויפסניי אויף זיך דעם צלם אלוקים — איז אַ גרויס גליק. און אונדזערע משפחות? וועלכעס פּאָלק צווישן די אומות העולם איז אין זייער פאַמיליען־לעבן אַזוי באַשטראָפט געוואָרן, ווי די שארית הפליטה? קוקט זיך צו נענטער צו אונדזערע משפחות, וועט אייך אַ סך קלאָרער ווערן אונדזער אויסטערלישער עקזיסטענץ...

באמת, די יידישע משפחה פון דער שארית הפליטה האָט נישט קיין גלייכן אין דער גאָרער וועלט.

אָט געפין איך מיך אין אַ קאָלעקטיוון לאַגער־הויז, אין אַ היים פון אַ יידישן אינסטרוקטאָר פון „אָרט"־פאַכשול. אַן אינסטרוקטאָר, אָדער אַ לערער פון אַ שול איז אַ פּריווילעגירטע פּערזאָן און איז באַרעכטיקט אויף אַ באַקוועמערער וווינונג. די שטוב, אין וועלכער מען האָט מיך פאַרבעטן, פאַרמאָגט פופצן־זעכצן קוואַדראַט־מעטער. דאָס פּרימיטיווע מעבל־אויס־שטאַטונג, דאָס בעט און דער קינסטלעך אויפגעבויטער אייזערנער אויוון פילן אָן אַזוי דאָס צימער, אַז עס איז נישטאָ זיך ווו אַ ריר צו טון. די יונגע באַלעבאָסטע, אַ מוטער פון דריי קינדער, האָט באַוויזן אַריינצוטראָגן אין אָט דער ענגשאַפט אַ פּערזענלעכע נאָטע פון עסטעטיק און געשמאַק. דאָ, אויפן וואַנט זענען אויפגעהאַנגען עטלעכע בילדער אָדער פאָטאָגראַפּיעס פון פאַרטיליקטע קרובים, דאָרט — אויפן דיוואַן איז אויסגעשפּרייט אַ בונטע־טוך, אַ צוזאַמענגעשטעלטע פון שטיקלעך קאָלירטע שטאָף. אויף דער פּאָדלאָגע ליגט אויך עפּעס אַ פאַרביקע שמאַטע, וואָס דערמאָנט פון דערווייטן אַ מין טעפּיך.

אויף וועלכן אופן ווערט אין דעם צימער אָרדנונג און ריינקייט גע־האַלטן — איז אַ סוד פון דער באַלעבאָסטע. עס וווינען אין דעם דאָזיקן צימער זיבן פּערזאָן: מאַן און פרוי, דריי קינדער, אַ שווער און שוועגערין. עס וואָלט געווען אָבער אַ טעות צו מיינען, אַז די דאָזיקע משפחה איז אַן אָרגאַנישע, חלילה!... סיי דער מאַן און סיי די פרוי זענען צום צווייטן מאָל פאַרהייראַט. אויך די קינדער זענען נישט פון זעלבן טאַטע־מאַמע. דעם ערשטן מאַן פון דער באַלעבאָסטע האָבן די נאַציס פאַרפייניקט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער און איין קינד דערמאָרדעט. די ערשטע פרוי פון

באַלעבאָס מיט אַ טעכטערל זענען פאַרגיפטעט געוואָרן אין טרעבלינקע. הן דער מאַן און הן די פרוי האָבן באַוויזן צו ראַטעווען צו איינעם פון זייערע קינדער פון דער ערשטער הייראַט. דער פינסטערער גורל האָט דאָס פאָרפאָלק צוזאַמענגעשטויסן אין אַ פליכטלינגס־לאַגער, וווּ זיי האָבן זיך באַקענט און חתונה געהאַט. דאָס דריטע קינד, אַ צוויי־יאָריק עופהלע, איז שוין זייערס אַ געמיינזאַם קינד. דער שווער, די שוועגערין, וואָס לעבן אין שטוב, זענען אויך נישט מער קיין לעגאַלע קרובים. דער שווער, אַ עלטערער, קלוגער ייד, מיט אַ פנים פון אַ תלמיד חכם, איז דער פאָטער פונעם פאַרפייניקטן ערשטן מאַן פון דער באַלעבאָסטע. און די שוועגערין איז פאַרסמטע שוועסטער איז געווען די ערשטע פרוי פון דעם באַלעבאָס.

אָט־אַזוי זענען איצט אוים יידישע משפחות אין די פליכטלינגס־לאַגערן. וועלכעס פאָלק צווישן דער גרויסער פעלקער־משפחה קען באַקלאָגן אַזאַ טיפע טראַגיק אינעם פאַמיליען לעבן ווי די שארית הפליטה? וויפל נשמה־פיינקייט מוזן אַרויסווייזן די עלטערן, בכדי צוזאַמענצוהאַלטן אַזאַ קינסטלעכן קאָנגלאָמעראַט פון אַ משפחה און לאָזן אירע מיטגלידער פאַרגעסן די טראַגישע פאַרגאַנגענהייט.

די סטאַטיסטיק וועגן דער צאָל פון די לאַגער תושבים איז זייער אַ נישט גענויע. יעדער לאַגער־קאָמיטעט איז גרייט צו באַזאָרגן דעם אויסלענדישן גאַסט מיט דער אויספירלעכער אינפאָרמאַציע, בלויז וועגן איין ענין שווייגן זיי: וועגן דער צאָל פון די לאַגער־יידן. איבער דעם דאָזיקן ענין הענגט אַ געדיכטער שלייער פון שווייגן. די סיבה איז אַ ריין־פּאָליטישע און ביי אַ נענטערן באַקענען זיך מיט איר אויך אַ באַגרייפלעכע. די אָנפירער מיט די לאַגער־קאָמיטעטן זענען דורכגעדרונגען מיט דער וויכטיקייט פון דער סיבה און פאַרשטייען גוט זי אָפּצוהיטן.

אָבער אפילו די שומרים פון די לאַגער סטאַטיסטיקן גיבן צו, אַז די שטערבלעכקייט אין די יידישע לאַגערן איז א סך אַ קלענערע ווי אין די קריסטלעכע און אַז די געבורטס־צאָל ביי דער שארית הפליטה איז אומבאַגרייפלעך העכער, ווי ביי די נישט־יידישע פליכטלינגע. כלומרשט זאָל יעדע זעקס און דרייסיק שעה געבוירן ווערן אין די לאַגערן אַ יידיש קינד. אויב אָט־די ציפער איז אַ ביסל איבערגעטריבן, קאָן אָבער נישט אָפּגעלייקנט ווערן אַן אנדערער פאַקט: די שארית הפליטה ווייזט אָן די

גרעסטע צאָל פון חתונות. די עלנטקייט פון די לאַגער יידן, פון וועלכע די מערסטע זענען אלמנים אָדער אלמנות, דער באַגער צו געפינען א פריינט און אויפבויען א נייע משפחה, סטימולירן צו הייראַט. אויך בחורים און מיידלעך, וועלכע האָבן פאַרלאָרן זייערע עלטערן אָדער ברידער און שוועסטער, זוכן אין דער הייראַט נישט נאָר ליבע, נאָר אויך א קעגנזייטיקן אָנשפּאַר, א יסוד פאַר א נייער און געזונטער עקזיסטענץ. בכלל מוז צום כבוד פון דער יידישער פרוי פון דער שארית הפליטה געזאָגט ווערן, אַז אָפּטמאָל איז גראַד זי — די פרוי — די פרנסה געבערין אין דער משפחה. אין די צענדליקער לאַגערן און פּאַכשולן, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו באַזוכן, האָב איך מיט פרייד קאָנסטאַטירט, אַז די פרויען מאַכן אויס כמעט א דריטל פון דער צאָל פּליטים, וואָס לערנען זיך פאַכן. נישט נאָר יונגוואַרג, נאָר אויך באַיאָרטע פרויען און אפילו עלטערע יידישע מאַמעס און באָבעס פלייסן זיך אויסלערנען א פאַך.

גענעראַל קליי, אויבערקאָמאַנדיר פון דער אַמעריקאַנער אָקופּאַציע-זאָנע, איז בעת זיין אינספּעקציע פון די שולן בפירוש אַנטציקט געוואָרן פון דעם אָנבליק ווי אַזוי יידישע פרויען סטאַרען זיך צו ווערן פּראָדוקטיווע עלעמענטן. נישט קיין קלענערן אינטערעס ווייזן די פרויען ארויס אויך לגבי אלע קולטורעלע פאַראַנשטאַלטונגען, וואָס עס ווערן אין די לאַגערן אָרגאַניזירט. ביי מיינע אייגענע פאָרטראַגן ווי אויך ביי פאָרטראַגן פון אַנדערע פּרעלעגענטן, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו בייזיין, איז מיר אויפגעפאַלן די גרויסע צאָל פעמינינע צוהערערינס, וועלכע האָבן זיך מיט גרעסטער אויפמערקזאַמקייט צוגעהערט צו דער טעמאַטיק פונעם רעספּעקטיוון פאָרטראַג. דער דורשט צו גייסטיקע ענינים איז געוואַלדיק גרויס צווישן די פּליטים. כמעט יעדער גרעסערער לאַגער, ווי למשל לאַנדסבערג, בערגען-בעלזען, האַנאָווער, שווין אָפּגערעדט פון מינכען, פאַרמאָגט אַן אייגענע צייטונג, וועלכע ווערט געשריבן און רעדאַקטירט פון לאָקאַלע אינטעלעקטועלע כוחות. דער לייען-שטאָף, וואָס די דאָזיקע צייטונגען ליפערן זייערע לייענער איז סיי אינהאַלטלעך און סיי ליטעראַריש אויף א גאַנץ הויכער מדרגה. וואָס שייך די פּאָליטישע איינשטעלונג פון דער שארית הפליטה, איז זי א געטריע אָפּשפּיגלונג פון דער איבעריקער יידישער וועלט. ווי די זון אין א טראָפּן וואַסער, אַזוי שפּיגלען זיך אָפּ צווישן די פּליטים

אַלע סעקטאָרן און שאַטירונגען פונעם אַלוועלטלעכן פּאָליטישן ספּעקטאַקל. עס פעלן חלילה נישט קיין חילוקי דעות בנוגע אַלע מאָדערנע אידעאָלאָ־גיעס, מיט אויסנאַם פון פאַשיזם. עס וועט זיכער נישט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז די נאַציאָנאַלע קאָנצעפּציע אין אירע פאַרשידנסטע אַספּעקטן איז די באַהערשערין פון די מוחות און הערצער פונעם רוב פון דער שארית הפליטה. אויב פאַר דער פּראָקלאַמירונג פון מדינת ישאל פלעגן נאָך אַ סך פליטים קלאַפּן אין די טירן פונעם „האיאס”, בעטנדיק וויזעס פאַר צפון־ אָדער דרום־אַמעריקע, האָט זיך איצט דאָס בילד ראַדיקאַל גע־ביטן. די ביוראָס פון דער הגנה ווערן בפירוש געשטורעמט פון אומצאָלי־קע פליטים אין מיליטער עלטער, וועלכע בעטן זיך ממש רחמים רעגיסטרירט צו ווערן אין די רייען פון דער יידישער אַרמיי. דער געשריי „שיקט אונדז קיין ארץ ישראל” איז נישט סתם אַ ביליקער דעוויז אָדער אַ קאָמפּליזירטער פּרווו אַרויסצורייסן זיך פון דער פאַרהאַסטער לאַגער סביבה. פאַרקערט. דערגרייכן די ברעגן פון הייליקן לאַנד און קעמפן פאַר זיין מלוכהשער צו־קונפט ווערט באַטראַכט פון טויזנטער פליטים אַלס אַ לעבנסבאַדערפעניש און אַלס איינציקער אויסוועג פאַר דער לייזונג פון דער שארית הפליטה פּראָבלעם.

איך בין געווען אַן עדות גלייך נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון דער מאָביליזאַציע, מצד „מרכז לשרות־העם” (די העכסטע מאָביליזאַציע באַ־הערדן אין דער אָקופּירטער זאָנע) האָבן זיך גאַנצע „אָרט”־שולן צוזאַמען מיט זייערע לערער, אינסטרוקטאָרן און דירעקטאָרן קאָלעקטיוו רעגיס־טרירט אין דער אַרמיי.

די באַגייסטערונג צווישן די פליטים פאַר דער אויסוואַנדערונג קיין ישראל איז ריזיק גרויס און באַדאַרף נישט קיין ספּעציעלע אויפמונטערונג. ס'איז די פליטים נמאס געוואָרן אכט יאָר לאַנג צו קוקן אין די דייטשע מערדערישע פּנימער און אויך די טשינאָווניקעס פון דער „אירא” ווי די אָפיצירן פון דער אָקופּאַציע מאַכט זענען זיי נישט צום האַרצן.

פרעגט זיך אַ קשיא: זענען טאַקע אַלע פליטים ציוניסטן און נאַ־ציאָנאַל באַוווּסטזיניק? געווים פעלט נישט דער שארית הפליטה אויך אָנהענגער פון אַנדערע אידעאָלאָגיעס: סאָציאַליסטן, קאָמוניסטן און בונ־דיסטן. אויך זיי באַנוצן זייערע אייגענע פּרעסע־אָרגאַנען, אַמפּערן זיך מיט

פּאָליטישע קעגנער און זענען טעטיק אויפֿן פּאָליטישן און קולטורעלן געביט.

אין קעגנזאַץ צו די יידישע סאָציאַליסטן און בונדיסטן, זענען די קאָמוניסטן געוואָרן הייסע ציון־פריינט און מעלדן זיך אפילו צו דער אַר־מיי. בלויז די בונדיסטן בלייבן נאָך פאַרעקשנט אויף זייערע אַלטע אי־דעאָלאָגישע פּאָזיציעס, ווי אין געוועזענעם פּוילן מיט אַ דרייסיק־פערציק יאָר צוריק. דאָס נעגירן מצד די בונדיסטן דעם מאָביליזאַציע־באַפעל פון דער הגנה האָט דערפירט אפילו צו אַ קאָנפליקט. דער מרכז לשרות העם האָט געשטעלט אַ פאָדערונג צו דער צענטראַל־לייטונג פון „אָרט" אין די אָקופּירטע געביטן אויסצושליסן פון אירע פאַך־שולן און הכשרה־קורסן אַלע די יעניקע, וועלכע פאָלגן נישט אויס דעם מאָביליזאַציע־באַפעל.

מיר גופא איז אויסגעפאַלן די פליכט צו פירן וועגן דעם טרויעריקן ענין פאַרהאַנדלונגען מיט דר. האָפמאַן און א. דיזשי, די לייטער פון דער הגנה. דאָקטאָר חיים האָפמאַן, אַ קאָמבאַטיווע נאַטור פון מיליטערישער מענטאַליטעט, פאַרטרעט דעם שטאַנדפּונקט, אַז יעדער פּליט, וועלכער איז בכוח צו טראָגן וואָפן און מיידט אויס די מיליטער־פליכט, איז אַ דעזער־טיר. מיט דעם פאַרלירט ער ממילא דאָס רעכט אויסגעבילדעט צו ווערן אויפֿן חשבון פונעם יידישן פאָלק.

שווערער האָט עס די הגנה מיט די פרויען אין די לאַגערן. דער ווייבלעכער טייל פון דער שארית הפליטה איז ענטוזיאַסטיש געשטימט פאַר מדינת ישראל און רייסט זיך ממש איינגעגלידערט צו ווערן אין די קאַמף־רייען פון דער יידישער אַרמיי. די סעלעקציע צווישן די פרויען ווערט דורכגעפירט מיט באַזונדערער שטרענגקייט. די פריווילעגיע מאָבי־ליזירט צו ווערן פאַרדינען נאָר יידישע קראַנקן־שוועסטער, פעלדשערקעס, אַקושאָרקעס, און אַזעלכע פרויען, וועלכע קאָנען נוצלעך זיין אויפֿן פראָנט, אין די שפּיטעלער אָדער אין די קיבוצים.

ארץ ישראל — איז די איינציקע האָפענונג און דער טרוים פון דער שארית הפליטה.

קאַפּיטל זיבן

דאָרט וווּ עס שמאַכטן די נאַצי־רוצחים

מען פירט מיך דורך אַ ריזיקן הויף און קלענערע הייף, אויסבורּ־קירטע מיט שטיינערנע קוואדראַטן, איך שפּריז דורך נידעריקע און ענגע טויערן, באַהאַנגענע מיט שווערע הילצערנע טירן; הויכע, דיקע מויערן פאַרשפּאַרן די אויסזיכט אויפן ווייטן אַרום און יעדער טריט הילכט אָפּ אין די אויערן מיט אַ מוראדיקן קלאַנג. אומעטום וווּהין מיר גייען אַריין, הערשט אַ געדריקטע שטילקייט, וואָס ווערט פון צייט צו צייט געשטערט פון די טריט פון די וואַך־סאָלדאַטן, אָדער פונעם קלאַנג פון די שווערע שליסלען, וואָס די פּעסטונג־באַאַמטע טראָגן מיט זיך. פון אויבן קוקן אַראָפּ פאַרקראַטעוועטע שמאָלע פענצטער מיט פאַרשטויבטע שויבן, ווי בלינדע אויגן. אַ קליינער גרינס־גאָרטן, מיט פיין צוגעגרייטע בייטן צום פאַרזייען, פאַרשטופּט ערגעץ אויף אַן אָפּגעלייגטן הויף, זאָגט עדות, אַז אויך דאָ, הינטער די אומעטיקע פעסטונג־ווענט אָטעמט מיט מענטשלעכער פּראַצע און ס׳גייט אָן וועלכער ס׳איז לעבן.

מיין באַגלייטער, אַן אַמעריקאַנער לייטנאַנט, איז בלאָנד, בלוי־אויגיק, מיט אַ לאַנג, האַרט פּנים און מיט אַ פיר־ עקיגע אויסגעשטאַר־טשעטע גאָמבע, וואָס דערציילט פון אַן אייזערנעם כאַראַקטער. ער איז אַ קנאַפּער דערציילער, דער לייטענאַנט. אַ וואָרט איז ביי אים אַ רענדל און יעדע פראַזע מוז מען פון אים ממש אַרויסציען. ער באַגלייט מיך נישט מחמת אינטערעס צו מיין פּערזאָן, נאָר אויפן באַפעל פון זיין העכערן פאָרגע־זעצטן.

איך שפּיר, אַז אים — דעם לייטנאַנט — וואָלט זיך זייער וועלן וואָס גיכער פון מיר פּטור ווערן, בעיקר זיך אַרויסצודרייען פון מיינע אומצאָליקע און נייגעריקע קשיות. מיין אומגעבעטענער באַזוך איז אים קאָנטיק לעסטיק, און ווען ס׳וואָלט אָפּהענגיק געווען פון אים, וואָלט ער מיך בכלל נישט אַריבערגעלאָזן איבער דער שוועל פון אָט דער פעסטונג, פון דער איצטיקער לאַנדסבערגער תפיסה. דער לייטנאַנט ווייסט זייער

גוט, מיט וועלכע שווערקייטן מיר איז געלונגען צו דערגרייכן אַ דער־לויבניש צו באַזוכן די פעסטונג. אַ שפּאַס צו זאָגן: שפּרייזן דורך די הייף, וואָס אויף זייער ברוק האָבן געטרעטן היטלערס פּיס; באַטראַכטן מיט די אייגענע אויגן די ווענט, ווו היטלער און ראָזענבערג האָבן געלייגט דעם יסוד צו דער ראַסיסטישער טעאָריע און אויסגעאַרבעט אַלע אירע פּרטים! איך קוק זיך צו צו די ווענט און זוך, אפשר איז ערגעץ געבליבן אַ סימן פון היטלערס מערדערישער האַנט: מען ווייזט מיר די צעל, אין וועלכער היטלער איז געזעסן. איך קאָן זי באַטראַכטן בלויז דורך דעם פענצטערל, וואָס איז אויסגעשניטן אין דער מאַסיווער מיט פון אייזן באַשלאָגענער טיר. איצט איז די צעל פאַרנומען פון אַן אַנדערן פאַרשוין, וועמענס נאָמען מען זאָגט ניט אויס. פון דער אַנדייטונג, וואָס דער לייטנאַנט מאַכט, דרינגט, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַ וואַזשנעם נאַציסטישן מושל, וואָס זיצט שוין העכער אַ יאָר, וואָס ווערט כסדר אויסגעפאָרשט און וואַרט געמשפּט צו ווערן.

אַ שטאָלענער שטראַל פון צוויי היהשע גרויע אויגן שטעכט זיך אַריין אין מיינע אייגענע אויגן, וואָס קוקן דורך דעם פענצטערל. בלויז איין רגע דויערט דער מיר צוגעוואָרפענער בליק, אָבער ער בריט אָפּ ווי מיט זודיקע וואַסער. דער נפש פאַרבאַהאַלט תיכף זיין לענגלעכן קאַלכיק־בלייכן פּנים אין די הענט, וואָס זענען אָנגעשפּאַרט אין אַ טישל, און דרייט זיך אויס צו מיר מיט דער פּלייצע. ער — דער נאַציסטישער געפאַנגענער — וויל, משמעות, נישט באַטראַכט ווערן. ווער קאָן וויסן זיינע מחשבות? אפשר האָט ער מורא דערקענט צו ווערן פון איינעם, וועמען ער — דער ברוטאַ־לער נאַצי — האָט יאָרן־לאַנג געפּייניקט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער?

איך שטעל ווידער מיין באַגלייטער פאַרשידענע פראַגן, אָבער ער שווייגט.

פון וואַנען נעמען די אַמעריקאַנער מיליטער־באַהערדן אַזעלכע שוויי־גנדיקע יונגעלייט? איז מיין באַגלייטער אַן אויסנאַם, אָדער קלייבט מען בכיוון אויס שטומאַקעס, אָפיצירן, וועלכע קאָנען האַלטן די צונג הינטער די ציין? ערשט שפּעטער איז מיר באַקאַנט געוואָרן, אַז פאַר פעסטונג־דינסט, בעיקר דאָרט, ווו עס זיצן די אַמאָליקע ברוינע קאַרפּן־קעפּ, ווערן די קאָ־מאַנדאַנטן און באַוואַכער פון די תפיסות סעלעקציאָנירט.

די לאַנדסבערגער פעסטונג, וועלכע איז גרוי־אַלט, פאַרנעמט אַ ריזיקן גרויסן שטח און כדי אַריינצוקוקן אין אַלע אירע ווינקעלעך וואָלט מען באַדאַרפט אַ גאַנצן טאָג. אַמאָל זענען אירע פונקציעס געווען ריין מיליטעריש און די פעסטונג־שטראָף איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ מין כבוד־אַרעסט. געפּראַוועט אַרעסט האָבן אין דער דאָזיקער פעסטונג ס'רוב מיליטער־לייט פאַר דיסציפּלינלאָזיקייט, פאַר אומגעהאָרכזאַמקייט, פאַר באַטייליקן זיך אין דועלן אָדער פאַר אַנדערע חטאים, וואָס, לויט דעם מיליטערישן קאָדעקס, רירן נישט אָן דעם כבוד פון אַן אָפיציר. אַ צינד אָבער איז לאַנדסבערג דעגראַדירט געוואָרן צום מצב פון אַ טורמע, וווּ גלייכצייטיק מיט געוועזענע גענעראַלן, הויכע נאַציסטישע פונקציאָנערן, אָדער שטאַטסלייט, זיצן אויך פּשוטע ברוינע פאַרברעכער און פּאַטאָלאָגישע סאַדיסטן.

אויף וואָס פאַרא פינצטערע און דעגענערירטע צורות האָבן זיך מיינע אויגן נישט אָנגעשטויסן, באַטראַכטנדיק דורך די טיר־פענצטערלעך די תושבים פון תפיסה־צעלן? ווער נאָך ווי זיי גופא ווייסן, וויפל יידיש בלוט קלעפּט אויף זייערע מערדערישע הענט, אָדער וויפל יידישע נשמות זיי האָבן פאַרפּייניקט. די נאָענטקייט פונעם קיילעכדיקן האָל אין סאַמע מיט פון דער פעסטונג האַלט די געפאַנגענע ברוינע בעסטיעס אין אַ כסדרדיקן פחד און לאָזט זיי קיין נעכט נישט שלאָפן.

אויך יעדער אַנדערער, וועמען עס איז אויסגעקומען דעם דאָזיקן האָל צו זען, וועט אים זיכער ביזן סוף פון זיין אייגן לעבן נישט פאַרגעסן. עפּעס גורלדיקס, פאַטאַל־פינצטערעס ליגט אין דער לופט פונעם קיילעכדיקן בנין מיטן הויכן קופּאָל, פון וואַנען ס'גיסט זיך האַלב־טונקל ליכט. פּוסט־קאַלט און הילכיק איז דער דאָזיקער האָל, ווו יעדעס הויך אַרויסגערעדט וואָרט שלאָגט זיך אָן אָן די ווענט און ענטפערט מיט אַ פּילמאָליקן עכאָ. עס דוכט זיך, ווי אין דעם בין־השמשות פון דעם קיילעכדיקן זאַל באַוועגן זיך שטומע שאָטנס. אַ געפיל פון אומרו און אומבאַוווּסטזיניקן שרעק נעמט אַרום דאָס האַרץ, ווען עמעצנס יעדער קלאַפּ קלינגט אָפּ אין די אויערן. אַזוי, מסתמא, וואָלט געמוזט אויסזען דער אַריינגאַנג צום גיהנום.

דער פּחד פאַרשטאַרקט זיך נאָך גרעסער, ווען מען דערוויסט זיך, אַז אין אָט דעם זאַל ווערן אויפגעשטעלט די תליות, אויף וועלכע די אויפגע־

האָנגענע נאַציִשע רוצחים הויכן אויס זייערע לעצטע אָטעמס. צענדליקער נאַציסטישע בעסטיעס זענען שוין אויפגעהאָנגען געוואָרן אין קיילעכדיקן זאַל פון דער לאַנדסבערגער פעסטונג. וויפל פערזענלעכע דראַמעס האָבן זיך אין משך פון די לעצטע דריי יאָר אָנגעזען די גרויע ווענט פונעם קיילעכדיקן זאַל און איבער וויפל קרעכצן און טויט־גסיסות וואָלט קענען דערציילן זיין הויכער קופּאָל, ווען ער וואָלט געקענט רעדן. פאַר די נאַציסטישע פאַרברעכער איז נישט קיין סוד די באַדייטונג פון דער לאַנדסבערגער פעסטונג, וווּ מען האַלט געפאַנגען די מערסטע געפערלעכע און קרימינעלע צווישן זיי. שוין ביים אָנרופן דעם נאָמען פון דער האָזיקער פעסטונג פאַלן זיי אַריין אין אַ יאוש, ווייל זיי ווייסן, וווּהין עס פירט דער וועג פון דאָרט. בשעת די קורצע שפּאַצירן, וואָס די געפאַנגענע מאַכן טעגלעך אינעם פעסטונג־הויף, אָדער ביי די אַרבעטן אין גאָרטן, היטן זיי זיך אַרויפצוקוקן צום הימל, בכדי זייערע בליקן זאָלן זיך נישט אָנשטויסן אויפן קופּאָל פון דעם קיילעכדיקן זאַל. אַליין דער אָנבליק פון אָט דעם קופּאָל רופט אַרויס אַ ציטער אין זייערע הערצער און וועקט טרויעריקע געדאַנקען.

ווי אַ כישוף ווירקט דער גרוילעכער עשאַפאָט־זאַל אויפן מענטשלעכן געמיט און מאַכט נישט לאָזן צו פאַרגעסן. יעדעס מאָל, ווען מיר קומט אויס צו לייענען, אַז די אָדער יענע נאַציסטישע פאַרברעכער־באַנדע איז אין לאַנדסבערג פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, טויכט אויף אין מיין זכרון דער קיילעכיקער זאַל און איך זע פאַר מיינע אויגן די אָפּשרעקנדיקע תליות מיט די קערפּערס פון די אויפגעהאָנגענע. מיר ווערט אויך באַגרייפלעך די שווייגזאַמקייט פון יענעם אַמעריקאַנער לייטנאַנט, וואָס האָט מיך באַגלייט בעת דעם באַזוך פון דער פעסטונג. צו זיין אַן אָפּטער עדות בעת דער תלין וואַרפט אַרויף די שטריק אויפן האַלדז פון אַ פאַראורטיילטן צום טויט ווען דאָס איז אַפילו נאָר אַ נאַציסטישער מערדער און צוזען זיינע גסיסה־קאָנוווּלסיעס, איז אַ צווייפלהאַפטער גענוס. בלויז אָפיצירן און סאָלדאַטן מיט אייזערנע נערוון זענען בכח אויסצוהאַלטן די אָפטע עקזעקוציעס אין דער לאַנדסבערגער פעסטונג. נישט לייכטער איז אויך צו באַטראַכטן די מאַטערנישן און דעם נשמה־פּיין פון אַזעלכע געפאַנגענע, וועלכע אַהנען, וואָס זיי דערוואַרט און באַזיצן ווייניק האָפענונג אויף חסד.

— אויב אייך אינטערעסירט די פּסיכיק פון די געפאַנגענע נאַציסטן,

פּרווט צו באַקענען זיך מיטן תפיסה־גלח. ער וואָלט קענען אַ סך אין דעם פּרט דערציילן — עצהט מיר דער לייטנאַנט.

אַ גליקלעכער צופאַל העלפט מיר באַלד צו מאַכן די געווינטשטע באַקאַנטשאַפט.ביים פאַרלאָזן די פעסטונג שטוים איך מיך אָן אויף דעם גלח. אויך ער — דער גלח — איז אויפן וועג צו גיין אין דער שטאָט. איך האָלט נישט פון אַבערגלויבן, אַז אַ באַגעגעניש מיט אַ גלח ברענגט תמיד פּאַרדרוס. פאַרקערט, אַמאָל קאָן עס זיין פון נוצן... דאָס מאָל האָט מיין טרעפן זיך מיטן קאַטוילישן פּריסטער דווקא געדינט מיר לטובה.

דער גלח, אַ מאַן אין די פופציקער יאָרן, האָט זיך, להיפוך צום לייטנאַנט, אַרויסגעוויזן זייער באַרעדעוודיק.

ס'איז געווען אין אַ זוניקן און וואַרעמען פרילינגס־טאָג מיט אַ ריינעם, בלויען הימל, מיט אַ צעגרינטן און צעבליטן צום לעבן אויפגעוואַכטן אַרום. נאָך דער דריקנדיקער סביבה פון דער פעסטונג מיט אירע דיקע מויערן און ענגע צעלן האָט זיך באַזונדערס לייכט געאָטעמט אין דער שמעקנדיקער פרילינגס־לופט.

אַ שמועס צווישן אונדז ביידע פאַרבינדט זיך זייער לייכט. איך האָב נישט פאַרבאַהאַלטן פונעם באַגלייטער מיין שריפטשטעלערישן באַרוף. אדרבא, איך האָב אים געבעטן מיר בייהילפיק צו זיין, זיך פונאַנדערצוקלייבן אין די אָנגעזאַמלטע איינדריקן. אגב, דער גלח גופא האָט זיך באַלד מודה געווען, אַז אויך ער זינדיקט אָפטמאָל מיט דער פעדער. דאָס דאָזיקע פאַרגרינגערט אונדזער וייטערדיקן געשפּרעך. וואָס ווייטער אונדזער שמועס דויערט, אַלץ מער איבערצייגט איך מיך, אַז מיין באַגלייטער איז נישט סתם אַ פּראָווינציעלער גלח, אַ פּראָפעסיאָנאַל אויפן געביט פון גאַרקאָטיזירן פּרימיטיווע מענטשלעכע נשמות. פאָטער יאָהאַן — אַזוי הייסט דער גלח — איז מער אינטעלעקטואַל און פּסיכאָלאָג, איידער באַנאַלער קולטוס־דינער. אויף מיין פאַרחידושטער קשיא, פאַרוואָס גראָד אים, אַ גייסטלעכן פון אַזאַ הויכער גייסטיקער מדרגה באַשטימט מען צום נשמה־באַזאָרגער אין אַ תפיסה, באַקום איך זייער אַ לאָגישן ענטפער.

— אַ טורמע איז תמיד אַ שטיקל פּסיכיאַטרישע קליניק, בעיקר אַזאַ תפיסה ווי לאַנדסבערג, וווּ ס'זיצן מענטשן מיט פאַרברעכערישע אינסטינקטן און מיט שווער באַלאַדענע נשמות. מיך האָט מען נאָך אפשר דער־

פּאַר באַשטימט אויפן אמת פון אַ פּעסטונג־גייסטלעכן, ווייל איך גופא האָב העכער אַ יאָר געשפּירט דעם טעם פון אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. מיך האָט מען אין בוכענוואַלדער קאָנצענטראַציע־לאַגער נישט ווייניקער גע־פּייניקט, ווי די אומגליקלעכע יידן אָדער סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן, איזדיעקעוועט האָט מען זיך איבער מיר און חוזק געמאַכט פון מיין פּריסט־טערלעכער ווירדע אַ סך מער, ווי פון אַנדערע געפאַנגענע. פאַרוואָס מען האָט מיך אינטערנירט? ווייל איך האָב באַזעסן אַ ביסל מוט און נישט געקאָנט שווייגן, צוהערנדיק ווי די נייע מושלים טרעטן מיט די פיס דאָס עלעמענ־טאַרסטע מענטשלעכע רעכט . . .

פּאַטער יאָהאַן איז אויף אַ ווײַלע פאַרשוויגן געוואָרן, ווי ווען ער וואָלט זיך וועלן עפּעס דערמאַנען.

— מיינע פּייניקער האָבן זיך געפּלייסיקט מיך באַזונדערס צו דער־נידעריקן, — האָט דער גלח אויפסניי אָנגעהויבן דעם שמועס. זיי האָבן מיך געצוווּנגען צו טראָגן אויף דער ברוסט אַ קאַרטאָן מיט דער אויפ־שריפט: „יודען־קנעכט”. מיינע יידישע מיטגעפאַנגענע פלעגן רופן דעם קאַרטאָן — דער קאַטוילישער מגן דוד. ס'איז זייער צווייפלהאַפט, צי וואָלט מיר איינגעגעבן זיך לעבעדיקערהייט אַרויסצוראַטעווען פונעם לאַ־גער, ווען דער וואַטיקאַן וואָלט נישט אינטערווענירט ביי היטלערן.

אַצינד פאַרשטייט איר, פאַרוואָס דוקא מיך האָט מען באַשטימט פאַרן אמת פון אַ תפיסה־גייסטלעכן ? . . .

כמעט צוויי שעה האָט געדויערט מיין צוזאַמענרייד מיטן פּאַטער יאָהאַן. מיר זענען געזעסן צוזאַמען ביי אַ גלאָז שלעכטן דייטשן ביר אין אַ פאַרשטאָטישן ביליקן קאַפע־הויז. מיט געשפּיצטע אויערן האָב איך זיך צוגעהערט צו די פאַרכאַפּנדיקע דערציילונגען פונעם גלח, וועלכע האָבן אָפּגעשפּיגלט טיפע מענטשן־קענטעניש, אינערלעכע אומרואיקייט און זוכע־נישן נאָכן אייביקן אמת. דער גייסטיקער מהות פונעם גלח איז בפירוש געווען אַן אויסערגעוויינלעכער. עס וועט נישט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז אין מיינע שפּעטערע צוזאַמענקונפטן מיט דייטשן האָב איך מיך מיט גאָר ווייניקע אַזוי פריי און לייכט געפילט, ווי גראָד מיט דעם דאָזיקן גלח. ער באַזיצט גרויסע אוצרות פון וויכטיקע און אינטערעסאַנטע באַאָבאַכ־טונגען פון פּסיכאָלאָגישער נאַטור, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט צווישן די

נאַציסטישע געפאַנגענע אין דער לאַנדסבערגער פעסטונג, וועלכע וואָלטן געקאָנט דינען אַלס וויסנשאַפטלעכער מאַטעריאַל פאַר אַ געניטן פסי־כיאַטאַר.

— די ערגסטע צווישן די געפאַנגענע — דערציילט פאָטער יאָהאַן — זענען די איבערצייגטע נאַצים, נישט נאָר זייערע נשמות זענען פאַרגיפ־טעט, נאָר אויך זייער גאַנצער אינערלעכער „איך" איז צעקאַליעטשעט. פון וועלכער ס'איז חרטה קאָן ביי זיי גאָר קיין רייד נישט זיין. זיי פילן נישט די אייגענע ברוטאַליטעט און די באַגאַנגענע מערדערייען באַטראַכטן זיי ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, ווי אַ פרינציפ־זאַך. זיי האַסן דאָס קריס־טנטום נישט ווייניקער ווי דאָס יידנטום, בעיקר אָבער, ווייל אינעם קריס־טנטום זעען זיי דעם יידישן המשך. בלויז יחידים זענען גרייט מסכים צו זיין, אַז זיי האָבן געמאַכט טעותים. ערשט דאָ, אין לאַנדסבערג, איז מיר קלאָר געוואָרן, ווי טיף דער נאַציסטישער סם איז אריינגעדרונגען אין די דייטשע נשמות. צומאָל, אין שמועסן מיט אייניקע געפאַנגענע, עפענען זיך פאַר מיר אַזעלכע אָפּגרונדן פון מענטשלעכער פאַרדאָרבנקייט, אַז איך ציטער ממש אויף. דאָס אינטערעסאַנטסטע אָבער איז דער פאַקט, וואָס די מערסטע באַטראַכטן זיך פאַר קרבנות פון אַ הויכער אידעע, אַלס אומשול־דיקע מאַרטירער, וואָס באַצאָלן מיט זייערע לעבנס פאַר דער טרייקייט צו דער אידעאָלאָגיע פונעם פאַרשטאָרבענעם פירער. עס זענען פאַראַן אויך אַזעלכע, וועלכע דערקלערן חוצפּהדיק, אַז ווען מען וואָלט זיי באַפרייט, וואָלטן זיי תיכף אָנגעפאַנגען צו פּראָפּאַגירן די אידעען און מאָראַל, וואָס זיי האָבן פונעם „פירער" געירשנט.

פאָטער יאָהאַן רעדט וועגן די נאַצים ווי וועגן אַ דור, וואָס איז פאַר־לוירן פאַר דייטשלאַנד, וואָס האָט אריינגעשטויסן דאָס לאַנד אין אַ תהום און אָנגעשטעקט מיטן געפערלעכן ראַסיסטישן גיפט די אונטערוואַקסנדיקע יונגוואַרג.

— מיר פרוּוון צו ראַטעווען די יוגנט, — זאָגט דער גלח. די קאַטוי־לישע קירכע באַמיט זיך צו הייבן די רעליגיאָזיטעט און די מאָראַל פון דעם יונגוואַרג. דער גייסטיקער קלימאַט אין דעם באַזיגטן דייטשלאַנד און די טעריטאָריעלע צעריסנקייט פאַסן זיך שלעכט פאַר אַ געזונטער מאָראַל. עס פעלן אונדז אויך כחות, וואָס זענען נויטיק פאַר אַ גייסטיקן רענעסאַנס.

די איבערדערציאונג פונעם דייטשן פאָלק איז אַן אוטאָפּיע... ווי קען מען אַ גאַנץ פאָלק איבעראַנדערשן? דאָס איז אַ פּראָצעס פון לאַנגע דורות... דאָס לעבן אָבער שטייט נישט, עס פאָדערט אַ זאָפאָרטיקע פּאַרענטפערונג פון די דרינגענדסטע אַקטועלע פּראָבלעמען. איז ווער קאָן דאָס באַווייזן, בפרט ווען אונדזער פאָלק איז אַזוי דערשלאָגן? . . .

איך פיל, אַז מיין מיטשמועסער האָט זיך פאַרנומען אויף אַן אַנדערן וועג און איז אַראָפּ פון דער טעמע, וואָס אינטערעסירט מיך אַממערסטן. מיין פּרווו אים — דעם גלח — אַרויפצוברענגען אויפן געשפּרעך מכח די שטימונגען צווישן די נאַצי־פאַרברעכער, האָט נישט קיין דערפאָלג. איך שפּיר, אַז אויך ער — פּאָטער יאָהאַן — וועט באַלד אָנפאַנגען אויסצוגיסן פאַר מיר זיין דייטש הארץ און זיך באַקלאָגן איבער די כלומרשטע עוולות מצד דער אָקופּאַציע־מאַכט לגבי די דייטשן. איך איל מיך צו געזעגענען און דאַנק אים פאַר די ווערטפולע אינפאָרמאַציעס.

פון דערוווייטנס גריסט אונדז דער קופּאָל פון דער לאַנדסבערגער פעסטונג, דערמאָנענדיק, אַז הינטער זיין דאַך וועלן באַלד דערלעבן זייער פּסק־דין עטלעכע אומפאַרבעסערלעכע נאַצי־רוצחים.

קאַפּיטל אַכט

רואינען און לעבן

יעדעס מאָל ווען איך טראַכט וועגן חורבן דייטשלאַנד, אָדער ווען עס קומט מיר אויס בנוגע אים צו דערציילן, שווימט אויף אין מיין דמיון איין און דאָס זעלבע שוידערלעכע בילד. איך זע דאַרמשטאַדט, די הויפּטשטאָט פונעם געוועזענעם גרויסהערצאָגטום העסן. עס וואַקסט אויס אין זכרון אַ ריזיקער שטח פון רואינען, גאַנצע בערג פון צוזאַמענגעשאָסענע בנינים און הייזער, וועלכע ציען זיך אין ווילדער אומאָרדענונג אַזוי ווייט, ווי דאָס אויג קאָן אַרומנעמען. איך שטיי אין סאַמע צענטער פון דער הערצאָגלעכער רעזידענץ אויפן לואיזען־פּלאַץ, דאָרט ווו אַמאָל זענען גע־

שטאַנען די שענסטע און פּרעכטיקסטע פּאַלאַצן און רעגירונגס־געביידעס. אַצינד איז ער — דער פּלאַץ — אַ טויטלעכע גרימאַסע אויף דאָס, וואָס עס רופט זיך לעבן, אַ וויסטער חלום, אַ קאָשמאַר ביים ליכטיקן שיין פון טאָג. אומבאַרירט און פולקאָם גאַנץ איז געבליבן בלויז איין איינציקער מאָנומענט אויפן פּלאַץ, וואָס דערמאָנט פון זיין פאַרגאַנגענער גרויסקייט. דאָס איז אַ פּרעכטיקע קיילעכדיקע קאָלאָנע אויסגעבויט פון ראָזעווען מאַרמאָר, געקרוינט מיט אַ פּאָסטאַמענט, אויף וועלכן עס שטייט אין זיין גאַנצער קעניגלעכער מאַיעסטעט איינער פון די העסישע הערצאָגן. אינטערעסאַנט איז די פּאָזע פונעם הערצאָג: אין איין האַנט האַלט ער אַן איינגעראַלטן פּערגאַמין און מיט דער צווייטער האַנט ווייזט ער אָן אויף דער שטאָט. עפּעס מיסטיש־סימבאָליש ליגט אין דער פּאָזע פונעם פּאָטענטאַט: עס דאַכט זיך, ווי זיין טייטן מיט דער לאַנגער אויסגעצויגענער האַנט וואָלט וועלן זאָגן: „זעט איר, גזלנים, ווי איר האָט חרוב געמאַכט אייער אייגן לאַנד ! ”

ס'איז שווער זיך אָפּצורייסן פונעם דאָזיקן אַפּאָקאַליפּטישן חורבן. די רואינען ווירקן ווי אַ מין כישוף, זיי היפּנאָטיזירן ממש און פּאַראַליזירן דעם ווילן.

דאַרמשטאַדט איז אויף זעכציק פּראָצענט חרוב. גאַנצע קוואַרטאַלן שטעלן מיט זיך פאָר הרודעס פון שטיינער, האָלץ און אייזן. באַטראַכטנדיק די רואינירטע שטאָט, שטעלט מען זיך די קשיא: ווו און ווי אַזוי לעבן דאָ מענטשן? ענטפער באַקומט מען ביים ווייטערדיקן שפּאַציר דורך דער שטאָט. אָט ציט זיך אַ בלויער רויך ערגעץ פון אונטער די חורבות. אָט קריכט אַרויס אַן אַלטיטשקע פון אַ לאָך, וואָס ליגט פאַרבאַהאַלטן צווישן די צוזאַמענגעפאַלענע ווענט און אָט זעט מען ווי אין די חורבות גופא, קומען און גייען מענטשן.

דאַרמשטאַדט, האַנאָווער, פראַנקפורט אַם־מיין, ווי די מערסטע דייטשע שטעדט זענען קרבנות, ס'רוב פון דער ענגליש־אַמעריקאַנער אַוויאַציע. די אַמעריקאַנער און ענגלענדער האָבן אויך אינעם פּרט פון מלחמה־פירן באַמיט זיך אָנצווענדן מער הומאַניטאַרע מעטאָדן, כדי זיך אָפּצוגרעניצן פון די ברוינע באַרבאַרן. די דירעקטיוון פון די מיליטער־פּילאָטן האָבן געלויטעט: צו שוינען ווי מעגלעך די פיינטלעכע קולטור־ווערטן אָדער

בנינים. אין דאַרמשטאַדט איז דער דאָזיקער באַפעל אויסגעפירט געוואָרן במעט אויף אַלע הונדערט פּראָצענט. די אַזוי־גערופענע קונסט־קאָלאָניע פון דער שטאָט, וווּ עס לעבן שרייבער, מאָלער, וויסנשאַפטלער און קינסט־לער און וווּ עס געפינט זיך די באַוווּסטע „שול פון חכמים״, וועלכע ס׳האָט געגרינדעט דער דייטשער פילאָזאָף און אַנטי־נאַצי, גראַף קייזערלינג, אָט־אָ־די קאָלאָניע איז פאַרשוינט געבליבן פון דער אַליאירטער אַוויאַציע. קיין איין איינציקע ווילע אָדער הויז איז נישט באַשעדיקט געוואָרן. אויך דער רוסישער פּראַוואָסלאַוונער קלויסטער, אַ מייסטערווערק פון קירכן־קונסט, שטייט אומבאַרירט אין זיין אַרכיטעקטאָנישער שיינקייט.

— מזל האָבן די דייטשן, ימח שמם! — רופט אויס מיט פאַרביטע־רונג מיין שאָפער עדעלשטיין, ער — אַ געוועזענער סטאַר־שינאַ (פעלדפעבל) אין דער רויטער אַרמיי און העלדישער פּאַרטיזאַנער פון סטאַלינגראַד — קאָן נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק פון מענטשלעכקייט לגבי די דייטשן.

— מיט ווייסע הענטשקעס באַהאַנדלט מען די רוצחים!... מען האָט געשוינט זייערע קולטור־אוצרות און מען צאַצקעט זיך אַצינד מיט זיי... איר וואָלט באַדאַרפט אַ קוק טאָן ווי עס זעען אויס כאַרקאָוו, דניעפּראָ־פּעטראָווסק אָדער פּאָלטאַווע... איר וואָלט זען אין וואָס די מאַטעריאַליזירטע חיות האָבן פאַרוואַנדלט די פּרעכטיקע שטאָט קיעוו, און וואָס עס איז גע־בליבן פון וואַרשע אָדער ווילנע!... יאָ, זיי, די וואַנדאַלן, האָבן זיך אויף קיין מאָמענט נישט פאַרטראַכט אָפּצומעקן פון דער רוסישער ערד אַלץ, בפירוש אַלץ, וואָס האָט דאָס מינדסטע שייכות מיט קולטור־ווערטן. די ענגלענדער און אַמעריקאַנער האָבן משמעות מורא געהאַט חלילה נישט צו באַעוולען די דייטשע קולטור און אירע דינער . . .

איך באַגרייף די געפילן פון מיין שאָפער, דעם ליבן פריינט עדעל־שטיינען.

ווייט הינטער אונדז ליגן שוין די חורבות פון דאַרמשטאַדט. מיר פאָרן אויף דער שענסטער און אידילישער אויטאָסטראַדע פון מערב־דייטש־לאַנד, אויף דער אַזוי־גערופענער בערג־שטראַסע. אונדזער אויטאָמאָביל טראָגט זיך דורכן לעגענדאַרן אָדענוואַלד, צווישן הויכע בערג, באַוואַקסענע מיט גראָבע, אוראַלטעביימער. פון די אַרומיקע בערג קוקן אַראָפּ גרויע

שלעסער, אין וועלכע עס האָבן אין מיטלאַלטער געהויזט רויבערישע באַראָנען, וואָס פלעגן צוזאַמען מיט זייער געזינט איבערפאַלן די פאַרבייפאָרנדיקע סוחרים־קאַראַוואַנען, זיי צעמזיקן און באַראַבעווען. מיר פאָרן קיין היידעלבערג, אין דער וועלט־באַרימטער אוניווערזיטעט־שטאָט, וווּ אויך טויזנטער יידישע יונגעלייט פון אַלע עקן וועלט האָבן אַמאָל געצויגן זייער גייסטיקע יניקה. איצט איז היידעלבערג — די הויפּט־קוואַרטיר פון דער אַמעריקאַנער אָקופּאַציע־מאַכט. דער אַריינפאָר אַהין איז פאַרבונדן מיט געוויסע פאָרמאַליטעטן, נישט נאָר פאַר דייטשן, נאָר אויך פאַר אַליאירטע אָפיצירן, באַאַמטע אָדער געסט פון דער אָקופּאַציע־מאַכט. אויב מ׳האָט בדעה איבערנעכטיקן אָדער פאַרבלייבן אין היידעלבערג, מוז מען וועגן דעם מיט עטלעכע טעג פריער שריפטלעך מיטטיילן. אַן אויסלענדישער דייטש אָדער פּליט טאָר נישט אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש בכלל אַריינקומען קיין היידעלבערג.

מיט מיר איז געפאָרן, אַ חוץ דער שאָפער עדעלשטיין, אויך אינזש. לעאָן שאַכנאָווסקי, איינער פון די לייטנדע „אָרט"־דירעקטאָרן אין דער אַמעריקאַנער זאָנע. אַ פּליט און געוועזענער קאַצעטניק, האָט לעאָן שאַכנאָווסקי דורכגעמאַכט שבעה מדורי גיהנום און בלויז על־פּי נס ניצל געוואָרן. הגם ער איז אַ הויכער פונקציאָנאַר און אַ באַוווּסטע פערזענלעכקייט אין מינכען, בלייבט שאַכנאָווסקי פאָרט אַ פּליט און דער אויפהאַלט אין היידעלבערג איז אים אָן דערלויבעניש פאַרווערט. מיר מוזן פאַרבלייבן אין דער אַליאירטער הויפּט־קוואַטיר צוויי טעג און, מחוץ דעם, ווילט זיך טאַקע אויך אַריינוואַרפן אַן אויג אין דער באַרימטער אוניווערזיטעט־שטאָט.

אמת, דייטשלאַנד איז איצינד פאַר אונדז יידן דאָס פאַרשאָלטענע לאַנד, אָבער סענטימענטן זענען אַן ענין פון פּסיכיק און זיי צו אונטערדריקן איז נישט אַלעמאָל פּשוט. ביי וועלכן געוועזענעם סטודענט, בעיקר ביי איינעם, וועלכער האָט שטודירט אין דייטשלאַנד און האָט באַזוכט היידעלבערג, גיט נישט אַ קלאַפּ שטאַרקער דאָס האַרץ, ווען מען רופט אָן דעם דאָזיקן נאָמען. היידעלבערג האָט געגאָלטן אין דער אינטערנאַציאָנאַלער וויסנשאַפטלעכער משפּחה ווי אַ סימבאָל פון פרייען גייסט און דעמאָקראַטישקייט. אוודאי, אויך דעם פרייען גייסט פון היידעלבערג האָבן די ברוינע וואַנדאַלן פאַרטריבן און זיין לופט פאַרגיפטעט. און דווקא דער־

פאַר אפשר ווילט זיך זען, וואָס איז געבליבן פון דער שטאָט פון די פאַר־גאַנגענע יוגנטלעכע טרוימען. און ווי זעט עס איצט אין איר אויס. אַפילו מיין באַגלייטער, לעאָן שאַכנאָווסקי, וועלכער האָסט די דייטשן ווי די פעסט, איז קענטיק אונטער דער השפּעה פון באַלדיקן אָנקומען קיין היי־דעלבערג.

— איך האָב שטודירט אין דאַרמשטאַדט, — דערציילט שאַכנאָוו־סקי — און פלעג כמעט יעדע וואָך באַזוכן היידעלבערג. מיינע סטודענטן־יאָרן זענען ענג פאַרקניפּט מיט דער דאָזיקער שטאָט. וויפל אומפאַרגעס־לעכע טעג און נעכט האָב איך פאַרבראַכט אין דער וווּנדערבאַרער סביבה פון דעם אַמאָליקן רומפולן וויסנשאַפט־צענטער? היידעלבערג איז מיר געווען פונקט אַזוי טייער ווי מיין אייגענע געבורטס־שטאָט קאָוונע. גע־וויס, היידעלבערג האָט מיך געגנבעט אַזוי פאַרראַטן, ווי די דייטשן בכלל האָבן פאַרראַטן דאָס יידישע פאָלק. אָבער נישט געקוקט אויף דעם, איז פאָרט שווער אַרויסצורייסן פון זכרון און פון האַרצן דעם טליענדיקן סענטימענט צו היידעלבערג. געדענקט איר נאָך דאָס אַלטע לידל ? . . .

„איך האָב מיין האַרץ אין היידעלבערג פאַרלוירן
אין אַ וואַרעמער זומער־נאַכט . . .
איך בין פאַרליבט געווען איבער בײדע אויערן . . .
איך וויים, אַז איך האָב מיין האַרץ אין היידעלבערג פאַרלוירן,
מיין האַרץ, וואָס קלאַפּט אַזוי שטאַרק ביים ברעג פונעם
עקאַר־טייך..."

— איך האָב געזען נעבן קיעוו — רייסט פלוצים איבער עדעלשטיין שאַכנאָווסקיס דעקלאַמאַציע — אַן אָפּגרונט, אין וועלכן די דייטשן האָבן אין פאַרלויף פון איין טאָג אויסגעמאָרדעט און אַריינגעוואָרפן העכער זיבעציק טויזנט יידן — פרויען, קינדער, זקנים, אויב איר גלויבט מיר נישט, קאָנט איר אַ באַשטעטיקונג געפינען אין איליאַ ערענבורגס ראָמאַן: „דער שטורעם". דאָרט באַשרייבט ער אַלע איינצלהייטן מכוח דעם דאָזיקן קאָלעקטיוון מאָרד. מיינט איר נישט, אפשר צווישן יענע דייטשן, וואָס האָבן אַזוי מערדעריש פאַרטיליקט אונדזערע ברידער און שוועסטער, זע־

נען אויך געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן זייערע הערצער אין היידעלבערג פאַרלוירן ? . . .

אינזשיניער שאַכנאָווסקי און איך שווייגן... וואָס קאָנען מיר ענט־פערן אויף דער פאַרביטערטער אָבער באַרעכטיקטער באַמערקונג פון אונ־דזער שאָפער? איז דען נישט יעדער דייטש מאָראַליש פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אונדזערע קדושים? וויפל מאָל איז ביי מיר גופא געווען אַ געפיל ווי איך וואָלט געזען בלוט אויף די הענט פון יענעם דייטש מיט וועלכן מיר איז צופעליק אויסגעקומען צו שמועסן ?

יאָ, אַ סך יאָרן און אפשר דורות וועלן נויטיק זיין, ביז דאָס געשריי פונעם אומשולדיק־פאַרגאָסענעם יידישן בלוט וועט איינגעשטילט ווערן.

* * *

היידעלבערג באַגעגנט אונדז מיט דער גאַנצער אַרכיטעקטאָנישער פּראַכט פון אַלטערטום, ווו דער טייך נעקאַר קייקלט זיינע רואיקע בלויע כוואַליעס, ווי מיט הונדערטער יאָרן צוריק. גאָרנישט האָט זיך נישט גע־ענדערט אין דער דאָזיקער שטאָט, וואָס איז באַזונגען פון דיכטער און שרייבער און וועמענס אייגנאַרטיקער קאָלאָריט האָט געדינט אַלס טעמע פאַר קאָמפּאָזיטאָרן און מוזיקער. קיין איין שטיינדל האָבן די אַליאירטע נישט אָנגערירט אין היידעלבערג. סיי די ניי־שטאָט און סיי אַלט־היידעל־בערג שטייען אומבאַשעדיקט, ווי ווען קיין מלחמה וואָלט גאָר נישט עק־זיסטירט. די קריגס־פוריע האָט פאַרשווינט די מאַלערישע שטאָט אויף די ברעגן פונעם לעגענדאַרן נעקאַר. בלויז איין איינציקע בריק, פון די מע־רערע בריקן, וואָס הענגען איבערן טייך און פאַרבינדן די אַלטע מיט דער נייער שטאָט, איז אויפגעריסן געוואָרן. צעשטערט די בריק האָבן די נאַ־צים גופא אַלס מורא פאַר די אַליאירטע חילות. איצט האָט מען אויך אָט די בריק פאַרריכט און די אַלטע אוניווערזיטעט־שטאָט מאַכט דעם פריד־לעכן איינדרוק.

דער אַמעריקאַנישער אָפיציר — דער קוואַרטירמייסטער — איז זייער דערשטוינט, ווען ער דערהערט מיין בקשה אָנצווייזן פאַר מיין שאָפער און פאַר מיר וועלכן ס'איז האָטעל.

ס'וואונדערט אים, פאַרוואָס איך האָב באַצייטנס נישט אָנגעמאָלדן מיין אָנקומען.

— אַלע האָטעלן זענען ביז צום לעצטן צימער באַזעצט. אין דער שטאָט הערשט אַ מוראדיקע ענגשאַפט. איך ווייס באמת נישט, וווּ זאָל איך אייך איינקוואַרטירן... וואָס, צוויי טעג ווילט איר דאָ פאַרווײַלן?...

אַ יונגער סערזשאַנט רופט אָן אויפן באַפעל פונעם אָפיציר אַ צענ־דליק האָטעלן, באַקומט אָבער פון אומעטום נעגאַטיווע תשובות.

— וואָס זאָל איך מיט אייך טון? — זאָגט דער אָפיציר. איך וועל פּרובירן אָנצורופן נאָך אין איין האָטעל. אויב איר האָט מזל, וועט איר וווינען אינעם פיינסטן האָטעל פון גאַנץ היידעלבערג . . .

דאָס מזל האָט ערעלשטיינען און מיר צוגעשפּילט, עטלעכע מינוטן שפּעטער איז אין מיין האַנט געלעגן אַן אָרדער אויף צוויי צימערן אין שלאָס־האָטעל, אין אַ האָטעל, וואָס ליגט הויך אין די בערג און פון וואַנען עס עפנט זיך אַ באַצויבערנדיקע פּאַנאָראַמע אויף דער שטאָט, אויפן טייך און אויפן גאַנצן אַרום.

אָבער וואָס מאַכט מען מיטן אינזשיניער לעאָן שאַכנאָווסקי? ווי געפינט מען אַ געלעגער פאַר אַ פריינט און מיטאַרבעטער, וועלכער פאַר־דינט כשר די זעלבע באַקוועמלעכקייטן ווי מיר ביידע, מיין שאָפער און איך? איז דאָס נישט אַן איראָניע פון גורל? איז עס נישט אַ שרייענ־דיקע אומגערעכטיקייט, אַז גראָד שאַכנאָווסקי, אַ קרבן פון היטלעריזם און פּליט, וואָס איז באַרעכטיקט צו פּרעטענדירן אויף ספּעציעלער אויפ־מערקזאַמקייט, אַז דווקא ער — שאַכנאָווסקי — טאָר נישט איבערנעכ־טיקן אין היידעלבערג! דערמאָנט עס נישט אין די פינצטערע צאַרישע צייטן, אָן יענער תקופה פון תחום־המושב, ווען רוסישע ייִדן האָבן נישט גע־טאָרט איבערנעכטיקן אין פּעטערבורג, מאָסקווע אָדער קיעוו און געמוזט גאַנצע נעכט בלאָנדזשען דורך די גאַסן, אָדער זיך אויסבאַהאַלטן אין ערגערע פּלעצער?

— פאַר מיר זאָלט איר אייך נישט זאָרגן — באַרויִקט אונדז שאַכנאָווסקי. איך האָב אין קעשענע עטלעכע פּעקלעך ציגאַרעטן און מיט אַ פּעקל אַמעריקאַנער ציגאַרעטן קאָן מען אין אָקופּירטן דייטשלאַנד אַ סך דערגרייכן . . .

אונדזער באַגלייטער שאַכנאָווסקי האָט קיין טעות נישט געהאַט. דער כישוף פון אַ פּעקל ציגאַרעטן איז געווען אַזוי געוואַלדיק, אַז שאַכנאָווסקי, הגם אַ פּליט, האָט תּיכּף באַקומען אַ צימער און גראָד אינעם זעלבן לוקסוריעזן שלאָס־האָטעל, ווו עדעלשטיין און איך.

און אָט זיצן מיר טאַקע אינעם פּראַכט־סאַלאָן פונעם וועלט־באַרימטן האָטעל . . .

די דייטשן האָבן מזל. דעם ערשטן וועלט־קריג האָבן זיי טאַקע פאַרלוירן, אָבער דערפאַר געוווּנען דעם פרידן. בעת די פרידנס־פאַרהאַנדלונגען אין ווערסאַל, האָט מען די דייטשע דעלעגאַציע איזאָלירט, און אירע מיטגלידער געהאַלטן ווי חיות הינטער פאַרצוימטע דראָטן. קוים אָבער איז דער ווערסאַלער טראַקטאַט געחתמעט געוואָרן, ווי איבער דייטשלאַנד האָט זיך אַ גאָס געטון אַ גאָלדענער רעגן. אַמעריקאַנישע, ענגלישע און אפילו פראַנצויזישע באַנקירן האָבן זיך ממש געראַנגלט צו זיין די ערשטע און ברענגען פינאַנציעלע הילף דעם נעבעך באַזיגטן פאָלק. ווי אַזוי דאָס דייטשע פאָלק האָט אָפּגעצאָלט דער מענטשהייט פאַר דער פריינטלעכער שטיצע — איז איבעריק צו דערמאָנען. דאָס וויים יעדעס שולקינד. אויך אין דער לעצטער מלחמה האָבן די וועלט־דעמאָקראַטיעס, טראָץ דער מערדערישער דייטשער בעסטיאַלקייט, נישט געקאָנט אין זייער קריגס־פירונג גובר זיין די איינגעבוירענע סענטימענטן לגבי קולטורווערטן און קולטור מאָנומענטן. בעת די טרויעריק באַרימטע דייטשע פליענדיקע באָמבעס האָבן בלינד צעשטערט אַ דריטל פון לאָנדאָן, צעקאַלעטשעט אָקספאָרד און קעמברידזש — די צוויי עלטסטע ענגלישע אוניווערזיטעט־שטעט, בעת היטלערס מאָטאָריזירטע וואַנדאַלן האָבן נישט געלאָזן קיין זכר פון דעם, וואָס דער רוסישער פאָלקס־געניוס האָט אין משך פון די פאַר־קריגס־יאָרן אויפגעבויט, האָט די אַליאירטע אַוויאַציע אַרויסגעוויזן אַ סך חסד לגבי דער דייטשער קולטור.

אָט זיץ איך מיט מיינע באַגלייטער — אינזש. שאַכנאָווסקי און שאָפער עדעלשטיין אין פּרעכטיקן סאַלאָן פונעם שלאָס־האָטעל און מיר באַוווּנדערן דורך די ריזיקע פענצטער די באַצויבערדיקע פּאַנאָראַמע, וואָס אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדזערע אויגן. ווי אַן אָדלער־נעסט ליגט דער אַלטער האָטעל פאַרבאַהאַלטן אין די הויכע בערג, באַדעקט מיט געדיכטן,

רווישיקן וואַלד, אונטן קייקלט דער טייך נעקאַר גרין־בלויע כוואַליעס און א האַלב טוץ בריקן הענגען איבער זיינע וואַסערן, ווי ווען זיי וואָלטן גע־שוועבט אין דער לופט. מאַלעריש האָבן זיך צעלאָזט אויףביידע ברעגן פונעם טייך אַלט־און־ניי־היידעלבערג. פון אויבן, פון די בערג, זעט די שטאָט אויס פרידלעך, בונט און פיטאָרעסק, ווי אויף אַ בילד פון אַ מייסטער.

פאַרוואָס קומט זיי, די דייטשן, אַזאַ גנאָד? פאַר וועלכע מעשים טובים האָבן זיי פאַרדינט אַזוי פיל יושר? אפשר פאַר דעם, וואָס זיי האָבן אויסגעמאָרדעט זעקס מיליאָן יידן, אָדער אפשר פאַר דעם, וואָס צווישן קיעוו און וואַרשע איז נישט געבליבן קיין איין גאַנצער שטיין פון הונדערט רוסישע און פוילישע קולטור־בנינים ?

יעדער פון אונדז דריי טראַכט זיינע אייגענע מחשבות, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז איין איינציקער געדאַנק באַהעפט אונדז קאָלעקטיוו, נעמ־לעך: „ווו בלייבט דער יושר?" ווען און פון וואַנען וועט קומען יענע גרויסע גערעכטיקייט, וועלכע וועט אַרויסטראָגן דעם גאַנצן דייטשן פאָלק דעם פאַרדינטן פסק־דין ? . . .

קריכעריש פאַרבויגן זיך פאַר אונדזערע אוניפאָרמען די דייטשע קעלנערס און דינער, ווי אַ הונט קוקט אונדז אין די אויגן דער האָטעל־דירעקטאָר, סערווילע משרתים עפענען ברייט אויף פאַר אונדז די טירן. זיי — די משרתים און אָנגעשטעלטע — וויסן גענוי, אַז מיר זענען יידן, זין פון יענעם פאָלק, וועלכע אפשר זיי גופא האָבן נאָך נישט לאַנג גע־פייניקט און געמאָרדעט. אַצינד אָבער פאַרבאַהאַלטן זיי דעם האַס צו אונדז און קריכן אויף די בייכער ווי שרצים.

— ווילט איר אפשר באַזיכטיקן אונדזער האָטעל? — פרעגט אונדז קנעכטיש דער דירעקטאָר. ביי אונדז אָטעמט כמעט יעדער צימער מיט היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט און אויף די ווענט קענט איר געפינען ווערטפולע רעליקוויעס . . .

מיר מאַכן אַ שפּאַציר דורך די זאַלן, קאָרידאָרן און טעראַסן פון דעם שלאָס־האָטעל. יאָ, דער דירעקטאָר האָט זיך בפירוש נישט באַרימט. יעדער זאַל איז דאָ פאַרבונדן מיט געשיכטע און קולטור. ביסמאַרק איז דאָ אַמאָל איינגעשטאַנען. קייסער ווילהעלם דער צווייטער האָט אויך באַ־

ערט דעם האָטעל מיט זיין באזוך. עס פעלן נישט קיין נעמען פון אמאָ־ליקע באַרימטע דיפּלאָמאַטן און מלוכה־מענער. דער האָטעל קאָן זיך גרויסן מיט נעמען פון געסט, וואָס געניסן אַן אוניווערסאַלן שם.

אָט קוקט אַראָפּ פון דער וואַנט אַ שילד מיט אַן אויפשריפט: „דאָ האָט געלעבט ריכאַרד וואַגנער צווישן דעם פינפטן און אכצעטן יולי פון יאָר 1877. דאָ האָט ער צום ערשטן מאָל געשפּילט פאַר אַ קליינעם קרייז פריינט זיין אָפּערע „פּאַרזיפאַל". אַ גרויסער פּאָרטרעט פונעם גע־ניאַלן קאָמפּאָזיטאָר ריכאַרד וואַגנער באַצירט דעם שילד. דאָס גוט באַ־קאַנטע געזיכט פון וואַגנערן, מיט דער שפּיציקער נאָז, שפּיציקן קין און קאַצן־גרויע אויגן וועקן אין זכרון טרויעריקע מחשבות. ער, — וואַגנער — וועמענס קינסטלערישער גניוס האָט אַרויסגערופן אַן אמתע רעוואָ־לוציע אין דער מוזיק־וועלט, וועמענס שאַפונגען זענען עפּאָכע־מאַכנדיק און אומשטערבלעך, איז געווען אַ ביטערער שונא ישראל; הגם עד היום באַהויפּטן נאָך אייניקע היסטאָריאָגראַפן, אַז ריכאַרד וואַגנערס נאַטיר־לעכער פאָטער איז געווען דער דייטש־יידישער שוישפּילער גייער, איז וואַגנער ביז צום סוף פון זיין לעבן געבליבן אַ נידערטרעכטיקער אַנטי־סעמיט.

נאָך לאַנג, איידער היטלער איז אויף דער וועלט געקומען, האָט רי־כאַרד וואַגנער שוין פאַרפאַסט אַ געמיינעם פאַמפלעט קעגן יידן, אָנגעפּי־קעוועט מיט בילבולים און שקרים. זיין האַס צו יידן איז געווען די סיבה פאַרוואָס פרידריך ניצשע, דער באַרימטער דייטשער פילאָזאָף, האָט אי־בערגעריסן מיט וואַגנערן זיינע לאַנגיאָריקע פריינטשאַפט באַציאונגען. ריכאַרד וואַגנער, וואָס פאַרדאַנקט זיין קאָפּשווינדלערישע קאַריערע צוויי יידן — דעם באַוווסטן קאָמפּאָזיטאָר מייערבער און דעם גרויסן פּיאַניסט־ווירטואָז — לעווי, האָט נישט נאָר פאַרגעסן זייערע טובות, נייערט ער האָט נאָך אָט־די ביידע יידן באַשפּייט און פאַרלוימדעט.

נישט אומזיסט האָט היטלער דערהויבן וואַגנערס שנור, די אלמנה פון זיין זון זיגפריד צום העכסטן שטאַפּל פון דער קינסטלער־היעראַרכיע און אפילו געטראַכט מיט איר חתונה צו האָבן. די בייערישע שטאָט בייי־רוט, ווו וואַגנער האָט געלעבט, איז פון היטלערן קאַנאָניזירט און דער־הויבן געוואָרן צו אַ מין צווייטן וואַלהאַלאַ.

אין די בייזע, גרינע אויגן פונעם געניוס וואַגנער, דאַכט זיך, צאַנקען נאָך עד היום פלעמלעך פון יידן־האַס. עס ווילט זיך נישט קוקן אויף זיין טריפענער צורה.

—געגנוג צו באַוואונדערן די דייטשע גזלנים... זאָלן זיי גיין צו אַל־די רוחות! — גיט אַ מורמל דער שאָפער עדעלשטיין. פאָרן מיר ליבער אַראָפּ אין דער שטאָט און כאַפּן אַ קוק דאָס נאַכט־לעבן פון היידעלבערג.

אונדזער אויטאָמאָביל שלענגלט זיך לאַנגזאַם און פאָרזיכטיק אויף די אַספּאַלטירטע בערג־וועגן. זיינע לאַמטערנען, ווי צוויי פייערדיקע אויגן פון אַ פאַרצוקנדיקער חיה, רייסן אַרויס פון דער פינצטערניש פאַרטרוימטע טאָלן און לאָנקעס, אַלטע שווייגנדיקע ביימער, יונגע דינינקע ביימעלעך אָדער נידעריקע קוסטן. דער וועג פון די בערג אין דער שטאָט איז אַן אמתער גן־עדן.

אַ צוואַנציק מינוט פאָרן און מען איז שוין אין סאַמע צענטער פונעם לעגענדאַרן אַלט־היידעלבערג. מיר מאַכן אַ שפּאַציר לענגאויס דעם טייך.

די אַלטע פּלאַטאַנען־ביימער, אָנגעטון אין פריש־גרינע פרילינגבגדים ציען זיך אין צוויי רייען, ווי גוט אויסגעמושטירטע סאָלדאַטן. יונגע פּאָרלעך שפּאַצירן אָדער שושקען זיך אין דער טונקל פון די שטאָטישע אַלייען. דער גאַנצער אַרום מיט זיין ספּעציפישער קליינבירגערלעכער סביבה איז געבליבן אומבאַריִרט פון דער צייט פונקט ווי ער איז געווען מיט אַ 25־30 יאָר צוריק. עס דאַכט זיך, אַז די שפּאַצירנדיקע, זיצנדיקע אָדער זיך אויף גיך קושנדיקע פּאָרלעך זענען פונקט די זעלבע, ווי העט־ווייט אַמאָל, ווען דייטשלאַנד איז נאָך געווען אַ קולטור־לאַנד און היידעלבערג, אַ צוציאונג פאַר אַ ראָמאַנטישער און וויסנשאַפט־גאַרנדיקער יוגנט.

בלויז די אָנוועזנהייט פון אַמעריקאַנער אָקופּאַציע־אָפיצירן און סאָלדאַטן טראָגט אַריין אַ נייעם ניואַנס אין דעם פאַרגליווערטן היידעלבערגער קאָלאָריט. אויף יעדן שריט און טריט שטויסט מען זיך אָן אָן די אַמעריקאַנער אוניפאָרמען, אָן דעם אַמעריקאַנער מיליטער־מאַן, וועלכער דאָמינירט דאָס גאַנצע לעבן פון דער אַלטער אוניווערזיטעט־שטאָט. ווען וואָלט היידעלבערג פריער אַמאָל געקענט טרוימען צו ווערן אַ הויפּט־

קוואַרטיר פון אַ גאַנצער אַרמיי, בעיקר נאָך פון אַן אָקופּאַציע־אַרמיי? פון אַ נאַכט־לעבן איז ווייניק וואָס צו מערקן אין אירע גאַסן, סקווערן און פּלעצער. עס איז ליכטיק, פריילעך און רוישיק נאָר אין די אַמעריקאַנער „סנעק־באַרן", וויינהייזער אָדער מיליטער־קאַסינאָס. אַהין אָבער טאָר אַ דייטשער פוס נישט אַריינטרעטן. שוין אַרום צען אַזייגער אין דער נאַכט ליגט די גאַנצע שטאָט פאַרטיפט אין שלאָף. בלויז איינצלנע פּאָרלעך, אָט־יענע אייביקע פּאָרלעך, פאַר וועמען דער אויבערשטער האָט געשאַפן דעם פרילינג, דערציילן זיך שטיל די אומשטערבלעכע מעשה פון טרייער ליבע.

* * *

דעם ריכטיקן שפּאַציר הורך היידעלבערג, מאַכן מיר ערשט צו־מאָרגנס. שוין אין מינכען האָט מען מיר דערציילט, אַז די אַמעריקאַנער אָקופּאַציע־מאַכט האָט אויסגעוויילט היידעלבערג נישט נאָר אַלס הויפּט־קוואַרטיר, נייערט אויך אַלס אַ מין לאַבאָראַטאָריע פאַר אַ דעמאָקראַטי־שער איבערדערציאונג פון דער דייטשער יוגנט. דאָס גראָד האָט מיך אינ־טערעסירט. עס האָט זיך מיר געוואָלט כאָטש עפּעס אַרויסגעפינען פון יענעם איבערדערציאונגס־פּראָצעס, וועגן וועלכן בעת דער מלחמה איז אַזוי פיל גערעדט און געשריבן געוואָרן. מען האָט מיר געעצהט צו באַזוכן דעם אוניווערזיטעט און דאָס אַזוי גערופענע „הויז פונעם בוך" — אַ גייסטיקע קרעאַציע פון די אַמעריקאַנער קולטור־אַטאַשעס ביי דער אָקופּאַציע־מאַכט.

דער אַלט און גרוי געוואָרענער בנין פונעם אוניווערזיטעט שטייט אומבאַרירט אין זיין באַשיידענער אַרכיטעקטאָנישער גאַנצקייט. דער גע־רוימער אוניווערזיטעט־פּלאַץ איז באַנייט געוואָרן מיט אַ מאָדערנער רע־גירונגס־געביידע, אויף וועלכער עס פלאַטערט די אַמעריקאַנער נאַציאָנאַ־לע פאָן. דעם איינגאַנג צום אוניווערזיטעט היט נאָך אַלץ אָפּ דער באַ־ווּסטער פאָנטאַן, אין וועמענס שפּריצנדיקע וואַסערן קוקט אַריין אַ רייַ־זיקער לייב, וואָס האַלט אַ שווערד אין לאַפּע. די אַלעגאָריק פונעם באַ־וואָפנטן לייב, וועלכער שיצט דעם צוטריט צו דער דייטשער וויסנשאַפט איז בפירוש סימבאָליש... מיין ערשטער באַזוך איז ביי דעם היסטאָריש־

פילאָזאָפישן פאַקולטעט. איך גיב אַ שפּאַן צו דער שוואַרצער ברעט און לויף מיט די אויגן שנעל אַדורך דאָס אָנגעצייכנטע פּראָגראַם פון לעקציעס פאַרן לויפנדיקן חודש, וואָס איז דאָס טאַקע באמת אָדער בלויז קאָמי־פלאַזש, כדי אָפּצונאַרן די גלויביקע, נאַאיווע אַמעריקאַנער ? ! . . .

„הומאַניזם אין ליכט פון דער וועלט־געשיכטע". „טהאָמאַס מאַנס הומאַניטאַרער געדאַנק אין שפּיגל פון דער מאָדערנער ליטעראַטור" . . . „פרידריך ניטשע און דער קאָלעקטיוויזם"... „סאָוויעטישע געזעצגעבונג אַלס פּועל יוצא פונעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם"... קלאָר און דייטלעך שרייען אַראָפּ די דאָזיקע אויפשריפטן פונעם שוואַרצן ברעט. איך לייען זיי און מיר דאַכט זיך, אַז איך טרוים. אַלזאָ, גענוג ראַסן־טעאָריע און מענטשן־האָס, אויס מיט היטלערס תורה „מיין קאַמף"!... עס גלויבט זיך עפּעס שווער, די כלה איז צו שיין!... אַן אָנפראַגע ביים סעקרעטאַריאַט פון דעם אוניווערזיטעט באַשטעטיקט די ריכטיקייט פון די פאַרצייכע־נונגען אויפן שוואַרצן ברעט.

— יאָ, געוויס, — פאַרזיכערט דער סעקרעטאַר, אַ דאַרער דייטש מיט אַן אויסגעהונגערט פּנים פון אַן אינטעלעקטואַל, — דאָס גאַנצע פּראָ־גראַם פונעם אוניווערזיטעט איז ראַדיקאַל גערייניקט און געענדערט גע־וואָרן. עס זענען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן די אַלע נאַציסטישע אָדער פּראָ־נאַציסטישע פּראָפעסאָרן און דאָצענטן. די שטודירנדיקע יוגנט ווערט אויסגעבילדעט אין פרייהייטלעך־דעמאָקראַטישן גייסט. די אַמעריקאַנער קאָנטראָלירן נישט נאָר די פּראָגראַמען, נייערט אויך דעם אינהאַלט פון די לעקציעס . . .

— צי עס זענען פאַראַן יידישע סטודענטן אינעם אוניווערזיטעט ?

— אוודאי, פאַרוואָס נישט? די צייטן פון ראַסישע דיסקרימינאַ־ציעס זענען שוין, אַ דאַנק גאָט, לאַנג פאַרביי. פאַרקערט, יידישע סטו־דענטן געניסן אפילו באַזונדערע פּריווילעגיעס אין צוטיילונג פון גרעסע־רע פּאָרציעס אין לעבנסמיטלען און קליידונג. פאַר דעם זאָרגט די „אוי־ראָ"... אייך אינטערעסירט די צאָל פון יידישע סטודענטן און פון וואַנען זיי שטאַמען? איך מיין, אַז עס מוזן זיין אַ צוויי־דריי צענדליק יונגעלייט פון ביידע געשלעכטן. מערסטן — אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך אַרויסגע־ראַטעוועט פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן . . .

דער סעקרעטאַר האָט מיר געמאַכט דעם פאָרשלאָג אָנוועזנד צו זיין ביי אַ לעקציע, וועלכע איך וועל אַליין אויסוויילן, אָבער מיין צייט איז געווען אַזוי אויסגערעכנט און קנאַפּ, אַז איך האָב געמוזט זיך אָפּזאָגן פונעם לאָקנדיקן אָנבאָט.

דערפאַר אָבער האָט דאָס מזל מיר צוגעשפּילט צו באַקענען זיך מיט עטלעכע יידישע סטודענטן, וואָס שטודירן איצט אין די דייטשע אוניווערזיטעטן. די שמועסן מיט זיי זענען אויסערגעווענלעך אינטערעסאַנט.

בקיצור קאָן געזאָגט ווערן, אַז דער איצטיקער יידישער סטודענט פון די דייטשע אָדער עסטרייכישע הויך־שולן איז אין זיין דענקען און טראַכטן אַן אבסאָלוטער היפוך פון דעם אַמאָליקן סטודענט, וואָס האָט געזוכט ערשט אין זיין אויסבילדונג זיין גלויבן אין אויסלאַנד. די מענטאַליטעט פון דעם געוועזענעם קאַצעטניק און איצטיקן שטודירנדיקן איז אויך נישט צו פאַרגלייכן מיט דער מענטאַליטעט פון יענע יידישע סטודענטן, וואָס באַזוכן איצט די הויך־שולן פון דער שווייץ, פראַנקרייך אָדער איטאַליע. וואָס פאַראַ אינטערעסאַנטע, אינהאַלטסרייכע און געזונטע מענטשן־טיפּן מען געפינט צווישן זיי און וואָס פאַראַ נוצלעכן מאַטעריאַל זיי שטעלן מיט זיך פאָר פאַר מדינת ישראל, ווען זיך צו דערקלייבן — איז דער לעבנס־ציל פון די מערסטע פון זיי.

קאַפּיטל נייַן

די דייטשע ווירקלעכקייט

עס איז נישט לייכט אויסצומאָלן, וואָס פאַר אַ שמחה עס הערשט צווישן די דייטשן, וואָס פאַראַ פרייד ס׳ברענט אין זייערע מיט שנאה אָנגעפילטע הערצער, צוליב די שווערע חלוקי דעות, וואָס צערייסן די געוועזענע אַליאירטע און דראָען אריינצוּוואַרפן די מענטשהייט אין אַ נייעם אָפּגרונט פון קריג.

די פאַרמאַסקירטע און אָפענע נאַציסטן רייבן זיך פאַר הנאה די הענט

און האָפן, אַז אָט־אָט דערגרענטערט זיך דער גליקלעכער מאָמענט, ווען זיי — די נאַציסטן — וועלן נקמה נעמען פאַר אַלע דערנידעריקונגען און חרפּהדיקער קריכערישקייט, וואָס זיי לעבן דורך זייט העכער דריי יאָר. די טיפקייט פונעם דייטשישן האַס צו דער אַרומיקער וועלט, זיין מוראדיקע שׂנאה צו די אָקופּאַנטן, מאַניפעסטירט זיך ביי אים אויף פאַרשידענע אופנים: אין אַ בייסיקער באַמערקונג, אין אַן איראָנישן שמייכל, דורך אַ צווייִדייטיקן וויץ און נישט זעלטן אין אָפענעם חוזק.

מיר איז אויסגעקומען אין האַנאָווער צו באַזוכן מיט עטלעכע פריינט אַ דייטשן קינאָ, וווּ איך האָב צום ערשטן מאָל זיך אָנגעשטויסן אויף נישט צוגעפּוצטע דייטשע געפילן. אין דעם אָוונט־פּראָגראַם זענען אַ חוץ דעם הויפּט־פילם אויך דעמאָנסטרירט געוואָרן צוויי קורצע פילמען, פון וועלכע איינער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די אויסלאָדונג אײנעם פאָרט פון האַנאָווער פון אַן אַמעריקאַנישן פראַכט־דאַמפער, וואָס ברענגט פאַר דער דייטשער באַפעלקערונג לעבנסמיטלען. מען האָט געקאָנט זען, ווי צענדליקער האַפן־אַרבעטער טראָגן אַרונטער פון דער שיף ריזיקע כלים, מיט אויפשריפטן: פּוטער, קעז, רייז, אויל און אַנדערע גוטע זאַכן.

ווי וואָלטן באַדאַרפט נאָרמאַלע מענטשן, בעיקר אַזעלכע, וואָס עסן נישט אַלע טאָג צו זעט, רעאַגירן אויף אַזאַ מין פילם?! דער געוועזענער שׂונא ברענגט הילף! וואָס קאָן זיין מענטשלעכער און הומאַנער? און וואָס פאַר אַ הילף? דאָס בעסטע פון בעסטן... אָט איז שוין אויסגעוואַקסן אַ באַרג פון קאָנדענסירטע מילך פאַר די מינדעריעריקע דייטשע קינדער... עס בערגלען זיך הויפן פון אַנדערע לעבנסמיטלען וואָס ווייטער דער פילם דרייט זיך, אַלץ העכער, ברייטער און גרעסער שטאַפּלען זיך אויפן ברעג הרודעס און בערג פון עסנוואַרג . . .

פּלוצים אָבער רייסט דורך די שטילקייט פונעם זאַל אַ הילכיקער פייף, נאָך אים אַ צווייטער, אַ דריטער... און מיטאַמאָל אַנטשטייט אין דער טונקלקייט פונעם קינאָ אַ פייפן, אַ לאַכן, אַ ליאַרעם... — גלויבט נישט, מיטבירגער אין דעם פילם! דאָס איז נאַרישע אַמעריקאַנער פּראָפּאַגאַנדע. פריער האָט אונדז געבעלס גענאַרט, איצטער מאַכן אים עס נאָך די אַמעריקאַנער . . .

דער דאַזיקער אויסגעשריי ווירקט ווי אַ סיגנאַל... דער אָנגעפּילטער זאַל מאַכט דעם איינדרוק פון אַן אויפגעשווידערטן מוראַשניק.

— האַ, האַ, — טראָגט זיך פון ערגעץ אַ געלעכטער — די אַמע־ריקאַנער בלאָפער ווילן אונדז פאַר דער נאָז פירן... זיי פרעסן אויף אונ־דזער פוטער און קעז, זויפן אויס אונדזער מילך און מאַכן נאָך חוזק פון אונדז. ווער גלויבט שוין אין דעם דאָזיקן אָנשטעל ? !

דאָס בילד איז פאַרשוווּנדן פון דעם ליוונט און זען אים ביז צום סוף איז אונדז נישט געלונגען. בכדי אויסצומיידן ווייטערע פיינטלעכע אַנטי־אַליִירטע דעמאָנסטראַציעס איז דער זאַל אומדערוואַרט באַלויכטן געוואָרן. דער עולם איז געוואָרן פאַרשטומט און בלויז די פּנימער האָבן עדות געזאָגט פון דער אויפרעגונג און הנאה, וואָס זיי האָבן אין דער פינצטערקייט דורכגעלעבט.

די עטלעכע אוניפאָרמירטע ענגלענדער און אַמעריקאַנער, וואָס זע־נען געזעסן אינעם קינאָ, האָבן אים דעמאָנסטראַטיוו באַרלאָזן. הונדער־טער שטעכעדיקע דייטשע אויגן און מיילער פאַרקרימטע מיט איראָנישע גרימאַסן האָבן שטילשווייגנדיק באַגלייט די אַוועקגעגאַנגענע. אויך מיינע ייִדישע פריינט און איך האָבן פאַרלאָזט דעם זאַל. מען האָט זיך בפירוש געפילט בפיזיש צעדריקט אין דער דאָזיקער פון מענטשן־האַס פאַרגיפ־טעטער אַטמאָספער.

— אָט אַזוי זענען זיי אַלע, כמעט אָן אויסנאַם, — זאָגט איינער פון מיינע באַגלייטער. מיט וועלכן דייטש איר זאָלט נישט רעדן, איז ער גאָט די נשמה שולדיק. ער איז אַ נאַצי? חלילה! ווי קען דאָס קומען צו אים? ער איז זיין לעבן־לאַנג געווען אַ דעמאָקראַט, אַ סאָציאַליסט, אָדער אַ פאַרשריטלעכער קאַטאָליק, אָבער אַ נאַציסט? ווי לייגט זיך דאָס אויפן שכל ? . . .

פון די שמועסן וואָס מען פירט מיט דייטשן דרינגט, אַז די גאַנצע מעשה פון רדיפות אויף ייִדן, איז גרויל־פּראָפּאַגאַנדע און ייִדישע אויס־טראַכטעניש. געוויס האָבן ייִדן אין דריטן רייך קיין האָניק נישט געלעקט, אָבער וועמען, אַ חוץ די פירער און זייערע ברוינע און שוואַרצע שטור־מיסטן איז גוט געגאַנגען? היטלער האָט אַלעמען געהאַלטן אונטער זיין אייזערנעם קנאַפּל און קיינער האָט נישט געוואָגט אַ פּיפּס צו טון

— אויך איר גלויבט אין דער לעגענדע פון זעקס מיליאָן אויסגע־מאָרדעטע יידן? — האָט מיך געפרעגט אַ געבילדעטע דייטשע פרוי, אַ באַוווּסטע אַנטי־היטלעריסטקע.

עס איז געווען אין מינכען, אין אַ קרייז פון דייטשע שריפטשטע־לער, זשורנאַליסטן און קינסטלער, וווּהין מען האָט מיך פאַרבעטן אַלס גאַסט. די מערסטע פון די אַנוועזנדע האָבן אַליין דורכגעמאַכט טורמעס, קאָנצענטראַציע־לאַגערן אָדער אַנדערע נאַציסטישע פּייניקונגס־מקומות! אַנדערע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אָדער זיך דורכגעהונגערט אין די נייי־טראַלע לענדער. איצט האָבן זיי זיך אומגעקערט צום נאָרמאַלן לעבן, באַ־מיען זיך אויפצובויען אַ ניי־דייטשלאַנד און איינהויכן אין דייטשן פאָלק אַ דעמאָקראַטישן גייסט.

פאַר מיר, פאַר איינעם, וועלכער האָט העכער אַ פערטל יאָרהונדערט דורכגעלעבט אין דייטשלאַנד, וועלכער האָט אין זיך איינגעזאַפּט אַ טייל פון דער אַמאָליקער דייטשער קולטור, אויך פאַר מיר, באַטאָן איך, איז זייער שווער געווען צו געפינען אַ געמיינזאַמען לשון אפילו מיט באַוווּס־טע אַנטי־נאַציסטן. מיר האָבן גערעדט איינע און די זעלבע שפּראַך, באַ־רירט די גלייכע אַנגעווייטיקטע פּראָבלעמען, אפילו אָפט אייניק געווען אינעם צוגאַנג אָדער לייזונג פון די דאָזיקע פּראָבלעמען, אָבער פּאָרט האָט אונדז געשיידט אַן אומזעבאַרע וואַנט. די מחיצה איז געוואָרן נאָך גרע־סער ווי נאָר עס איז באַרירט געוואָרן די אומפאַרהיילטע ווונד פון אונ־דזער נאַציאָנאַלן בראַך. די באַציאונג צו יידן און די שולד פונעם דייטשן פאָלק און דאָס אומשולדיק פאַרגאָסענע יידיש בלוט איז דער נעוראַלגי־שער פּונקט אין דער דייטשער פּסיכיק, קוים באַרירט מען אים, ווערט דער דייטש אויפגעציטערט: עס ווערט קענטיק אָפּגעמעקט דער חילוק צווישן די פאַרטרעטער פון די פאַרשידענע אידעאָלאָגיעס. אויב דער געוועזענער נאַציסט מאַכט זיך תמעוואַטע אָדער נישט וויסנדיק וועגן די נידערטרעכ־טיקע מערדערייען, פּרוּווט דער אַנטי־נאַציסט אויף אַלע אופנים צו רע־האַביליטירן דאָס דייטשע פאָלק פון דער קאָלעקטיווער שולד. טהאָמאַס מאַן, וויכערטן און נאָך עטלעכע אַנדערע דייטשע אינטעלעקטואַלן, וועל־כע באַזיצן דעם מוט צו שלאָגן זיך על חטא פאַר דעם גאַנצן דייטשן פאָלק, באַטראַכט מען כמעט ווי אַ פאַררעטער. דער איינציקער תירוץ וואָס באַ־

גלייט ווי אַ מין רעפּרעזן יעדן שמועס בנוגע די רדיפות אויף יידן, קלינגט ווי אַ פאַראָפּגערעדטער שאַבלאָן:

— „מיר האָבן גאָרנישט געוווּסט און נישט געהערט וועגן טרעבּ־לינקע, מאַידאַנעק און אוישוויץ... מיר קענען און טאָרן נישט נעמען אויף זיך די שולד פאַר פאַרברעכער, סאַדיסטן און אידעאישע פּסיכאָפּאַטן, וועלכע האָבן צוועלף יאָר נאָכאַנאַנד געפּייניקט און געמאַטערט זייער אייגן פאָלק... וואָס שייך דער אויסראָטונג פון יידן — איז עס אוודאי אַ פלעק אויף אונדזער פאָלק, אָבער דאָס פאָלק גופא איז אין דעם נישט שולדיק" . . .

איז פרעגט זיך אַ קשיה, ווי קאָן מען, אויסהערנדיק אַזאַ תירוץ, געפינען אַ געמיינזאַמען לשון מיט דעם דייטשן מענטש? די אויסמאָרדונג פון זעקס מיליאָן קדושים האַלט ער פאַר אַ לעגענדע אָדער בייזוויליקע גרויל־פּראָפּאַגאַנדע, די שולד פאַר דעם פאַרברעכן לייקנט ער אָפּ, איז ווי אַזוי איז מעגלעך מיט אים צו רעדן וועגן יידן ?

די זעלביקע דייטשע פרוי, וועלכע האָט מיך געפרעגט, צי איך גלויב אין דער לעגענדע פון מיליאָנען פאַרגאַזטע און פאַרברענטע יידן, האָט זיך נאָך באַמיט צו באַווייזן, אַז דאָס דייטשע פאָלק האָט שוין באַצאָלט פאַר די בעסטיאַלישקייטן פון די ברוינע באַרבאַרן.

— דאָס יידישע פאָלק נעמט שוין איצט אין אונדז נקמה — האָט זי מיט אַ שטילער פאַרטראַכטקייט אַ זאָג געטון.

— פון וועלכער נקמה רעדט איר? — האָט זיך מיר אַרויסגעריסן אַ פאַרחידושטע פראַגע. אויך די אַנדערע אָנוועזנדע ביי אונדזער שמועס, זענען פאַרוווּנדערט געוועזן. פון זייערע געזיכטער האָט מען קענטיק גע־קאָנט אָראָפּלייענען די זעלביקע דערשטוינונג, וואָס מיין פּנים האָט אויס־געדריקט.

— פון וועלכער נקמה, פרעגט איר? גיט אַ קוק אויף אונדזערע קינדער, וועמענס קינדהייט, וואַקסן און רייפן — דער גאַנצער פּראָצעס פון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג — וויקלט זיך פונאַנדער צווישן חורבות. אונדזערע קינדער און יונגוואַרג האָבן דאָך נישט קיין באַגריף, פון אַ נאָרמאַלן לעבן, פון שטעט, גאַסן, הייזער. זייער לעבן דערמאַנט אַ קאַלטן און רעגנדיקן האַרבסט־טאָג אָן אַן איינציקן ליכט־שטראַל. זיי וווינען

צווישן רואינען, לערנען זיך אין פּוסטע, קאַלטע שולן און שפּילן זיך אויף בערג ציגל און קאַלך. וואָס פאַרא יוגנטלעכע איינדריקן וועלן זיי — די איצטיקע קינדער — מיטנעמען אין דעם רייפן לעבן? מיט וועלכע פאַרקריפּלטע נשמות וועלן זיי אויסוואַקסן? יעדער איינער, וועלכער האָט עפּעס געגאַשט פון פרוידס פּסיכאָאַנאַליטיק, ווייסט גוט, אַז דער יסוד פון אַ געזונטער פּסיכיק איז אויפגעבויט אויף די איינדריקן, וואָס טליען אין מענטשלעכן אונטערבאַוווּסטזיין, זייט זיין פריסטער יוגנט. אונדזערע קינדער זענען אין תוך געגומען פּסיכישע קאַליקעס... וואָס פאַר אַ דור וועט פון זיי אויסוואַקסן און וואָס וועט אַזאַ פאַרקריפּלטער דור קאָנען געבן דעם צוקינפטיקן דייטשלאַנד... איז דאָס נישט קיין גענוגנדע נקמה? . . .

מיר אַלע האָבן געשוויגן. אין ערשטן מאָמענט איז שווער געווען צו קעמפן קעגן דער וואָגיקייט פון די אַרגומענטן, וואָס די פרוי האָט אַזוי לאָגיש אַרויסגעבראַכט. געוויס קאָן מען נישט אָפּלייקענען, אַז אין דער אַרגומענטאַציע פון דער דייטשער פרוי, איז פאַראַן אַ שטיקל אמת. אָן אַנדער זאַך איז אָבער, ווער טראָגט די שולד פאַר דער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע און מלוכהשער ירידה, וואָס האָט ניט קיין גלייכן אין איר געשיכטע? דאָ שטויסט מען זיך אָן אויף פאַקטן און דערשיינונגען, וועלכע אַנטפּלעקן גאָר נישט קיין נעבעכדיקן פּרצוף פון דער אונטערוואַקסנדיקער דייטשער יוגנט. פאַרקערט, די דייטשע יונגוואַרג איז מער געפערלעך ווי נעבעכדיק. יידישע יונגעלייט, וועלכע שטודירן אין דייטשע אוניווערזיטעטן און טעכנישע שולן האָבן מיר דערציילט, אַז דער אַנטיסעמיטיזם צעפרעסט נאָך עד היום די נשמות פון דער דייטשער יוגנט. די באַמיאונגען מצד דער אָקופּאַציע-מאַכט איבערצודערציען די דייטשע יוגנט האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס הונדערט-פּראָצענטיקער דורכפאַל. דער נאַציזם לעבט לאַטענט סיי צווישן דער שטודירנדיקער און סיי צווישן דער אַרבעטנדיקער יוגנט. ער האָט בלויז געענדערט די פאָרמען און מעטאָדן, דער אינהאַלט אָבער איז געבליבן דער זעלביקער ווי ביי היטלערס צייט. דער יידןהאס איז מוראדיק. ער ווערט געהאַלטן אײַן צוים נאָר צוליב דער מורא פאַר רעפּרעסאַליעס מצד די אָקופּאַציע-באַהערדן. די „רייניקונג" צווישן די פּראָפעסאָרן און לעקטאָרן-פּערסאָנאַל אין די הויך-שולן און אוניווער-

זיטעטן איז ווייט נישט קיין גרינטלעכער. עס זענען אַרויסגעוואָרפן גע־וואָרן בלויז יענע פּראָפעסאָרן, וועמענס סקאַנדאַליעזע האַלטונג בעת דעם היטלער־רעזשים האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן. נאָך ביז היינט באַיקאָ־טירן די מערסטע סטודענטן די לעקציעס פון יידישע וויסנשאַפטלער, וועל־כע פאַרנעמען איצט די קאַטעדרעס אין די דייטשע לערן־אַנשטאַלטן. די יידישע שטודירנדיקע יוגנט האָט נישט, מיט איינצלנע אויסנאַמען, קיין מגע־ומשא מיט אירע אַרישע קאָלעגן. פּאַקטיש לעבט די אַקאַדעמישע יוגנט אין אַ מין פּריוויליקן געטאָ און מישט זיך נישט אין די אַלגעמיינע אוניווערזיטעט־אינטערעסן. פאַרוואָס שטודירט בכלל די יידישע יוגנט אין די דייטשע הויך־שולן איז אַ ריין פּראַקטישער ענין. דער רוב מנין און רוב בנין פון דער שטודירנדיקער יוגנט — זענען געוועזענע קאַצעטני־קעס. אַרויסרייסן זיך פונעם פאַרשאָלטענעם לאַנד קען מען זיך דערווייל נישט. אויסלערנען זיך אַ פאַך איז טאַקע אַ גוטע זאַך, אָבער גייסטיק איז זי נישט בכוח יעטוועדן איינעם צו באַפרידיקן. מען טרוימט פון העכערע געזעלשאַפטלעכע מדרגות, וועלכע עס איז לייכט צו דערגרייכן, באַזיצנדיק אַן אוניווערזיטעט־דיפּלאָם. אַ חוץ דייטשע הויך־שולן זענען קיין אַנדערע נישט פאַראַן. בלייבט נישט קיין אַנדער אויסוועג ווי צו שטודירן אין די דייטשע הויכשולן און אויסנוצן די דייטשע וויסנשאַפט אויף אַזוי ווייט, ווי עס לאָזט זיך. אגב, דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט, דאָס מיינט באַהעפטן זיך מיט דייטשע קענטענישן און דייטשער דערפאַרונג, פאַרטרעטן אַ סך יידישע קערפּערשאַפטן אין די אָקופּירטע געביטן. פאַרוועגדן דעם דייטשן געלערנטן, אינזשיניער אָדער אינסטרוקטאָר אַלס לעבעדיקן אינסטרו־מענט צו נוצן פאַר יידן, ווערט באַטראַכט ווי אַ מין פּראַקטישע קאָמפּענ־סאַציע און ווערט ברייט אויסגענוצט.

דער גרעסטער טייל יידן, סיי מזרח־יידן און סיי דייטשע יידן, וועל־כע האָבן זיך געראַטעוועט, באַטראַכטן זייער לאַגע אין לאַנד בלויז אַלס אַן עטאַפּ אויפן וועג צו אַן ענדגילטיקער גאולה. די מערסטע טרוימען פון מדינת ישראל. עס זענען אָבער פאַראַן אויך אַזעלכע, וועלכע זענען גרייט ליבערשט היינט אָדער מאָרגן איבערפּעקלען זיך אין וועלכן עס איז לאַנד, אַבי נאָר נישט צו זען מער די טריפהנע צורות, נישט הערן זייער שפּראַך און נישט לײדן פון זייער חוצפּה.

האָט די חרפהדיקע מפּלה די דייטשן עפּעס אויסגעלערנט? זענען זיי מענטשלעכער געוואָרן און באַגריפן זיי אַצינד די סיבה פון זייער חורבן? און ווי זעט אויס מיט דער דייטשער גאווה, ראַסן־אויסדערוויילט־קייט און גייסטיקער סופּעריאָריטעט? צוויי חדשים נאָכאַנאַנד האָב איך זיך געסטאַרעט צו געפינען אַן ענטפער אויף די דאָזיקע פראַגן, אָבער אומזיסט. איין מוסר השכל האָבן די דייטשן אַראָפּגענומען פון דער טראַגישער לעקציע, וואָס די געשיכטע האָט זיי געגעבן: זיי האָבן זיך אויסגעלערנט צו שווייגן. זיי האָבן אויסגעבאָרגט ביי די פראַנצויזן די באַקאַנטע לאָזונג, וואָס דער פראַנצויזישער שטאַטסמאַן גאַמבעטאַ האָט נאָך דעם פאַרלאָרענעם קריג פון 1870 געעצהט זיין פאָלק. די לאָזונג האָט געלויטעט: „תמיד וועגן דעם טראַכטן, אָבער ווייניק רעדן" — דאָס האָט געמיינט — כסדר טראַכטן וועגן אַ רעוואַנזש לגבי די דייטשן, די זיגער, אין דעם פּרייסיש־פראַנצויזישן קריג, אָבער ווייניק וועגן אים רעדן.

די דאָזיקע טאַקטיק פּראַקטיצירן די דייטשן, אויסערלעך זענען זיי לאַקריץ־זיס, סערוויל און קריכן אויף דעם בויך פאַר די אָקופּאַציע־באַהערדן. זייערע געדאַנקען, אַמביציעס און האָפענונגען, בעיקר דאָס לעצטע, נאָך אַ רעוואַנזש, האַלטן זיי ווייט פאַרבאַהאַלטן אין די טיפענישן פון די נשמות. דער אויפבלי פון פאַרשידענע געהיימע אָרגאַניזאַציעס צווישן דער יוגנט, דאָס דרענגען זיך פון געוועזענע סאָלדאַטן און אָפיצירן אַלס פרייוויליקע אין די ענגלישע, אַמעריקאַנישע אָדער סאָוויעטישע מיליטערישע און פּאָליצייאישע אָרגאַניזאַציעס אילוסטרירן די אמתע דייטשע געפילן. זיי שפּירן, אַז די צייט אַרבעט צו זייער גונסטן און אַז עס איז נישט ווייט דער מאָמענט, ווען דער יאָך פון אַ פרעמדער אָקופּאַציע וועט אַליין פון זייערע פּלייצעס אַראָפּפאַלן און אפשר אויך נאָך העלפן צו רעאַליזירן דעם טרוים פון נקמה, וואָס ברענט ווי אַן אייביקער פייער אין זייערע הערצער.

ג ל ו ת ד ײ ט ש ל אַ נ ד

ק אַ פּ י ט ל צ ע ן

אין די אַלפּן־בערג

די אויפנאַם־פעאיקייטן פון דער מענטשלעכער פּסיכיק זענען באַ־גרענעצט. די לאַבאָראַטאָריע פון דער נשמה קאָן נישט כסדר איינזאַפּן און פאַרדייען איינדריקן און געשעענישן. זי מוז זיך אויסרוען, אַנישט דראָעט דעם זכרון, דעם אויפנאַם־אַפּאַראַט פון דער פּסיכיק, איבערמידקייט. דאָס דאָזיקע קאָן יעדער איינער אויף זיך גופא אויספּרובירן ביים באַזוך פון אַ מוזיי אָדער פון אַ בילדער־גאַלעריע. אַ שעה, צוויי וואַנדערונג דורך אַ מוזיי מאַכט אַזוי מיד, אַז עס פאַרלירט זיך יעדע ווייטערע אויפנאַם־פעאיקייט: מען באַמערקט שוין קוים די בילדער אָדער סקולפּטורן, די פאַרבן פאַרלירן זייער קאָליר און דער מאַרמאָר אָדער בראָנדז זייער קינסט־לערישע פּלאַסטישקייט.

בלויז די מוטער־נאַטור מאַכט דעם מענטש נישט מיד און איר שוים איז דער בעסטער אָפּרו־פּלאַץ... עטלעכע וואָכן פון כסדרדיקן בלאָנדזשען צווישן רואינען פון באַזוכטע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, בעיקר אַזעלכע, ווי פייניקונגס־מקומות פון דאַכאַו אָדער בערגען־בעלזען, אָדער שמועסן מיט מענטשן, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט שבעה מדורי גיהנום האָבן מיך אַזוי שטאַרק אָנגעשראָקן, ווי איך וואָלט אַליין דורכגעמאַכט דעם היטלעריס־טישן יאָמערטאָל. נישט נאָר פּסיכיש, נאָר אפילו פיזיש האָבן מיר געפעלט כוחות צו ווייטערע וואַנדערונגען. מיין נאָטיץ־בוך איז געלעגן פאַריתומט, וואַרטנדיק שטום און געדולדיק אויף דעם אַז איך זאָל אין אים פאַר־שרייבן די לעצטע איינדרוקן און באַגעגענישן. אָבער גיי שרייב, אַז די פּסיכיק איז מיד און אינעם זכרון איז זיך שווער פונאַנדערצוקלייבן. עס ווילט זיך גאָרנישט זען, מיט קיינעם נישט רעדן און נישט אָנרירן די פּען. אפילו אַ בוך אין האַנט ווילט זיך נישט נעמען... דער איינציקער ווונטש איז ליגן, שוויגן און באַוווּנדערן דעם בלויען הימל, אָדער נאָכפאָלגן מיט די אויגן די ווייסע, קליינע וואָלקנדלעך, וואָס שווימען אַזוי אומבאַזאָרגט און לייכט אין דער בלויער אומענדלעכקייט.

— אויב איר ווילט אייך אויסרוען, מאַכט אַ שפּאַציר קיין בערכ־טעסגאַדען. דאָס איז דאָס שענסטע אָרט אין בייערן. נישט אומזיסט האָט עס היטלער אויסגעקליבן פאַר אַ זומער־רעזידענץ . . .

די עצה פון מיין באַלעבאָס, מיסטער טשאַלסי, דער דירעקטאָר פון דער „אירא" (אינטערנאַציאָנאַלע פּליכטלינגס־אָרגאַניזאַציע), געפין איך פאַר זייער פּאַסיק.

פאַרוואָס טאַקע נישט אַריבערכאַפּן זיך אויף עטלעכע טעג קיין בערכטעסגאַדען? ווי טאָר מען דאָס פאַרלאָזן דייטשלאַנד און נישט אַריינ־בליקן אין דעם באַרימט־געוואָרענעם אָרט מיט זיין היסטאָרישן „אָדלער־נעסט" — וווּ דער גרעסטער צורר היהודים האָט זיך ווי אַ בייזער גייסט אַרומגעטראָגן מיט זיינע פינצטערע מחשבות.

אויסגעפינען אין מינכען בעלנים פאַר אַזאַ מין נסיעה איז אויך נישט שווער און בעיקר, ווען מען באַזיצט אַ גוטן אויטאָמאָביל, וואָס איז אָקאָרשט געבראַכט געוואָרן פון די פאַראייניקטע שטאַטן און וואָס וואַרט נאָר צו באַווייזן זיינע פעאיקייטן. דאָס מאָל פאָר איך אין באַגלייטונג פון צוויי דאַמען: מוטער און טאָכטער. די אויפגאַבע פון אַ שאָפער פירט אויס מיין פריינט, אינזשיניער לעאָן שאַכנאָווסקי — דער מאַן און שטיפפאָטער פון אונדזערע באַגלייטערינס:

פרוי זשעניאַ שאַכנאָווסקי און איר זעכצניאָריקע טאָכטער סאָניאַ — זענען ווי דורך אַ נס ניצול געוואָרן פונעם טרויעריק־באַרימטן טויטן־לאַגער שטוטהאָף, נעבן דאַנציג. זייערע דערציילונגען וואָלטן קענען אָנ־פילן אַ גאַנץ בוך, וואָס וואָלט זיך געלייענט מיט פאַרכאַפּטן אָטעם. קוקנ־דיק אויף דער יונגער מוטער און איר יונגטלעכער טאָכטער, צוהערנדיק זיך צו זייערע שילדערונגען פון מענטשלעכער גרויזאַמקייט און איבער־געלעבטן נשמה־פּיין, אָדער איינזאַפּנדיק אין זיך פאַניטשקעס ווייטיקלעכע געטאָ־לידער, ציינדט זיך אָן אין הארצן אַזאַ פלאַם פון שנאה צו די ברוּ־טאַלע מערדער, אַז עס ווילט זיך אָנשפּייען אין יעדער דייטשער צורה, אויף וועלכער מען שטויסט זיך אָן אויפן וועג.

— פאַרוואָס קומט זיי, די רוצחים, אַזאַ פּרעכטיקע נאַטור, אַזאַ געטלעכע שיינקייט, וואָס ליגט צעגאָסן איבער דעם גאַנצן אַרום? פאַר

וועלכע מעשים טובים באזיצן די טעאוטאָנען מאַלערישע פּלעצער אויף גאָטס ערד? . . .

נישט ווילנדיק טויכן אויף די דאָזיקע פראַגן, בעת דער אויטאָמאָ־ביל טראָגט זיך איבער דער באַצויבערנדיקער אַלפּן־שטראַסע, וואָס שלענגלט זיך צווישן בערג, וועלדער, אָפּגרינטן און טאָלן — אַ וווּנדער־לעכע אויטאָסטראַדע, אַן אמתער שעדעווער פון אינזשיניערן־קונסט.

— ווייסט איר, ווי מיר איז געלונגען פּאַניטשקען צו ראַטעווען? — דערציילט מיר שטיל פרוי זשעניאַ שאַכנאָווסקי, כדי דאָס קינד, וואָס זיצט נעבן דעם שטיפפאָטער, וואָס טרייבט דעם אויטאָ, זאָל נישט הערן... אין אַ געוויסן טאָג, האָבן די רוצחים באַשטימט אַ קינדער־אַקציע, דאָס מיינט די אויסראָטונג פון אַלע יידישע קינדער אין לאַגער. פּאַניטשקע איז דע־מאָלט אַלט געווען קנאַפּע צוועלף יאָר. פאַר מיר איז קלאָר געוואָרן, אַז איר גורל איז געחתמעט... אָבער וועלכע מאַמע פּרוּווט נישט אַרויסראַטע־ווען איר קינד פון די נעגל פונעם מלאך המות? איך האָב צוגערופן צו זיך מיין טאָכטער און צווישן אונדז האָט זיך פאַרבונדן אַזאַ מין דיאַלאָג:

— פּאַניטשקע, האָב איך זי אַ פרעג געגעבן, ווילסט לעבן?

— אוי מאַמעלע, מיר ווילט זיך אַזוי שטאַרק לעבן... איך האָב זייער מורא פאַרן טויט! . . .

— אויב מיין קינד, דו ווילסט בלייבן ביים לעבן, איז פאַראַן בלויז איין אויסוועג... פאַרגעדענק דאָס גוט. דו קענסט דאָך דעם מאַרג, וווּהין מען לייגט די פאַרגאַזטע יידן? אויב דו ביסט גרייט אויף אַ גאַנצן מעת־לעת זיך אויסצובאַהאַלטן צווישן די מתים, וועסטו זיך אפשר ראַטעווען. איך האָב אונטערגעקויפט די היטערקע פונעם מאַרג און זי האָט מיר צו־געזאָגט דיך אויסצובאַהאַלטן, ביז וואַנען די קינדער־אַקציע וועט זיך ענדיקן... איך ווידערהאָל, מיין טייער קינד, בלויז אויף דעם דאָזיקן אופן קאָנסטו דיך ראַטעוען . . .

24 שעה איז פּאַניטשקע אָפּגעלעגן צווישן פאַרגאַזטע אָדער פאַרפּיי־ניקטע ברידער און שוועסטער. ווי דאָס אויסבאַהאַלטן אינעם מאַרג האָט זיך אויסגעווירקט אויף דער פּסיכיק פון דעם קינד, וואָס האָט זי געמוזט דורכלעבן אין משך פון דעם מוראַדיקן מעת־לעת, איז זיך נישט שווער אויסצומאָלן. נאָך איצט, דריי יאָר שפּעטער, פּלאָמט אויף אין פּאַניטש־

קעס אויגן אַ מערקווירדיק פֿלעמל, וואָס זאָגט עדות פֿון אַ שווערן ווונד אין איר אונטערבאַוווּסטזיין.

פּאַניטשקע הערט זיך נישט צו צו איר מאַמעס דערציילונגען. די וואַרעמע פֿרילינג־זון, די שניי־באַדעקטע בערג, די גרינע און בליענדיקע קוסטן רופֿן אַרויס איר יונגטלעכע באַגייסטערונג. קוים שטילט זיך איין איר באַגייסטערונג וועגן דער אַרומיקער נאַטור, זינגט זי שטיל פֿאַר זיך אַ לידל. זינגען דאַרף מען פּאַניטשקען נישט בעטן. איר יונגטלעכע נשמה זינגט פֿון זיך אַליין:

„ביים געטאָ־טויערל ברענט אַ פֿייערל
אין דרויסן איז קאַלט . . .

— האָט איר שוין געהערט דאָס לידל? — פֿרעגט פּאַניטשקע. מען זינגט עס אויפֿן מאָטיוו פֿון דעם באַוווּסטן פֿאָלקס־ליד: „אויפֿן פּריפּעטשיק ברענט אַ פֿייערל...”

מיר שטעלן זיך אָפּ אויף עטלעכע מינוטן, בכדי צו באַוווּנדערן די פּאַנאָראַמע פֿון די אַלפּן־בערג, וואָס צייכענען זיך בולט אויס אויפֿן ווייטן האָריזאָנט.

ווי אַ קלאָג־ליד, ווי אַ פֿראַגמענט פֿון אַ מאָדערנעם איכה, טראָגן זיך די קלאַנגען פֿונעם געטאָ־ליד און פֿאַרלירן זיך אינעם גרינעם אַרום.

פּאַניטשקעס און איר מוטערס אויגן פֿילן זיך אָן מיט אַזאַ אומעט, גיסן זיך אָן מיט אַזוי פֿיל טרויער, ווי ווען זיי וואָלטן פֿאַר זיך געזען די טראַגישע געטאָ־ווענט און די טויזנטער אומבאַקאַנטע יידישע קעפּ, וואָס פֿרירן און שטייען געבויגן פֿאַר די נאַצישע פּייניקער.

— לאָז אָפּ, פּאַניטשקע, מיט די געטאָ־לידער! זינג עפּעס פֿריילעכערס! זע, וואָס פֿאַר אַ נאַטור־פּראַכט עס טוט זיך דאָ!

פּאַניטשקע וואַרפֿט צו דעם שטיף־פֿאָטער אַ גוטמוטיקן שמייכל און צעלאַכט זיך:

— יאָ, יאָ, דו ביסט גערעכט! צוליב וואָס דערמאָנען די ביטערע יאָרן? . . .

מיר דערנענטערן זיך צו אַן אָרט, וואָס רופֿט זיך „רייט־אין ווינקעל”, אַ טשיקאַווער נאָמען פֿאַר אַ דאָרף, וואָס ליגט פֿאַרבאַהאַלטן אין די אַלפּן־בערג.

מיר איז אויסגעקומען אין לעבן צו זען אַ שטיקל וועלט, צו באַוואונדערן נאַטור־שיינקייטן און באַגייסטערן זיך פון זייער אייגנאַרטיקייט, אָבער אַזאַ צויבער־אידיליע, ווי דאָס באַרגדאָרף „רייט־אין ווינקעל" שטעלט מיט זיך פאָר, האָב איך נאָך, דאַכט זיך מיר אויף מיינע וועלט־וואַנדערונגען נישט אָנגעטראָפן. ווי פאַרכישופטע ליגן די הייזער, דאָרף־אַכסניאָס און קרעטשמעס צווישן די הויכע, שפּיציקע און מיט שניי־באַזילבערטע בערג. אַלטע בוימער מיט הונדערט־יאָריקע קרוינען פאַרהילן מיט זייער שאָטן דאָס פרידלעכע דאָרף. בלויז דער רויש פון די אַראָפּפאַלנדיקע וואַסער־פאַלן הערט זיך אין דער לופטן און ברענגט אַ גרוס פון די ווייטע בערג.

אַ יונגער דייטש מיט אַ קינסטלעכער האַנט און מיט אַ פּראָטעזע אויף אַ פאַרלאָרענעם פוס, קענטיק אַ קריגס־וועטעראַן, שטעלט זיך אָפּ נעבן אונדזער אויטאָ און פאַרפירט מיט אונדז אַ שמועס.

— איר פאָרט קיין בערכטעסגאַדען? מיט אייער אַמעריקאַנער אויטאָ זענט איר אין צוויי שעה דאָרט... אויב איר ווילט עפּעס אומפאַרגעסלעכעס דורכלעבן, עצה איך אייך, דאָ אין דאָרף איבערנעכטיקן. אַזאַ זון־אויפגאַנג און אונטערגאַנג, ווי מען זעט אין רייט־אין ווינקל, טרעפט מען נישט אין דער גאַנצער וועלט. אַזוי באַהויפּטן נאַטור־קענער, וועלכע האָבן אַ סך געררייזט . . .

באַלד דערוויסן מיר זיך, אַז דער אינוואַליד, איז אַ פאָלקס־שול־לערער, וועלכער האָט שוין ביים אָנפאַנג פון קריג באַצאָלט פאַר זיין ליבע צום פאָטערלאַנד מיט אַ פאַרלוירענער האַנט און פוס. אַז ער איז, חלילה, נישט קיין נאַצי — איז דאָך זעלבסטפאַרשטענדלעך. וועלכער דייטש וועט זיך איצט מודה זיין אין סימפּאַטיע צום היטלעריזם? אוודאי שעלטן זיי אַלע היטלערן און זיין חברותא, אָבער בלויז פאַרן פאַרלאָרענעם קריג און פאַרן צוזאַמענברוך פונעם טויזנטיאָריקן רייך... ווי עס זעט אויס אין זייערע הערצער — דאָס ווייסן די דייטשן בלויז גופא.

דער אָנבאָט פונעם שול־לערער איז זייער פאַרלאָקנדיק. מיר וואָלטן זיכער טאַקע וועלן איבערנעכטיקן אינעם ראָמאַנטישן דערפל, כאַפּן אַ קוק אויף דער נאַטור־דערשיינונג פון אַ זון־אונטערגאַנג, דערהויפּט אָבער פאַרפירן אַ טיפערן שמועס מיט אָט־דעם לערער, אָבער מיינע באַגלייטער

איילן זיך, זיי ווילן וואָס גיכער קומען קיין בערכטעסגאַדען און עפּעס געניסן פון זיין באַרימטער אומגעגנט.

אַ צוויי שעה נאָכאַנאַנד שניידט דורך אונדזער אויטאָ אַזאַ שפע פון נאַטור־פּראַכט, אַז דאָס אויג קאָן זיך ממש נישט אָנזעטיקן. איין שטיק לאַנד איז באַצויבערנדיקער און שענער פון דעם צווייטן. אָט רוקט זיך אָן אַ גרין באַוואַלדעטער באַרג און איידער איר האָט באַוויזן אויסצודריקן אייער אַנטציקונג, איז ער שוין, ווי אין אַ כישוף פאַרשוואונדן. אָט עפנט זיך פאַר אייערע אויגן אַ טאָל באַדעקט מיט אַזאַ וווּנדערבאַרן קאָליר־רייכן טעפּיך פון פעלד־בלומען, ווי ווען ער וואָלט געווען אויסגעוועבט פון געניטע קינסטלער־הענט. לאַכנדיקע, זילבערנע וואַסערפאַלן קייקלען זיך שטיפעריש פון די בערג און מורמלען עפּעס פון אייביקער שיינקייט.

באמת, דער המן הגדול האָט געפילט די שיינקייט פון דער נאַטור און אין זיין פינצטערער נשמה האָבן געלעבט עמאָציעס פון אַ נאַטור־ליבהאָבער. משמעות איז די טיפקייט פון דער מענטשלעכער נשמה אומ־דערגרייכלעך און אין איר קאָנען זיך צוזאַמענלעבן גאָט און דער טייוול.

די זון קלויבט זיך שוין צום אונטערגאַנג, ווען מיר דערגרייכן דעם וועלט־באַרימטן קור־אָרט רייכענהאַל. פון דאַנען קיין בערכטעסגאַדען איז בלויז אַ האַלבע שעה פאָרן מיטן אויטאָ. מיר באַשטימען איבערצונעכ־טיקן אין רייכענהאַל, הויפּטזעכלעך דערפאַר, ווייל מיינע באַגלייטער אַלס „די־פּי", דאָס מיינט היימלאָזע פּליטים, טאָרן נישט איינשטיין אין האָ־טעלן, וואָס זענען רעקווירירט פון דער אָקופּאַציע־מאַכט. בערכטעסגאַדען — די געוועזענע שטאַב־קוואַרטיר פון היטלערס ברוינע טייוואָנים — איז איצט כמעט אין גאַנצן אָקופּירט פון די אַמעריקאַנער. די האָטעלן, וווּ ס'האָבן פריער געהוליעט די ברוינע און שוואַרצע מושלים, זענען באַ־זעצט פון אַמעריקאַנער אָפיצירן און סאָלדאַטן, צווישן וועלכע עס זענען פאַראַן נישט ווייניק אחינו בני ישראל.

אַ שטילער בין־השמשות רוקט זיך פּאַמעלעכוויז אַרויף אויף רייכענהאַל, בשעת אונדזער אויטאָ שטעלט זיך אָפּ נעבן אַ דייטשן האָטעל. ליידיקע צימערן זענען פאַראַן וויפל ס'גלוסט זיך.

רייכענהאַל ליגט אין אַ טאָל, אַרומגערינגלט פון הויכע בערג. ווי אין אַלע בערג איז דער קלימאַט דאָ פּרעכטיק, אָבער וואָס שייך מעטעאָראָלאָ־

גיע איז ער זייער אומרעגלמעסיק. רעגן און זונען־שיין בייטן זיך דאָ שנעל און אָפט. קוים איז די זון פאַרגאַנגען, ווי דער הימל, וואָס האָט נאָך אָקאָרשט אונדז באַצויבערט מיט זיין בלויקייט און ריינקייט, האָט זיך פּלוצים באַדעקט מיט שוואַרצע וואָלקנס און אַ מבול האָט זיך אַ גאָס געטון איבער די גערטנער, הייזער און גאַסן פונעם קוראָרט. אַזאַ מין קבלת פּנים האָט מען בפירוש נישט געקענט דערוואַרטן. נאַ דיר, גאָר אַ רעגן! . . .

— וואָלט נישט קליגער געווען צו פאָלגן די עצה פונעם פאַרקריפּלטן שול־לערער און איבערנעכטיקן אין רייט־אין ווינקל? — רייסט זיך אַרויס ביי מיר אַ פראַגע.

— זאָרגט אייך נישט! — ענטפערט מיט אַ שמייכל אינזשיניער שאַכנאָווסקי. מיר וועלן עפּעס איבערבייסן און דווקא נאָך היינט מאַכן אַ שפּאַציר קיין בערכטעסגאַדען. היטלערס „אָדלער נעסט״ וועלן מיר קענען באַזוכן ערשט מאָרגן. דער וועג אַהין איז אַזוי פאַנטאַסטיש שיין, אַז עס וואָלט געווען אַן עבירה אים ביים טאָג־ליכט נישט צו באַוווּנדערן. דאָס שטעטל בערכטעסגאַדען אָבער איז אויך אינטערעסאַנט אין דער נאַכט צו זען. צו היטלערס צייטן האָט אַ פיס פון אַ ייד נישט געטאָרט באַטרעטן נישט נאָר בערכטעסגאַדען — דעם ראַסיסישן „מקום קדוש!״, נאָר אפילו נישט רייכענהאַל. איצט איז רייכענהאַל איינער פון די בעסטע פּליטים־לאַגערן און בערכטעסגאַדען איז פול מיט יידן, פּליטים און נישט פּליטים.

אונדזער שפּאַציר קיין בערכטעסגאַדען איז געווען אַ פולשטענדי־קער דורכפאַל. דער רעגן האָט נישט געוואָלט אויף איין מינוט איינשטילן זיין סטיכישן כוח. עס האָט געגאָסן, ווי פון עמערס און ווי אַלע הימלען וואָלטן זיך געעפנט. דורך די אויטאָ־שויבן האָבן מיר געקאָנט בלויז זען ליידיקע גאַסן, באַלייכטע פענצטער פון האָטעלן, ווילעס, הייזער, אָדער איינצלנע פוסגייער פאַרהילטע אין רעגנמאַנטלען, וואָס האָבן לויפנדיק געפרווּט זיך צו ראַטעווען פון הימלישן מבול.

— איר זעט, דאָס איז אַ בית־המדרש! ער איז באַלויכטן. יידן דאַ־וונען. ערשט נישט לאַנג איז די דאָזיקע שול איינגעאָרדנט געוואָרן. שוין וועגן דעם אַליין האָט זיך געלוינט מאַכן אַ שפּאַציר קיין בערכטעסגאַדען. יידן זענען מתפּלל גראָד אין היטלערס רעזידענץ. איז דאָס נישט קיין נס?

* * *

דעם גאַנצן וועג פון בערכטעסגאַדען ביז צום „אדלער נעסט”, אַ וועג וואָס שלענגלט זיך צווישן מאַיעסטעטישע בערג און פון אַזאַ הערלעכער נאַטור־פּראַכט, וואָס מען געפינט קוים אַ גלייכן אין גאַנץ בייערן, האָבן זיך מיינע אויגן נישט געקאָנט אָנזעטיקן מיטן וווּנדערבאַרן אַרום.

אונדזער שאָפער, אינזשיניער לעאָן שאַכנאָווסקי, פאָרט בכיוון לאַנג־זאַם, כּדי אונדז צו געבן די מעגלעכקייט זיך טיפער צו באַהעפטן מיט גאָטס געבענטשטער נאַטור. דערגרייכן דעם „אדלער־נעסט” איז נישט אַזוי פּשוט: דער וועג — אַן אידעאַלע אויטאָסטראַדע — זעט אויס ווי אַ ריזיקע ספּיראַל, וואָס שלענגלט זיך קאַפּריזנע און קלייבט זיך אַלץ העכער צו די שפּיצן פון די בערג. אפילו דער שפּאָגל־נייער אַמעריקאַנער אויטאָ מוז זיך זייער אָנשטרענגען. זיין מאָטאָר סאָפּעט און אָטעמט שווער, ווי איינער וועמען עס פעלט לופט, כּדי צו באַוועלטיקן די שטייגנדיקע הויכקייט. אַמעריקאַנער פּאָליציסטן קאָנטראָלירן יעדעס פורווערק און קוקן אַריין אין די דאָקומענטן פון די רייזנדע. דאָ און דאָרט הענגען אויף די שטאַ־מען פון די ביימער שילדן מיט אויפשריפטן: „דער צוטריט איז פאַר ציוו־ווילע פאַרבאָטן”. דאָס מיינט, אַז די דייטשן טאָרן אַצינד אין די דאָזיקע מקומות קיין פוס נישט שטעלן.

וואָס העכער מיר פאַרקלייבן זיך אין די בערג, אַלץ גרעסער וואַקסט די שפּאַנונג און די נייגעריקייט. איז נאָך וויוט ביז דעם „אָדלער נעסט?” מוזן מיר נאָך לאַנג פאָרן? עס גלוסט זיך וואָס גיכער וואַרפן אַ בליק אויף יענעם אָרט וואָס האָט אין משך פון העכער צוועלף יאָר געוווירקט ווי אַ מין כּישוף־וואָרט אויף דער גאַנצער מענטשהייט. שפּאַס צו זאָגן: היטלערס „אָדלער־נעסט”! וויפל קללות האָבן זיך געטראָגן אַהין, צו יענעם פאַר־פלוכטן אָרט, ווו ס'האָט געלעבט היטלער, פון אַלע עקן וועלט, ווו יידן האָבן עקזיסטירט?! וויפל גזירות און פאַרברעכערישע מאָרד־מיטלען זע־נען דאָרט אויסגעטראַכט געוואָרן קעגן יידן?

אונדזער אויטאָ פאַרלאַנגזאַמט אַלץ מער די שנעלקייט ביז ער דער־גרייכט לסוף דעם לעצטן שווערן באַרג־אָפּשניט.

פּלוצים עפנט זיך פאַר אונדזערע פאַרווונדערטע אויגן אַ פּלאַטאָ, וואָס האָט זיך ברייט אויסגעלייגט צווישן די אַרומיקע בערג. אונדזער אויטאָ בלייבט שטיין פאַר אַ שילד מיט אַן ענגלישער אויפשריפט : —

„איגל נעסט. היטלערס האוז". (אָדלער־נעסט". היטלערס הויז). ווי פאַר־צויבערטע קוקן מיר אויפן גיגאַנטישן לאַבירינט פון רואינען און חורבות, צעשאָסענע, צעבראָכענע, צעקאַליעטשעטע. קיין איין איינציקע גאַנצע טיר, פענצטער אָדער דאַך איז געבליבן פון דעם קאָמפּלעקס בנינים, וואָס האָט נאָך נישט לאַנג מיט זיך פאָרגעשטעלט דאָס היסטאָריש באַרימטע „אָד־לער־נעסט". ס'איז ממש נישט צו גלויבן, אַז עס זענען געשטאַנען און זיך געגרויסט פּראַכטפולע פּאַלאַצן, אויסגעבויט פון גראַניט, מאַרמאָר און קרישטאָל, אמתע שעדעוורען פון אַרכיטעקטאַנישער קונסט.

די ענגלישע און אַמעריקאַנישע אַוויאַציע האָט דאָ געאַרבעט מיט במעט מאַיסטעטעטישער פּרעציזקייט. „היטלערס אָדלער־נעסט" מוז אָפּגע־ווישט ווערן פון דער ערד. אזוי האָט געהייסן דער מיליטערישער באַפעל, און די פּילאָטן האָבן אים אויסגעפירט מיט אמתער מיליטערישער גע־נויקייט. אין בערכטעסגאַדען האָב איך געהערט, אַז אינעם טאָג, בעת די ענגלענדער און אַמעריקאַנער האָבן באָמבאַרדירט דעם „אָדלער־נעסט", איז דער הימל שוואַרץ געווען פון באָמבאַרדיר־אַוויאָנען, וועלכע האָבן פאַרשטעלט אויף עטלעכע שעה די זון־שיין. היטלער גופא צוזאַמען מיט זיין פריינדין עווא בראון האָבן זיך שוין דעמאָלט אויסבאַהאַלטן אין קע־לער פון זיין בערלינער רייכסקאַנצלערס־פּאַלאַץ. הערמאַן גערינג, וועלכער האָט פאַרראַטן היטלערן, און זיך געגרייט צו פאַרבאַריקאַדירן אין די אַלפּן־בערג, אַרום בערכטעסגאַדען, האָט זיך ווי דורך אַ וווּנדער געראַ־טעוועט פון דער פאַרניכטנדיקער באָמבאַרדירונג.

אַט שפּאַצירן מיר, פיר יידישע מענטשן, צווישן די חורבות, קוקן אַריין אין פּוסטע זאַלן אָדער אויסגעבראָכענע צימערן, טאַפּן מיט די הענט די צעבראָכענע ווענט, טרעטן דורך געוועזענע גאַלעריען און קאָרידאָרן, וווּ נישט לאַנג צוריק האָבן נאָך אָפּגעהילכט די באַפעלן פונעם גרויזאַמען טיראַן און יעדער פון אונדז טראַכט זיך זיינע אייגענע געדאַנקען. קיינער פון אונדז רעדט נישט אויס קיין וואָרט. דער איינדרוק פון דעם חרובן לאַבירינט איז אזוי געוואַלטיק, אַז מען געפינט נישט די נויטיקע ווערטער, כדי אויסצודריקן די געפילן. און באמת, וואָס קען מען זאָגן זעענדיק, ווי נישטיק עס איז נאַרישע מענטשלעכע גאווה, דער אויפשטייג צום העכסטן מלוכהשן שטאַפּל, דיקטאַטאָרישע מאַכט, — בעיקר אָבער דער

גלויבן, אַז מען קאָן זיך ערגעץ־ווו אין די בערג אויסבאַהאַלטן פונעם ביטערן גורל ?

בלויז איין הויז — היטלערס טיי־שטוב — האָבן די אַליאירטע גע־לאָזן גאַנץ און אומבאַרירט. אַ ספּעציעלער עלעוואַטאָר, איינגעבויט אין אַ גראַניטן־שאַכט צווישן די בערג, פירט צו דעם דאָזיקן עלעגאַנט און געשמאַקפול קאָנסטרואירטן הויז. דאָס הויז איז ניט גרויס, פאַרמאָגט עטלעכע צימערן מיט אַ פּרעכטיקער וועראַנדע, פון וואַנען עס עפנט זיך אַן אומפאַרגעסלעכע פּאַנאָראַמע אויף די אַרומיקע בערג.

אַהער פלעגט דער „פירער" קומען טיי טרינקען נאָר מיט געציילטע און אינטימע געסט. דאָ האָט ער אויך ליב געהאַט שעהען לאַנג אַליין צו זיצן און טראַכטן זיינע פינצטערע מחשבות. דריי פרויען האָבן די זכיה געהאַט אים — היטלערן — אַמאָל אַהין צו באַגלייטן: די פרוי עוואַ בראַאון, פרוי גערינג און די פרוי געבעלס. איצט שטייט היטלערס טיי־שטוב הויך אין די בערג פאַרשלאָסן און פאַריתומט. ניט נאָר פאַר דייטשן, נאָר אפילו אויך פאַר אויסלענדער איז דער צוטריט מעגלעך מיט ספּע־ציעלער דערלויבעניש.

פאַרוואָס האָבן די אַליאירטע פאַרשוינט דאָס דאָזיקע הויז — איז איינע פון די פילע רעטענישן, וואָס בלייבן נאָך ביז היינטיקן טאָג נישט געלייזט.

אַפּשרעקנדיק און ווי אַ ווייסטער חלום זעט אויס דאָס „אָדלער־נעסט", — דער מקור פון היטלערס גאוהדיקע און וועלט־דעראָבערישע אַמביציעס. אין די פינצטערע ווינטער־נעכט, ווען אין די בערג בושעווען ווילדע שניי־שטורמען און וואָיען אייזיקע ווינטן, שטייט דאָס פאַרגעסענע טיי־שטיבל עלנט און פאַריתומט.

גלות דייטשלאַנד

קאַפּיטל עלף

נקמה־נעמער

וועגן דער שארית־הפליטה, וועגן דעם ווי די קרבנות פון היטלעריזם מאַטערן זיך אין די פליטים־לאַגערן און אויף די אומצאָליקע און דורך גאַנץ אייראָפּע צעוואָרפענע עטאַפּן, זענען שוין אָנגעשריבן געוואָרן אַ באַרג פון ביכער. ריכטיקער געזאָגט, ס'איז אַנטשטאַנען אַ מין ליטעראַטור, אַ פליטים־ליטעראַטור, וואָס שפּיגלט אָפּ אַ שטיק צוויטוויזנט־יאָריקע טראַגעדיע פון אַן אַלט פאָלק, בלויז איין אַספּעקט פון דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע. יידישע שרייבער, דיכטער, און פובליציסטן האָבן באַזוכט די שארית הפליטה, זיך צוגעקוקט צו איר טרויעריק לעבן, געפירט שמועסן מיט געוועזענע קאַצעטניקעם און געטאָ־תושבים און געפרוווט אויסצומאָלן אַ רעאַליסטיש בילד פון דעם וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר דער ריזיקער יידישער נע־ונד.

די מחברים פון דער פליטים־ליטעראַטור האָבן נישט באַדאַרפט צו זוכן קיין פאַרבן, בכדי בולטער אויסצומאָלן זייערע בילדער. פאַרן דראַמאַטישן לייוונט פון דער שארית הפליטה איז גענוג געווען בלויז איין פאַרב — די שוואַרצע. איר קאָליר איז די בעסטע סימבאָליק, וואָס דריקט אויס דעם מאַטעריעלן, פיזישן און פסיכישן מצב פון פליכטלינגע און געוועזענע קאַצעטניקעם. אָבער אפילו אין דער שוואַרצער פאַרב, זענען פאַראַן, ווי די פיזיק לערנט, ליכטיקע פלעקן. אַזעלכע פלעקן צווישן דער שארית הפליטה רעפּרעזענטירן די יידישע נקמה־נעמער. אין דער מחנה פון פאַרזאָרגטע און אויסגעמאַטערטע פליטים וואַרפן זיי זיך נישט אין די אויגן און זייער צאָל איז אויך נישט זייער גרויס. דערפאַר אָבער טוען זיי אָפּ אַ שטיקל אַרבעט וואָס פאַרדינט דערמאָנט און אָפּגעשאַצט צו ווערן.

ווער זענען די דאָזיקע נקמה־נעמער? צו וועלכן יידישן שבט, לאַנד
אָדער סאָציאַלע קאַטעגאָריע באַלאַנגען זיי?

מיין ערשטע באַגעגעניש מיט די יידישע נקמה־נעמער איז פאָרגעקומען אין ניו־יאָרק, נאָך פאַר מיין נסיעה קיין אייראָפּע. אין הויז פון

מיינע קרובים האָב איך זיך באַקענט מיט צוויי עסטרייכיש־יידישע יאַטן, וועלכע האָבן זיך געקליבן אָפּצופאָרן קיין עסטרייך. ביידע אינטעליגענטע בחורים, אָפיצירן פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי, וועלכע האָבן דורכגע־קעמפט דעם גאַנצן קריג אין די רייען פון די אַליאירטע חיילות. לויט דעם אַמעריקאַנער געזעץ איז יעדער וועטעראַן באַרעכטיקט, ווען ער וויל, אויס־לערנען זיך אַ פאַך אָדער צו שטודירן אין משך פון צוויי יאָר אויפן חשבון פון דער רעגירונג. אַ חוץ דעם באַקומט ער נאָך אַ מאָנאַטלעכן געהאַלט פון הונדערט צוואַנציק דאָלער, כדי צו קענען זאָרגלאָז אָנגיין מיטן שטודיום. טויזנטער אַמעריקאַנער וועטעראַנען ווערן איצט פאַכלעך אויסגעביל־דעט אָדער שטודירן אין פאַרשידענע הויך־שולן, כדי צו קענען מאַכן אַ לייטישן לעבן. אויך די דערמאָנטע ביידע בחורים וואָלטן קענען פאַרפול־קאָמען זייער שטודיום אַלס יוריסטן, אָבער זיי האָבן באַפאָרצוגט זיך פרייוויליק צו מעלדן צום דינסט אין דער אַמעריקאַנער אָקופּאַציע־אַרמיי. אויף מיין פאַרחידושטער קשיא, פאַרוואָס טוען זיי דאָס, האָב איך באַ־קומען אַ לאַקאָנישן ענטפער:

— מיר מוזן זיך אָפּרעכענען מיט אַ פּאָר צענדליק באַנדיטן. מיר קענען זיי נאָך פון אונדזער סטודענטן־צייט אויף דער ווינער אוניווער־זיטעט.

און דאָ איז מיר אויסגעקומען צו באַקענען זיך מיט אַ גאַנצער ריי פון נאַציסטישע בעסטיעס, וועמענס טריפענע צורות האָבן אַראָפּגעקוקט פון אומצאָליקע פאָטאָגראַפיעס. שלאַנקע און שיין אויסגעפורעמטע פיי־גורן פון עלעגאַנט געקליידטע יונגע מענטשן מיט חוצפּהדיקע מאָרדעס און שוואַרצע אָדער ברוינע אוניפאָרמען פון שטורעמניקעס האָבן גע־ווימלט פאַר מיינע אויגן ווי אין אַ קאַליידאָסקאָפּ.

— מיט אַמתער לעבנס־געפאַר איז אונדז געלונגען אַרויסצוברענ־גען די דאָזיקע פאָטאָגראַפיעס פון עסטרייך. די באַנדיטן האָבן אַפילו נישט געחלומט, אַז בעת זיי האָבן געמאָרדעוועט און געפייניקט די עסטרייכישע יידן, זענען עטלעכע יידישע יונגע מענטשן געווען פאַרנומען מיט מאַכן פאָטאָגראַפיעס סיי פון זייערע מעשׂים און סיי פון זיי גופא. מיט אַ פּאָר טוץ פון די, וועלכע מען זעט דאָ אויף די בילדער, האָבן מיר שוין געמאַכט אַ קורצן פּראָצעס, באַלד נאָך דער באַפרייאונג פון עסטרייך, רוסישע אָפי־

ציִרן פון דער רויטער אַרמיי האָבן אונדז טאַקע אַ סך צוגעהאָלפן, כדי
אָפּצוריייניקן די לופט פונעם פאַרסמטן אָטעם פון די דאָזיקע פאַרברעכער.
איר וואָלט באַדאַרפט זען, ווי קריכעריש פחדנותדיק אָט די מערדער זענען
געווען! זיי האָבן זיך געוואָרפן צו אונדזערע פיס, געקושט אונדזערע זעל־
נערישע שטיוול און זיך רחמים געבעטן זיי צו שענקען זייערע פאַרשפּילטע
לעבנס. בלויז יחידים האָבן באַגעגנט דעם טויט מיט פאַרריסענע קעפּ און
מיט קללות אויף די ליפּן. ליידער, האָבן די מערסטע באַוויזן צו ראַטעווען
זיך מיט געפעלשטע דאָקומענטן און אונטערצוטויכן אינעם נאָך־מלחמה־
היקן כאַאָס. מיר האָבן אָנגענומען דעם דינסט אין דער אָקופּאַציע־אַרמיי
מיט דער איינציקער כוונה אויסצוגעפינען די פאַרשטעקטע רוצחים און
אָפּרוימען זיי פון דער וועלט. איר פרעגט, ווען מיר דאָס באַווייזן צו דער־
גרייכן? גלויבט אונדז, אַז מיר האָבן זיך באַוואָרנט מיט גוטע רעקאָמענ־
דאַציעס און מיטן צוטריט צו אַזעלכע קוואַלן, וואָס פאַרשפּרעכן אַ זיכערן
נצחון . . .

עטלעכע חדשים שפּעטער האָב איך זיך צופעליק אָנגעשטויסן אויף
איינעם פון די ביידע עסטרייכיש־יידישע יונגע מענטשן. ערגעץ אין אַ „סנעק־
באַר" אויפן ברייטן שליאַך צווישן פראַנקפורט און קאַסעל.

— נו, האָט זיך געלוינט אייער פאָרן קיין דייטשלאַנד און עסט־
רייך? — האָט זיך ביי מיר אַרויסגעריסן אַ פראַגע ?

און נאָך ווי! מיין פריינט און איך האָב בדעה צו פאַרלענגערן אויף
אַ יאָר מער אונדזערע קאָנטראַקטן מיט דער אָקופּאַציע־מאַכט. מיר אַר־
בעטן אָן רעש און אָן געפילדער, אָבער די רעזולטאַטן זענען נישט צו פאַר־
זינדיקן, זייער גינסטיקע. אַ האַלב הונדערט אויסוואורפן זענען שוין געקו־
מען אונטער אונדזערע נעגל: אַ טייל פון זיי האָבן די מיליטער־געריכטן
אַריבערגעפעקלט אויף יענער וועלט און אַ צווייטער טייל זיצט פאַרשפּאַרט
אין תפיסות אָדער שמאַכטן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן און וואַרטן אויפן
פאַרדינטן פּסק־דין. איר זעט, איך טראָג די אוניפאָרם פון דער מיליטער־
פּאָליציי. איך באַלאַנג צו דער אויספאָרשונג־אָפּטיילונג פונעם מיליטע־
רישן געהיים־דינסט. שטויסט איר זיך דאָך מסתמא אָן, אַז איך בין נישט
אַבי־ווער אין דעם אָקופּאַציע־פאַרוואַלטונגס־אַפּאַראַט. מיינע פאַרגעזעצטע
דרשנען כסדר, אַז איך זאָל אין מיין אַמט זיך נישט באַווירקן לאָזן פון

נקמה־געפילן, אז איך מוז זיין אביעקטיוו אפילו צום גרעסטן נאצי־פארברעכער. איז וואס קאן איך זיי ענטפערן? איך מאך א שווייג און טו מיינס... וועלכער אמעריקאנער קריסט, ווען ער איז אפילו אן אוהב ישראל און אן איבערצייגטער אנטיפאשיסט, קאן באנעמען דעם צער פון אן אנגעווייטיקט יידיש הארץ, בעיקר פון אזעלכע וואס וויל נישט פארגעסן די זעקס מיליאן קדושים?

מיין ניו יארקער באקאנטער אפיציר פארטרויט מיר אייניקע אינטערעסאנטע עפיזאדן פון זיין קאמף קעגן דער אונטערערדישער נאציסטישער באוועגונג, דערהויפט אבער, אויף וועלכן אופן ער דערקלייבט זיך צו די באהאלטענע נאציסטישע מערדער.

— די אונטערערדישע נאצי־באוועגונג איז נישט גרויס — דערציילט דער אמעריקאנער יידישער אפיציר — אבער גוואלטיק עקשנותדיק. זי ווערט פינאנצירט פון אינטערנאציאנאלע פינצטערע כוחות, וואס קאנצענטרירן זיך בעיקר אין שפאניע, ווי אויך אין מאנכע לאטיין־אמעריקאנער לענדער. וועגן דעם ווי אזוי מצד דער אקופאציע־מאכט ווערט געפירט דער קאמף קעגן דעם אונטערערדישן נאצי־פאשיזם וואלט איך קענען א סך דערציילן קאפיטאן אלעקסאנדער ראסקין. אגב, איז ער א זון פון רוסיש־יידישע עלטערן און לעבט אין מינכען. איך עצה אייך זיך מיט אים צו באקענען. אלעקסאנדער ראסקין איז אן אויסערגעוויינלעך אינטערעסאנטע פערזענלעכקייט און זיין נאמען קלינגט אין דער אקופאציע־זאנע ווי א מין לעגענדע. אויב ער וועט וועלן רעדן, וועט איר זיך אנהערן פון אים זאכן, וואס דאכטן זיך אויסגעטראכטע אדער אויסגעשניטענע פון א פארכאפנדיקן דעטעקטיוו־ראמאן...

פאר איינעם, וועלכער באזיצט אן אויג צו זען און אן אויער צו הערן, איז גענוג בלויז עטלעכע וואכן צו זיין אין דייטשלאנד, כדי זיך צו איבערצייגן, אז הגם דער דריטער רייך איז חרוב און די דייטשע נאציאנאלע מפלה איז אומדערמעסלעך, טראצדעם אבער הערט דער נאציסטישער גייסט נישט אויף אין דער שטיל געפערלעך צו ווירקן. דאס ווייסן אלע, אבער מען רעדט נישט וועגן דעם.

גראד דערפאר האט מיך זייער אינטערעסירט די פערספעקטיוו פון מאכן די באקאנטשאפט פון אזא פערזאן, ווי אלעקסאנדער ראסקין.

* * *

אין מינכען קורסירט וועגן ראסקינען פאלגנדיקער וויץ: מען זאגט: „זיין אין מינכען און נישט זען ראסקינען, איז פונקט אזוי, ווי צו זיין אין רוים און נישט זען דעם פויפסט". אזוי וויצלען זיך אונדזערע לצים פון דער יידיש געוואָרענער מעלשטראָסע. אין יעדן וויץ, ווי באַוווּסט, איז תמיד פאַראַן אַ קערנדל פון אמת. אויך אינעם גלייכווערטל בנוגע ראסקינען ליגט פאַרבאַהאַלטן אַ שטיק אמת.

דער קליינוווּקסיקער, קוועקזילבערישער אַלעקסאַנדער ראסקין מיטן אויסדרוקספולן פּנים און שעלמישע קאַרע אויגן איז טאַקע אַ זייער פּאָפּולערע פיגור אין דעם אמעריקאַנער באַזעצונגס־געביט. אים קענען געגוי אַזוי גוט יידן ווי קריסטן. און אויב צווישן יידן איז ער בלויז פּאָפּולער און געשעצט, איז ביי מאַנכע קריסטן פאַרקערט ציטערן אַ ביסל די הערצער ביים דערהערן ראסקינס נאָמען. בעיקר האָבן פאַר אים מורא אַלע מינים פאַרמאַסקירטע נאַצי־רוצחים, אויף וועלכע זיין נאָמען וואַרפט אַרויף אַן אמתן פּחד.

מאַכן די באַקאַנטשאַפט מיט אַלעקסאַנדער מיכאַילאָוויטש ראסקינען פאַראורזאַכט נישט די מינדסטע שוועריקייט. אַצינד איז ער דעמאָביליזירט און פאַרנעמט אַ דירעקטאָר־אַמט אין איינע פון די אינטערנאַציאָנאַלע יידישע געזעלשאַפטן, וואָס אַרבעט לטובת דער שארית הפּליטה.

אויסערלעך טיילט זיך אַלעקסאַנדער ראסקין אַבסאָלוט מיט גאָרנישט אויס פונעם ברייטן מענטשן־כלל. ווען מען ווייסט נישט ווער ראסקין איז און מען שטויסט זיך אויף אים צופעליק אָן אינמיטן גאַס, באַמערקט מען אים קוים. ער איז איינער ווי הונדערטער אַנדערע ענלעכע מענטשן. נישט פון זיין געשטאַלט און נישט פון זיין געזיכט קען מען אַראָפּלייענען, אַז דווקא אים, אַלעקסאַנדער ראסקינען, האָט די נאַטור באַשאָנקען מיט אויסערגעוועינלעכע פעאיקייטן פון אַ קרימינאַליסט.

זיין לעבנס־גורל איז אַ טיפּיש יידישער גורל. אַ זון פון רוסיש־יידישע עלטערן איז אַלעקסאַנדער ראסקין געבוירן אין בריסל, אויסגעוואַקסן און דערצויגן אין אַן אַסימילירטער יידישער משפּחה. זיין יוגנט האָט ער פאַרבראַכט אין בעלגיע און די אויסבילדונג אַלס אינזשיניער

געגאַסן אין דער בעלגישער מעטראָפּאָל. די סביבה אין וועלכער ראַסקין איז אויסגעוואַקסן איז געווען אין קולטורעלן זין אַ דואַליסטישע, אַ רוסיש־פראַנצויזישע. פון יידנטום האָט ער נאָר אויף אַזויפיל געוווּסט, ווי עס פּאַסט זיך פאַר אַן אינדיווידואום פון אַסימילאַטאָרישן שניט, וועלכער באַלאַנגט צו אַ העכערער סאָציאַלער קאַטעגאָריע. יאָ־ייד, ניין־ייד, — ווע־מען האָט שוין אַזאַ מין „נאַרישקייט" געקימערט, בפרט ווען מ'לעבט אין בעלגיע, פילט זיך נאַציאָנאַל און קולטורעל פאַרבונדן מיט דעם פאָלק און לאַנד און ווייסט נישט פון קיין שום דיסקרימינאַציעס.

פון דער קינדהייט אויף רעדט דער קליינער אַלעקסאַנדער רוסיש, פראַנצויזיש, פלעמיש, ענגליש און דייטש און באַהערשט נאָך איצט די דאָזיקע שפּראַכן פּערפעקט.

פּנים לפנים מיט זיין אייגענעם פאָלק און מיטן מאַמע־לשון איז ער געקומען אַ סך שפּעטער, אין די רייפערע יאָרן, ווען דער שיקזאַל האָט אים, אַלעקסאַנדער ראַסקינען, צוזאַמענגעשטויסן מיט טויזנטער נאָך אַנ־דערע יידן אין דעם טרויעריק־באַרימטן קאָנצענטראַציע־לאַגער פון דאַכאַו.

דאָ אין דאַכאַו, האָט ראַסקין דערשמעקט נישט נאָר דעם טעם פון דער מערדערישער ברוינער באַרבאַריע, נאָר אויך דעם טעם פון צו זיין אַ ייד. דווקא איבער אים, דעם וועלט־בירגער, דעם געבילדעטן אייראָפּעער און אַסימילירטן ייד האָבן זיך די געשטאַפּאָווצעס מער איזדיעקעוועט, ווי איבער די פּשוטע יידן. נישט זיין ראַפינירטע קולטור, נישט דאָס באַהערשן פון אַ האַלב טוץ שפּראַכן און נישט אפילו זיין אינזשיניערן־פאַך האָבן נישט געמאַכט דעם קלענסטן רושם אויף די ברוינע סאַדיסטן. אדרבא, אים, אַלעקסאַנדער ראַסקינען, פלעגט מען באַשטימען פאַר די נידעריקסטע, שמוציקסטע און עקלדיקע אַרבעטן אינעם לאַגער.

שוין די ערשטע באַקאַנטשאַפט מיטן קאַטאַרזשנעם רעזשים פון דאַכאַו האָט ראַסקינען איבערצייגט, אַז נאָר אַנטלויפן איז די איינציקע מעגלעכקייט לעבעדיק זיך ראַטעווען פונעם דאָזיקן גיהנום. אָבער ווי באַ־ווייזט מען דאָס? יעדער איינער, וועלכער האָט געזען דאַכאַו, אָט דעם יאָמערטאָל פון מענטשלעכן פּיין און אומדערמעסלעכע נשמה־קוואַלן, באַ־גרייפט, אַז אַרויספרייסן זיך פון דאָרטן איז כמעט אוממעגלעך. אַלץ וואָס אַ קראַנקע מענטשלעכע פאַנטאַזיע קאָן אויסטראַכטן, כדי דורכצופירן אַ

לאנגזאמען מאסן־מארד, איז אין דאכאו געווען טאג־טעגלעכער לעבנס־שטייגער.

העכער צוויי הונדערט אכט און דרייסיק טויזנט יידן האבן די סאַ־דיסטישע מחבלים פארפייניקט און פארברענט אין דעם דאזיקן טויטן־לאגער. פארגאזונג, פארפייניקונג ביז צום טויט, תליות, דערשיסונגען, אנגעריייצטע האלב־ווילדע הינט, דראט־צוימען ארום דעם לאגער געלאדענע מיט עלעקטריציטעט, דאס אלעס איז געווען אויסגעפרווט אויף די אומ־גליקלעכע קאצעטניקעס און געמאכט צונישט יעדן געדאנק פון אנטלויפן.

אלעקסאנדער ראסקין האט געוווסט, אז פאר אים איז נישטא קיין אנדערע אלטערנאטיוו, ווי פארפייניקט צו ווערן אדער זיך ראטעווען דורך אנטלויפן.

ער האט געוואגט דעם ריזיקאלישן פרווו. ס'איז אים געלונגען אפ־צונארן זיינע שומרים און פייניקער און צו אנטלויפן. זיין ניצול ווערן און דערקלייבן זיך ביז דער באפרייטער בעלגיע איז אן אמתע אדיסעע. ער קומט אן קיין בריסל גראד עטלעכע טעג נאך דעם, ווי די אליאירטע חיילות האבן פאריאגט די דייטשן פון דער בעלגישער הויפטשטאט. א. ראסקין מעלדעט זיך תיכף אין דער אמעריקאנער ארמיי. צוויי חדשים שפעטער איז ער שוין אפיציר און אויספארשונגס־ריכטער ביי דער ארמיי פון גע־נעראל פאטאן. פון דאנען הויבט זיך אן א נייער, אוואנטוריסטישער קא־פיטל אין לעבן פונעם יידישן אפיציר, אינזשיניער און ריכטער אלעקסאנ־דער ראסקין און זיינע ערשטע טריט אויפן נקמה־וועג פארן פאלק ישראל.

* * *

פון די פיל מעדאלן און קריגס־דעקאראציעס, מיט וועלכע אלעק־סאנדער ראסקין איז אויסגעצייכנט געווארן, טראגט ער אין לאץ פון זיין ציווילן אנצוג נאר איינע: א גאלדענעם זשעטאן „פאר באזונדערע פאר־דינסטן". אינעם גאנצן אמעריקאנער אקופאציע־געביט באזיצן בלויז זעקס פערזאן די דאזיקע הויכע אויסצייכענונג. צווישן זיי דער איינציקער ייד — אלעקסאנדער ראסקין.

בעת ראסקינס באזוך אין ניו יארק, איז ער בפירוש געווען דער

„העלד פון טאָג" פון די אַמעריקאַנער צייטונגען. די גרעסטע צייטונגען און זשורנאַלן האָבן זיך מיט אים אַרומגעטראָגן ווי מען טראָגט זיך אַרום מיט אַ באַרימטקייט אין דער מיליטערישער, וויסנשאַפטלעכער אָדער אין דער קונסט־וועלט. זיין פּאָרטרעט אין מיליטערישן מונדיר אָדער אין ציוויל, האָבן אַראָפּגעקוקט פון צענדליקער צייטונגס־קאָלומנעס און זיין ביאָגראַפיע, ווי בכלל די שילדערונגען פון זיינע, אַלעקסאַנדער ראַסקינס, אַקטואַציע אַלס אויספאָרשונגס־ריכטער, האָבן פאַרנומען גאַנצע זייטן.

הערנדיק אַלעקסאַנדער ראַסקינס דערציילונגען ווערט מען פון זיי אַזוי פאַרכאַפּט און מיטגעריסן, אַז מען הויבט־אָן צו באַגרייפן דעם אינטערעס און אויפמערקזאַמקייט, וואָס עס האָט אים געשאָנקען די צפון־אַמעריקאַנער עפנטלעכע מיינונג.

ס'זענען פאַראַן פאַרשידענע מינים דערציילער: איייניקע באַגייסטערן צוליב דער מאַלערישער שילדערונג פון די געשעענישן, פאַקטן און מענטשן, ווענן וועלכע זיי באַריכטן; די אַנדערע זענען, פאַרקערט, נישט קיין מייסטער פון וואָרט אָדער פון פּלאַסטישער אויספאָרמונג, דערפאַר אָבער באַווירקן זיי מיט זייער פּשוטקייט און אמתדיקייט.

אַלעקסאַנדער ראַסקין באַלאַנגט צום לעצטן מין, צו דעם מין פון אַ ניכטערן רעאַליסט, וועמען ס'איז פרעמד גוזמא, בעלעטריסטישע שיין־רעדעריי און איבערהיצטע פאַנטאַזיע. ער איז מער סינטעטיקער ווי אַנאַליטיקער און פּרעטענדירט נישט אויף חשיבות פון אַ דיאַלעקטיקער. ער פאַרשטייט תמיד צו האַלטן זיינע נערוון אין די הענט און נישט אַריינצופאַלן אין התפעלות, אַפילו אין די פּאַעטישע מאָמענטן פון זיינע דערציילונגען. זיינע פאַרבאַהאַלטענע עמאָציעס קומען אַרויס בלויז, ווען ער רעגט זיך אויף און פאַנגט־אָן אַביסל צו שטאַמלען. דאָס לייכטע שטאַמלען זאָגט עדות, אַז אויך פאַר אים, פאַר אַלעקסאַנדער ראַסקינען, וועלכער איז דורכגעגאַנגען אַלע שבעה מדורי גיהנום, האָט דאָס דורכגעלעבטע גורם געווען אין זיין אונטערבאַוווּסטזיין אַ טיפע וווּנד. און וואָלט עס אַנדערש געקאָנט געמאָלט זיין?

אַלעקסאַנדער ראַסקין איז געקומען קיין דייטשלאַנד צוזאַמען מיט דער זיגרייכער אַמעריקאַנער אַרמיי. ער האָט געקעמפט מיטן געווער אין דער האַנט, דורכגעמאַכט די בלוטיקסטע שלאַכטן אויפן מערב־פראָנט און

האָט זיך באַטייליקט ביים שטורעמען פעסטונגען, שטעט און מינירטע פּאָזיציעס פונעם שונא. קוים איז גענעראַל פּאַטאָנס אַרמיי אַריינגעדרונגען קיין מינכען און איבערגענומען די מאַכט אין דער בייערישער הויפּטשטאָט, האָט זיך ראַסקין פרייוויליק געמעלדעט אין דעם געהיימען מיליטער־דינסט, פּשוטער געזאָגט אין דער שפּיאָנאַזש־אָפּטיילונג פון שטאַב פון דער אָקופּאַציע־מאַכט.

— פאַרוואָס דווקא איך האָב זיך אָנגעשלאָסן אין דער געהיים־דינסט, שטויסט איר זיך מסתמא אַליין אָן! — זאָגט אַלעקסאַנדער ראַסקין. די אויספאָרשונגס־סעקציע ביים געהיים־דינסט איז דער אור־קוואַל, פון וואַנען מען קען שעפּן די בעסטע אינפאָרמאַציעס מכוח אַלע נאַציסטישע סודות און זייערע פאַרברעכערישע טאַטן. נאָך זייענדיק אַ קאַצעטניק אין דאַכאַו האָב איך געגעבן אַ נדר, אַז אויב דער מזל וועט מיר צושפּילן צו ראַטעווען זיך פונעם גיהנום, וועל איך נעמען נקמה אין דעם שונא, אויף וועלכן אופן איך וועל באַוויזן דאָס אויסצופירן, האָב איך נישט געוווּסט. געוווּסט האָב איך אָבער בלויז איין זאַך: אַזוי אָדער אַנדערש, אָבער איך וועל אָפּצאָלן די רוצחים פאַר דעם אומשולדיק־פאַרגאָסענעם יידישן בלוט. איך האַלט נישט פיל פון דער ביליקער מאָראַל, אַז נקמה איז אַ שלעכטער בעל־יועץ. אַזוי קאָנען דרשענען בלויז צעקראָכענע אינטעליגענטן, וועלכע האָבן גאָרנישט געלערנט פון דער לעקציע, וואָס דאָס פאָלק פון „דיכטער און דענקער” האָט געגעבן דער מענטשהייט. איך באַטאָן בכיוון דאָס דייטשע פאָלק, ווייל איך מאַך דאָס גאַנצע דייטשע פאָלק פאַראַנטוואָרטלעך סיי פאַר אונדזער אייגענעם נאַציאָנאַלן בראָך און סיי פאַר דער איבערגעלעבטער וועלט־קאַטאַסטראָפע. דאָס רעכט אַזוי צו רעדן און צו באַשולדיקן דאָס גאַנצע דייטשע פאָלק גיט מיר מיין טעטיקייט אַלס געוועזענער אויספאָרשונגס־ריכטער. טויזנטער דאָקומענטן, וואָס באַשטעטיקן די פאַרברעכערישע מעשים און בייזע כוונות פון די ברוינע אונטערמענטשן, זענען דורכגעגאַנגען דורך מיינע הענט. הונדערטער נאַציסטישע בעסטיעס האָב איך פערזענלעך טעג, וואָכן און מאָנאַטן לאַנג אויסגעפאָרשט. מיר איז אויסגעקומען אַריינצובליקן אין אַזעלכע טיפענישן פון מענטשלעכער געפאַלנקייט, באַקענען זיך מיט אַזעלכע אָפּגרונטן פון פאַרדאָרבנקייט אָדער סאַדיסטישע גלוסטענישן, אַז איך פלעג אַמאָל ממש

אויפּציטערן. אין מיין באַזיץ געפינען זיך עטלעכע דאַנק־בריוו פון די פּראָקוראָרן פון דעם טרויעריק־באַרימטן גירענבערגער פּראָצעס, פאַר די מאַטעריאַלן, וואָס איך האָב זיי געליפערט. מיר האָט דער גורל געשאָנקען די הנאה צו זיין איינער פון די ערשטע, וועלכע האָבן אויסגעפּאָרשט הער־מאַן גערינגען... אַ גאַנצן מעת־לעת כמעט, מיט נאָר אַ קורצער הפסקה פאַר אָפּרו אָדער איבערצובייסן, איז מיר אויסגעקומען דעם דאָזיקן נפש אויס־צופרעגן . . .

— און ווי אַזוי האָט זיך דער מנוול געהאַלטן? — האָט מיינע אַ נישט־ווילנדיקע פראַגע איבערגעריסן אַלעקסאַנדער ראַסקינס דערציילונ־גען.

— ווי אַזוי גערינג האָט זיך געהאַלטן? דאָס איז אַ פראַגע, וואָס איז נישט לייכט צו פאַרענטפערן... אַ סך פּסיכאָלאָגישע פאַקטאָרן האָבן באַ־ווירקט גערינגס האַלטונג און פירונג אין דער תפיסה און אויך זיין שפּע־טערדיקן זעלבסטמאָרד. גערינג איז געווען אפשר די בעסטע אילוסטראַ־ציע צו דער מענטשן־פרעמדער און אויסגעטראַכטער וועלט, אין וועלכער עס האָבן געלעבט די נאַציסטישע מושלים. ס'איז אַ באַקאַנטער כלל, אַז ווי באַלד דיקטאַטאָרן, דעמאַגאָגן אָדער סתם אַוואַנטוריסטן דערקלייבן זיך צו די העכסטע מלוכהשע שטאַפּלען, פאַרדרייען זיך ביי זיי די קעפּ פון גרויסהאַלטעריי און זיי ווערן פאַרשיכורט פון דער מאַכט.

דעם ערשטן און שטאַרקסטן מאָראַלישן קלאַפּ האָט גערינג באַקומען בעת מען האָט אים געגומען געפאַנגען. גערינג, ווי באַקאַנט, האָט זיך פרייוויליק איבערגעגעבן אין די הענט פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי מחמת מורא אַריינצופאַלן אין רשות פון דער רויטער אַרמיי. ער, גערינג, דער רייכס־מאַרשאַל פון דריטן רייך, היטלערס געוועזענער נאָכפאָלגער, וועמענס ברוסט איז געווען באַהאַנגען מיט די העכסטע קריגס־אויסצייכענונגען, האָט געלעבט אין דער טעותדיקער פאַרשטעלונג, אַז אים וועלן די אַמע־ריקאַנער אויפנעמען מיטן גרעסטן כבוד און ווי אַ פּערסאָנאַ גראַנדיסימאַ. ס'איז אים אפילו אויפן שכל נישט געקומען, אַז עס קאָן זיין אַנדערש... נישט גערינג און נישט די אַנדערע הויכע דייטשע מיליטער־לייט האָבן נישט געוווּסט פון דער עקזיסטענץ פון אַ ספּעציעלן באַפעל, וואָס גענע־ראַליסימוס אייזענהאַוער, דער הויפּט־קאָמאַנדירנדער פון די אַליאירטע

חיילות, האט ארויסגעגעבן. לויט אייזענהאוערס באפעל איז אליאירטע אפיצירן שטרענג פארבאטן געווארן זיך צו ברידערן מיט די געפאנגענע דייטשע מיליטערלייט, בעיקר אבער מיט באקאנטע נאציסטן. וואס שייך די געפאנגענע נאציסטישע „קארפן־קעפ" „מוז יעדער פון זיי, נישט גע־קוקט אויף זיין ראנג און שטעלונג אין דער רעגירונגס־ אדער פארטיי־היע־ראַרכיע פונעם דריטן רייך, באטראכט און באהאנדלט ווערן ווי א פשוטער פארברעכער".

אצינד איז זיך נישט שווער אויסצומאלן, וואס פאר א פסיכישן קלאפ עס האט געמוזט ליידן אזא מין בריאה ווי גערינג, וועלכער האט זיך איבערגעגעבן די אמעריקאנער אין פולער פאראד־אוניפארם, באהאנ־גען מיט צענדליקער מעדאלן און וועלכער אנשטאט געבראכט צו ווערן אין א פאלאץ אלס ערן־געפאנגענער, האט ער געמוזט זיך איינארדענען אין א תפיסה־קעמערל, הינטער אייזערנע גראטעס. גערינגס אנטוישונג איז געוועזן געוואלדיק גרויס. אראפגעווארפן צו ווערן פון א כמעט קעניגלעכן טראן אין א תהום פון א געפענגעניש־קעמערל — ווער קען דעם נערוון זענען בכוח אזוינס אויסצוהאלטן? צום שבח פון גערינגן מוז געזאגט ווערן, אז סיי ביי די אויספארשונגען און סיי ביי דעם שפעטערדיקן פראצעס האט ער זיך געהאלטן באמת מענלעך און ווי א ריכטיקער סאלדאט. אין זיינע גרין־גרויע אויגן איז תמיד געלעגן א פארבאהאלטענער ביטול לגבי אונדז — די אויספארשונגס־ריכטער, ווי אויך בנוגע די פראקוראָרן און ריכטער. אויף אלע פראגן, וואס איך האב אים געשטעלט, האט ער געענטפערט לאקאניש און שארף, אין עכט־מיליטערישן נוסח. בלויז איין פראגע האט אים צוגענומען זיין חוצפהדיקן גלייכגעוויכט.

— איז דאס אמת, הער רייכסמארשאל, — האב איך גערינגן גע־פרעגט — אז נאך דעם ערשטן וועלט־קריג האט איר געלעבט אויפן חשבון פון א מינכענער יידישן באנקיר און זיך אפילו ארומגעטראגן מיטן גע־דאנק חתונה צו האבן מיט א יידיש מיידל?

גערינג איז אויפגעשפרונגען ווי געשטאכן פון א שפין. ער איז גע־ווארן מלא רציחה און אין זיינע אויגן האט זיך אנגעצונדן א פלאם פון שנאה.

— דאָס איז אַ ליגן, אַ יידישער בילבול. איך האָב קיינמאָל נישט געלעבט אויפֿן חשבון פֿון יידן ! . . .

— קיינמאָל נישט, הער גענעראַל? אפֿשר פֿאָרט אַמאָל? דערמאָנט זיך! — האָב איך זיך אַ ביסל גערייצט מיט גערינגגן . . .

גערינג האָט נישט געוווּסט, אַז אין מיינע הענט געפֿינט זיך אַ בריוו, פֿון אים גופֿא געשריבן, און אין וועלכן ער דאַנקט אַ געוויסן יידישן באַנקיר פֿאַר אַ הלוואה, וואָס ער האָט אים, גערינגגן, געגעבן. בלייך ווי די וואַנט און מיט ווייט־אויפֿגעריסענע אויגן האָט דער געפֿאַנגענער ברוינער מושל באַטראַכט דאָס בריוו.

— לייקנט איר, גענעראַל, אַז דאָס איז אייער האַנטשריפֿט? אָדער איז עס אפֿשר אויך אַ יידישער פֿאַלסיפֿיקאַט? — האָב איך נישט אויפֿגעהערט אויסצופֿאָרשן גערינגגן.

אָבער ער איז פּלוצים פֿאַרשטומט געוואָרן און האָט אויפֿגעהערט צו ענטפֿערן אויף מיינע פֿראַגן.

די אויספֿאָרשונג האָט געמוזט איבערגעריסן ווערן, כדי דער רייכס־מאַרשאַל זאָל קענען קומען אַ ביסל צו זיך. דער בריוו האָט צו שטאַרק דערשיטערט זיין פּסיכישן צושטאַנד.

איך האָב זיך געקליבן צו רעדן אָפֿענע דיבורים מיט גערינגגן, אָבער פּלוצים האָט מען מיך באַשטימט פֿאַר אַן אַנדער אַרבעט מחוץ נירענבערג. איך האָב ווידער דערזען גערינגגן ערשט ביים פּראָצעס. ביז צום היינטיקן טאָג באַדויער איך, וואָס מיר איז אַזוי ווייניק באַשערט געווען אויסצו־פֿאָרשן איינעם פֿון די געפֿערלעכסטע און געמיינסטע פֿאַרברעכער קעגן דער מענטשהייט און בעיקר קעגן יידן. אָבער די 24 שעה, וואָס מיר איז אויסגעקומען אויסצופֿרעגן גערינגגן, וועלן פֿאַרבלייבן אין מיין זכרון ביז צום סוף פֿון מיין לעבן, — זאָגט ראַסקין.

אין פּריוואַטע שמועסן מיט דייטשן איז מיר אָפֿט אויסגעקומען צו הערן, אַז די געפֿאַנגענע נאַציסטישע פֿאַרברעכער ווערן שלעכט באַ־האַנדלט און אַפֿילו נישט זעלטן געשלאָגן. מיר האָט זיך געוואָלט דער־גרונטעווען, אויף ווי ווייט די דאָזיקע באַשולדיקונגען זענען אמתדיק.

און ווער קאָן זיין אַ בעסערער עדות ווי אַלעקסאַנדער ראַסקין אויף אָט־דעם געביט ?

אויף מיין פראַגע וועגן דעם ענין „שלעכטע באַהאַנדלונג״ האָט ראַסקין נישט גלייך געענטפערט. פונעם אויסדרוק פון זיין פּנים איז לייכט געווען אָראָפּצוליייענען, אַז ער שלאָגט זיך מיט דער דעה, צי זאָל ער רעדן אָפן אָדער זיך אויסבאַהאַלטן אונטערן תירוץ פון „דינסט־געהיימנישן״. גובר געווען האָט דער ייד און מענטש איבער דעם געוועזענעם אָפיציר.

— איך וואָלט אייך געזאָגט אַ באַוווסטזיניקן ליגן, אָפּלייקענענדיק דעם פאַקט, אַז קעגן די געפאַנגענע נאַציסטישע אונטערמענטשן ווערט אַמאָל נישט אָנגעווענדט אויך אַ פיזישער כּוח. נקמה איז אַזאַ מין געפיל, וואָס לאָזט זיך נישט כּסדר באַהערשן מיט מאָראַלישע אַרגומענטן. קעגן נקמה אין דעם שונא, אויסלאָזן אויף אים דאָס פאַרביטערטע האַרץ, בפרט נאָך אויף אַזאַ סאָרט שונא ווי די מערדערישע נאַציס זענען, איז אַ באַ־גרייפלעכע זאַך. וועלכע דיסציפּלין, ווי שטרענג זי זאָל נישט זיין, איז בכוח צו האַלטן אין צוים די נקמה־געפילן פון אַ יידישן, פּוילישן אָדער רוסישן זעלנער, וועמענס משפּחות האָבן זיך אַזוי פיל אָנגעליטן פון די ברווינע באַרבאַרן? געווים האָט מען די ערשטע צייט נאָך דער באַפרייאונג גע־בראָכן נאַציסטישע ביינער, ווו מען האָט זיי נאָר אָנגעטראָפן. יידישע אָפיצירן און סאָלדאַטן אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי, בעיקר פון דייטש־לאַנד פאַרטריבענע יידן, וועלכע האָבן זיך נאַטוראַליזירט אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן, נעמען נאָך עד היום נקמה ווו זיי קענען און ווי אַזוי זיי קענען. בימער רעכענען זיי — די יידן — זיך אָפּ באַזונדערס מיט יענע אַמאָליקע דייטשע שכנים און אַזוי גערופענע „פריינט״, וועלכע האָבן זייערע משפּחות פאַרראַטן צו דער געשטאַפּאָ אָדער אויסגערויבט. איך גופא בין אַ קעגנער פון שלאָגן געפאַנגענע, אפילו ווען זיי זענען באַוווס־טע רוצחים. שלאָגן אַ געפאַלענעם פיינט איז נישט דזשענטעלמעניש. אָבער איך האָב איינמאָל נישט אויסגעהאַלטן און בלוטיק צעמזיקט אַן עלטערן דייטש. אוודאי פאַרשאַפט עס מיר נישט קיין כבוד אַלס ריכטער, אָבער איך בין גרייט צו פאַרענטפערן זיך פאַר יעדן אומפּאַרטייאישן גע־ריכט. דאָס שלאָגן דעם דייטש איז געווען נישט קיין אַקט פון פּערזענלע־כער נקמה. איך האָב גענומען נקמה פאַרן פאָלק ישראל.

* * *

דער גערטנער הוגאָ־קאַרל איז געווען אַ מין אַטראַקציע פֿאַר דעם באַרגיקן בייערישן דאָרף, אין וועלכן ער האָט זיך באַזעצט. זיין הויכע, שלאַנקע פיגור, דאָס קלוגע פּנים באַלויכטן פון צוויי בלויע גוט־האַרציקע אויגן, בעיקר אָבער זיין לאַנגע, ווייסע באָרד האָבן צוגעגעבן זיין געשטאַלט אַ פּאַטריאַרכאַלישן אויסזען. בלויז אַ קנאַפּ יאָר ווי דער גערטנער הוגאָ-קאַרל האָט זיך מיט זיין אַלטיטשקער איינגעאָרדנט אויף דעם נייעם אָרט, אָבער אין פאַרלויף פון אָט־דער קורצער צייט האָט ער באַוויזן צו ווערן אַן אויטאָריטעט צווישן די מיסטרויאישע דאָרפסלייט. פון וואַנען דער גערטנער איז געקומען — האָט קיינער געננוי נישט געוווּסט. זייט דעם צוזאַמענברוך פון דריטן רייך און דער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע האָט זיך פון אַלע עקן און ברעגן פון דייטשלאַנד אַ גאַס־געטון אַ שטראָם פון פּליכטלינגען, זוכנדיק ערגעץ אַ מקום־מנוחה. אויך דער גערטנער הוגאָ־קאַרל ווי ער האָט דערציילט, איז אַ קרבן פון דער גרויסער מפּלה. ער זאָל זיך כלומרשט האָבן געראַטעוועט פון דער רויטער מיליטערישער אינ־וואַזיע און אַפילו אַרויסגעוויזן די בריהשאַפט און נישט לאָזן אַריינפאַלן אין די באָלשעוויסטישע הענט זיין קליין פאַרמעגן.

איז ווי העלפט מען נישט אַזאַ מין מענטש, בפרט אַ פּאַטריאָט, אַן אַנטי־קאָמוניסט און אַ גוטן פּאַכמאַן!? אַ גוטער גערטנער איז אַ ברכה פאַר אַ דאָרף... הוגאָ־קאַרל האָט זיך באַלד אַנטפּלעקט נישט נאָר אַלס בקי אויף זיין גערטנערישן געביט, נאָר אויך אַלס אינטעליגענטער מענטש און גרויסער בעל־טובה. אויסטייטשן אַ נייע פאַראָרדענונג פון דער אָקופּאַ־ציע־מאַכט האָט קיינער נישט געקאָנט אַזוי גוט ווי דער נייער דאָרף־תושב. און ווער איז נאָך אַזוי גרייט געווען צו געבן אַ קלוגע עצה אָדער אַרויס־צוהעלפן אַ שכן מיט אַ הלוואה, ווי דער גערטנער הוגאָ־קאַרל? מען האָט שוין אַפילו אָנגעפאַנגען צו מורמלען, אַז על פּי יושר וואָלט מען באַדאַרפט הוגאָ־קאַרלען אויסוויילן אויפן אַמט פונעם דאָרף־פאָרשטייער.

וואָס אמת, דער גערטנער גופא האָט זיך נישט געשטופּט צו פאַר־נעמען וועלכן עס איז בענקל אינעם דאָרפישן אויבן־אָן. אדרבא, ער האָט זיך געהאַלטן זייער רעזערווירט לגבי די קהלשע אינטערעסן. גאַנצע טעג פלעגט מען קאָנען זען זיין הויכע געשטאַלט געבויגן איבער די בייטן פון זיין גערטנעריי. אויספּאַלענד פאַר די דאָרפסלייט איז אַ ביסל געווען דעם

גערטנערס פּלוניתטע. זי האָט גערעדט אַ פּרעמדלעכן דייטש, ווי עס רעדן דאָס די פּרייסן, און דער נוסח פון איר רעדן איז געווען אַ צו פיינער, אַ געקליבענער, האָט זיך שלעכט געפּאַסט פאַר אַ פּשוטער פּויערטע. די נישט־פאַרגינערישע ווייבער פון דאָרף האָבן זיך כסדר וועגן אָט־דעם ענין געשושקעט און געפּראַוועט רכילות. אָבער חוץ דעם איז געווען שווער צו זאָגן וועגן דעם גערטנערס פרוי עפּעס שלעכטס. אויך זי, די גערטנע־רין, איז געווען אַן אַרבעטזאַמער מענטש און תמיד גרייט צו אַרויסהעלפן אַ שכנטע.

פאַרוואָרפן אין די אַלפּן־בערג, ווייט פונעם גרויסשטאָטישן ליאַרעם און פּאָליטישן געפּילדער, זאַט מיט כלעראַליי לעבנסמיטלען, גרינוואַרג און פּרוכטן, האָט דאָס בייערישע דאָרף געלעבט זיין אייגענעם לעבן, ווי עס וואָלט גאַר קיינמאָל נישט געווען קיין מלחמה און גלייך ווי דער וועלט־שטורעם וואָלט נישט געהאַט קיין שום שייכות צום דאָזיקן דאָרף.

דער גערטנער הוגאָ־קאַרל האָט זיך אַזוי גוט איינגעלעבט אויפן נייעם אָרט, אַז ער האָט אָנגעפאַנגען צו חלומען וועגן פאַרגרעסערן זיין גערטנעריי. ער האָט שוין אפילו אויסגעפונען אַ נייעם שטח לאַנד, וועלכן ער האָט זיך געקליבן צו קויפן.

פּלוצים אָבער איז דאָס שטילע און פרידלעכע דאָרף איבערראַשט געוואָרן פון אַן אויסערגעוויינלעכער פּאַסירונג. פאַר דעם הויז פון דעם געמיינדע־פאָרשטייער האָט זיך אין אַ געוויסן טאָג אָפּגעשטעלט אַ נייער אויטאָמאָביל, באַצירט מיט אַ קליינער אַמעריקאַנער פאָן. פון אויטאָ זענען אַרויסגעשפּרונגען אַ מיטלוואוקסיקער אָפיציר מיט צוויי באַוואָפנטע סער־זשאַנטן. אַ דריטער, אויך אַ באַוואָפנטער סערזשאַנט, איז געבליבן זיצן מיטן שאָפער.

אַן אַמעריקאַנער אויטאָמאָביל, וואָס באַווייזט זיך אין דאָרף, איז תמיד אַן אַטראַקציע פאַר די דאָרפסלייט, בעיקר אָבער אַ מיליטערישער אויטאָ.

— וואָס קען דאָס זיין? — פרעגן זיך די נייגעריקע פּויערן? — מסתמא זוכט מען עמעצן.

איידער די סענסאַציע פון דעם אָנקום פון אַ מיליטערישן אויטאָ האָט נאָך באַוויזן זיך צו צעטראָגן איבערן דאָרף, איז שוין דער געמיינדע־

פאַרשטייער געזעסן אין אויטאָ, אין באַגלייטונג פונעם אָפיציר און די סערזשאַנטן איז דער איבערגעשראָקענער פאַרשטייער געזעסן בלייך ווי קאַלך. דער אויטאָ האָט זיך פאַרנומען אויפן וועג צו דער גערטנעריי.

דער פּאַטריאַרכאַלישער גערטנער הוגאָ־קאַרל האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין שום אויפרעגונג ביים אָנבליק פון די אומדערוואַרטע מיליטערישע געסט.

צווישן דעם אָפיציר און אים איז פאָרגעקומען אַ קורצער דיאַלאָג.

— איר זענט הוגאָ־קאַרל, דער גערטנער? — פרעגט דער אָפיציר.

— יאָ, הער קאַפּיטאַן, דאָס בין איך.

— איך האָב אַ באַפעל פון דער מיליטער־פּאָליציי דורכצוזוכן אייער גערטנעריי.

— אין וואָס איז מען מיך חושד? — פרעגט רואיק דער גערטנער, גלעטנדיק זיין ווייסע באָרד.

— אין שוואַרץ־האַנדל.

— מיך פאַרדעכטיקן אין שוואַרץ־האַנדל? וואָס רעדט איר, ה' קאַפּיטאַן! דאָס מוז זיין אַ טעות! ביטע, קומט אַריין און זוכט־דורך מיין הויז און גערטנעריי. איר וועט אייך באַלד איבערצייגן, אַז עמעצער האָט מיך געוואָלט ביי׳זוויליק פאַרלוימדן.

העכער צוויי שעה האָט דער קאַפּיטאַן אַלעקסאַנדער ראַסקין — און דאָס איז ער געווען דער אַמעריקאַנער אָפיציר און אויספאָרשונגס־ריכטער, וועלכער האָט איבערראַשט דעם גערטנער הוגאָ־קאַרל און גענישטערט אין אַלע ווינקעלעך און עקן פון זיין גערטנעריי. געענדיקט האָט זיך די זוכונג מיט דער אַרעסטירונג פון דעם גערטנער און זיין פרוי.

— דער אַרעסט פונעם כלומרשטן גערטנער הוגאָ־קאַרל איז געווען — ווי מיר האָט דערציילט אַלעקסאַנדער ראַסקין — איינע פון מיינע געלונגענסטע דערגרייכונגען אינעם קאַמף קעגן די ברוינע בעסטיעס. די מעשה מיטן חשד אין שוואַרץ־האַנדל איז געווען בלויז אַ גוט־אויסגעפּרוּווטער טריק, אַ מין מעטאָד, וואָס מען באַנוצט אין דער קרימינאַליסטיק, בכדי צו דעזאָריענטירן דעם פאַרברעכער. כמעט דעם גאַנצן וועג קיין מינכען, וווּהין איך האָב געפירט די פויגעלעך, האָבן זיי געשוויגן. נאָר דער „גערטנער” האָט פון צייט צו צייט געשאָקלט מיטן קאָפּ, שטיל גע־

שמייכלט, ווי איינער, וואָס פירט אַן אינעווייניקסטן שמועס, ווייסט עפּעס און גלויבט, אַז חוץ אים ווייסט קיינער נישט פון דעם גרויסן סוד, וואָס ער טראָגט אין זיין האַרץ. נישט געוווּסט האָט אָבער דער נפש, אַז זיין גערטנערישע טעטיקייט איז שוין פון לאַנג געווען אויפן אויג פון אונ־דזערע געהיים־אַגענטן. עס האָט אים אויך נישט געקענט איינפאַלן, אַז אין מיין רשות געפינען זיך אַזעלכע פאַרניכטנדיקע פאַר אים — הוגאָ־קאַרל ניקעל — באַווייזן, וועלכע זענען גענוג, אַז ער זאָל פאַרמשפּט ווערן צום טויט. פאַר מיר גופא איז שוין מער נישט געווען קיין סוד, אַז הינטער דער פיגור פון הוגאָ־קאַרל ניקעל, דעם געניטן גערטנער מיט דער פּאַט־ריאַרכאַלער באָרד און גוטמוטיקע בלויע אויגן, באַהאַלט זיך איינער פון די גרויזאַמסטע נאַצי־פאַרברעכער, דאָקטאָר אָטאָ שילינג. מיר, יידן, מוזן גוט פאַרגעדענקען דעם דאָזיקן נאָמען, אַז ער זאָל בלייבן אין זכרון אין זיין פאַרשאָלטן אויף דורות און דורות. דר. אָטאָ שילינג האָט אויף די לעבעדיקע קערפּערס פון די אומשולדיקע קאַצעטניקעס אויספּרובירט זיינע געפערלעכסטע מעדיצינישע עקספּערימענטן. מער ווי 80.000 יידישע מע־נער, פרויען און קינדער האָט ער אויפן באַרבאַרישסטן אופן פאַרפּייניקט און פאַרניכטעט. פאַר דעם דאָזיקן מערדער מיטן דאָקטאָר־טיטל און מיט די גוטמוטיקע אויגן זענען יידן געווען ביליקער ווי קרוליקעס אָדער ווי ים־חזירימלעך. זיין שטיינערן האַרץ איז נישט גערירט געוואָרן פון די טרערן פון די פאַרצווייפלטע מאַמעס, נישט די גרויע האָר פון זקנים און נישט אפילו דאָס געיאָמער פון אומשולדיקע קינדער. פאַר אים, דעם דר. אָטאָ שילינג, איז דער יידישער קאַצעטניק געווען נישט מער ווי אַן אָביעקט פאַר עקספּערימענטן. ס'איז זיך נישט שווער אָנצושטויסן, ווי גרויס ס'איז געווען מיין פרייד, ווען איך האָב זיך איבערצייגט, אַז די מאַטעריאַלן, וואָס מיינע אַגענטן האָבן אויסגעפונען, האָבן נישט געלאָזן קיין שום ספק וועגן דער אידענטיטעט פון דעם נפש, וועלכער באַהאַלט זיך הינטער דעם כלומרשטן גערטנער הוגאָ־קאַרל ניקעל... צוויי מעת־לעת האָב איך דעם דר. אָטאָ שילינג געלאָזט מיט זיינע אייגענע מחשבות זיך אויסרוען אין דעם תפיסה־קעמערל. צו זיין אויספאָרשונג פנים לפנים האָב איך זיך געגרייט ווי צו אַן אמתן יום־טוב. די פּראָצעדור פון דער אינדיווידועלער אויספרעגונג איז זייער אַ פּשוטע. חוץ דעם אויספאָרשונגס־ריכטער און

דעם באַשולדיקטן געפינען זיך אין צימער נאָך דריי פּערזאָנען: אַ סעקרעטאַר, וואָס פירט דעם פּראָטאָקאָל, און צוויי באַוואָפנטע שומרים — סערזשאַנטן, — וועלכע שטייען ביי דער טיר. מיין אַמט־צימער אין מינכענער מיליטערישן געריכט איז געווען נישט זייער גרויס און איז געלעגן אַ ביסל איזאָלירט. ווען די ווענט פון מיין צימער וואָלטן קאָנען רעדן, וואָלטן זיי געקאָנט דערציילן אַ סך, גאָר אַ סך אינטערעסאַנטע, טרויעריקע, פיינלעכע, אָבער אויך דערהויבענע זאַכן. וויפל מאָל האָבן פון די דאָרטיקע ווענט אָפּגעהילכט קולות, צאָרן־אויסברוכן, זידלערייען, ווילדע אויסגעשרייען פון אַנטפּלעקטע מערדער, און אויך הייסע און ביטערע טרערן פון נעבעכדיק־אויסגעמאַטערטע יידישע עדות.

אַלעקסאַנדער ראַסקין האָט מיר פאַרטרויט, אַז יעדעס מאָל, ווען אין זיין דמיון לעבט־אויף די סצענע פון דער פּערזענלעכער אויספרעגונג פון נעם פאַרברעכערישן נאַציסטישן דאָקטאָר שילינג, כאַפּט אים אָרום אַן אימה. די גאַנצע פּאַסירונג וואַכט־אויף פאַר זיינע אויגן ווי ווען זי וואָלט ערשט נעכטן געשען.

— צווינגען אַ פאַרברעכער זיך מודה צו זיין — דערציילט אַלעקסאַנדער ראַסקין — איז נישט קיין איינפאַכע זאַך, בעיקר אַזאַ מין אויסגעקאָכטן פאַרשוין ווי דער דר. שילינג. קעגן אים האָב איך געמוזט אָנווענדן אַ פּסיכאָלאָגישן מעטאָד, איך האָב אים בכיוון פאַרשפּאַרט אויף צוויי טעג און געהאַלטן אים אין דער איבערצייגונג, אַז מען פאַרדעכטיקט אים אין שוואַרץ־האַנדל, בכדי ער זאָל בלויז אין דער ריכטונג צוגרייטן זיין פאַרטיידיקונג. מיין מעטאָד לגבי שילינגן, ווי אויך שפּעטער לגבי דעם פון מיר אַנטפּלעקטן גענעראַל פראַנק, דעם בלוטיקן תליון פון פּוילישע יידן, איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס איך האָב זיי ביידע דעזאָריענטירט און מיט איין קלאַפּ געצוואונגען זיך מודה צו זיין.

פּאַסירט האָט עס אַזוי: אין אַ געוויסן טאָג און שעה איז דר. שילינג געבראַכט געוואָרן אין מיין אַמט־חדר צוליב אַ פּערזענלעכער אויספרעגונג. אַלע נויטיקע דאָקומענטן און באַווייזן זענען געלעגן קלאַסיפיצירט און צוגעגרייט אין בעסטער אָרדענונג. מיין סעקרעטאַר, די ביידע סערזשאַנטן און איך גופא האָבן מיט דער גרעסטער שפּאַנונג געוואַרט, ווי אַזוי דער פאַרברעכער וועט רעאַגירן אויף די באַווייזן פון זיינע פאַרברע־

כערישע טאַטן. ווי שוין דערמאַנט, האָב איך באַשלאָסן אָנצוּווענדן לגבי שילינגן אַ פּסיכאָלאָגישן מעטאָד. ווי נאָר די סערזשאַנטן האָבן אים אַריינגעפירט אין מיין צימער און ער האָט זיך העפלעך פאַר מיר פאַרנויגט, האָב איך אים געבעטן זיך זעצן אַנטקעגן מיר. עטלעכע מינוט האָט געהערשט אַן אַבסאָלוטע שטילקייט, וועלכע איז בלויז געשטערט געוואָרן פון דעם שאָרן פון די פּאַפּירן, וואָס איך האָב דורכגעבלעטערט.

פּלוצים אָבער האָב איך אָנגעשטעלט מיינע אויגן אויפן פאַרברעכער און שנעל אים אַ זאָג־געטון:

— נו, הער דאָקטאָר שילינג, וואָס קענט איר מיר דערציילן וועגן אייערע פאַרברעכנס אין קאָנצענטראַציע־לאַגער?

— איך האָב גערעכנט, אַז מיין אומדערוואַרטע פראַגע וועט דערשיטערן דעם נפש, אַז ער וועט זיך פּאַרלירן און תיכּף אָנפאַנגען עפּעס צו שטאַמלען אָדער צו וויינען. וועלכע נערוון זענען בכוח אויסצוהאַלטן אַזאַ מין דערשיטערונג?! אָבער צו מיין גרעסטער איבעראַשונג האָט אויפן פּנים פונעם דאָקטאָר זיך נישט פאַרענדערט אפילו קיין איין מוסקול. ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט זיינע גוטהאַרציק־בלויע אויגן און נישט אַרויסגעוויזן קיין שום סימן פון אינערלעכער אויפרעגונג. פאַרקערט, אַנשטאָט אויסצושרייען אָדער זיך צו צעוויינען, האָט ער מיר מיט אַ רואיקער און ווייכער שטים דערלאַנגט אַ קעגן־קלאַפּ:

— וואָס ווילט איר פון מיר, פון אַן עלטערן מענטש, הער קאַפּיטאַן? איך האָב דאָך נאָר אויסגעפילט מיין פליכט... מען האָט מיר באַפוילן צו מאַכן עקספּערימענטן אויף לעבעדיקע מענטשן, האָב איך דעם באַפעל אויסגעפירט. איז וואָס קענט איר האָבן קעגן אַ סאָלדאַט, וועלכער איז גוט דיסציפּלינירט און טוט וואָס מען הייסט אים? . . .

— ווען דער סופיט וואָלט אַראָפּגעפאַלן מיר אויפן קאָפּ, וואָלט עס מיך ווייניקער איבעראַשט ווי דער ענטפער פון דר. שילינג. איך האָב בפירוש פאַרלוירן דאָס לשון. ווער זיצט קעגנאיבער מיר, האָט זיך געטראָגן דורך מיין מוח, — אַ חיה־רעה אָדער אפשר דער טייוול גופא? וואָס טוט מען מיט דעם דאָזיקן אויסוואורף? אויך מיין סעקרעטאַר און ביידע סערזשאַנטן האָבן געשוויגן ווי פאַרגליווערטע. און דאָ האָט מיט מיר פּאַסירט עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן אויסגעטייטשט ווערן ווי אַ מין פּסי־

כישער אפעקט. אין מיין הארץ האָט זיך אָנגעצונדן א פלאַם פון אַנט־ריסטונג, האַס און נקמה. אַלץ, וואָס האָט אין מיין אונטערבאַוווּסטזיין געלעבט אַטאַוויסטיש, די אַלע דריפות, גירושים, שייטערהויפנס, אכזריות און אויסראָטונגען, וואָס דאָס פאָלק ישראל האָט דורכגעמאַכט אין זיין צוויי טויזנט־יעריקער מאַרטיראָלאָגיע, האָט ממש רעבעלירט אין מיר. איך האָב באַפוילן דעם סעקרעטאַר און די ביידע סערזשאַנטן ארויסצוגיין פון צימער און מיך איבערלאָזן אליין מיטן באַשולדיקטן. וואָס ס'איז ווייטער געשען, קען איך געגוי זיך נישט דערמאַנען. איך געדענק בלויז, אַז מיינע פויסטן האָבן מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו שלאָגן אויפן פנים פון דעם טייוור־לאַנישן דאָקטאָר. איך דערמאַן זיך נאָר ווי ער האָט זיך געוואַלגערט אויף דער פאָדלאָגע און איבער זיין באָרד האָבן זיך געשלענגלט ריטשקעלעך בלוט. כ'האָב דעם פאַרברעכער געטראָטן מיט די פיס, אויסגעהאַקט אים די ציין און פאַרוואַנדלט זיין טריפהנע צורה אין א בלוטיקער מאַסקע. ווען זיינע געשרייען וואָלטן נישט דערגרייכט די אויערן פון די סער־זשאַנטן און זיי וואָלטן נישט אַריינגעלאָפן אין צימער, צווייפל איך, צי דעם פאַרברעכער וואָלט באַשערט געווען צו דערלעבן זיין פראָצעס. א האַלב־צעמזיקטן האָט מען דעם דאָקטאָר ארויסגעפירט פון מיין אַמט־צימער. די ווענט און די פאָדלאָגע זענען געווען באַשפּריצט מיט שילינגס טעוטאָנישן בלוט. דריי חדשים האָט מען אים געמוזט היילן, איידער ער איז געקומען צום משפט. ווי אַזוי דער פאַרברעכער האָט געענדיקט — איז באַקאַנט. זיין לעצטן אָטעם האָט דר. שילינג אויסגעהויכט אויף איי־נער פון די תליות אין דער לאַנדסבערגער פעסטונג.

— יאָ, אַנטקעגן וואָס איך האָב דערציילט די דאָזיקע פאַסירונג? — האָט אַלעקסאַנדער ראַסקין, ווי פאַרטראַכט, א פרעג־געטאָן. אהאַ, איך דער־מאַן זיך! אַנטקעגן דעם, וואָס די דייטשן באַקלאָגן זיך אויף דער שלעכ־טער באַהאַנדלונג פון זייערע געפאַנגענע. וואָס פאַרא היפּאָקריטן די דייטשן זענען!... זיי האָבן נאָך די חוצפה זיך צו באַקלאָגן! ליידער דער־לויבט נישט דער מיליטערישער קאָדעקס אפילו די דעמאָביליזירטע אָפי־צירן צו דערציילן וואָס זיי ווייסן און וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט אינעם קאַמף מיט די נאַציסטן. אָבער אפשר מיט דער צייט וועט מען דעם באַ־פעל בטל מאַכן און ערשט דעמאָלט וועט די וועלט זיך דערוויסן דעם גאַנצן אמת . . . .

קאַפּיטל צוועלף

„וועהר־וועלף"

צווישן די געהיימע נאַצישע בוחות, וואָס קאָנספּירירן איצט אין דייטשלאַנד אין „אונטערגרונד", איז די אָרגאַניזאַציע פון די אַזוי גערו־פענע „וועהר־וועלף" די געפערלעכסטע און עקשנותדיקסטע. אַלץ, וואָס די פאַרלוירענע מלחמה און נאַציאָנאַלע מפּלה האָבן אַרויסגעשפּיִט, אַלע דעקלאַסירטע עלעמענטן, וואָס זענען אויפגעשווומען פונעם סאָציאַלן דנאָ אָדער די ווילינגערישע רעשטלעך פון די געוועזענע שטורמאָוויקעס, שטעלן צוזאַמען דעם מהות פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע.

מענטשן מיט אַ פאַרלוירענעם „נעכטן", מיט אַן אומזיכערן „היינט" און אָן וועלכע ס'איז פּערספּעקטיוון אויף אַ קאָנסאָלידירטן און לייטישן „מאָרגן", זענען די „וועהר־וועלף" אַן אמתע סאָציאַלע מגפה. זייער אי־דעאָלאָגיע איז: ראַסיאַלע סופּעריאָריטעט, ברוינער טאָטאַליטאַריזם און יידן־האַס. זייערע פּאָליטישע צילן זענען: קאַמף קעגן דער אָקופּאַציע־מאַכט, נאַציאָנאַלער תחית המתים און די רעסטאַווראַציע פונעם נאַציזם. זייערע קאַמפס־מעטאָדן זענען טעראָר, רויב און מאָרד.

דער קאָנצענטראַציע־פּונקט פון די „וועהר־וועלף" איז די ביזאָנע פון דער ענגליש־אַמעריקאַנער אָקופּאַציע־מאַכט. די אַלפּן־בערג פון בייערן מיט זייערע געדיכטע וועלדער, הויכע שפּיצן און טיפע היילן, זענען ווי פון דער נאַטור געשאַפן פאַר אַלע מינים פאַרברעכער אָדער פאַרשווע־רער. אין דער סאָוועטישער זאָנע איז נישט געבליבן קיין זכר פון די דאָ־זיקע געפערלעכע באַנדיטן. די סיבה איז אַ פּשוטע.

בעת די אַמעריקאַנער און ענגלענדער צאַצקען זיך מיט די „וועהר־וועלף", און משפּטן זיי, ווענדט אָן די סאָוועטישע אָקופּאַציע־מאַכט לגבי זיי אַ סך ראַדיקאַלערן און איבערצייגנדיקן מעטאָד: יעדן געכאַפּטן „וועהר־וואָלף" מאַכט מען אַ קורצן פּראָצעס — מען הענגט אים תיכף אויף אויפן ערשטן בוים. אָבער אויך די נאַציסטישע קעפּ־אַפּשניידער זענען קנאַפּע

בעלנים אויף צו זיין קאַנדידאַטן פאַר סאָוויעטישע תליות, דערפאַר האָבן זיי אַריבערגעטראָגן זייער טעטיקייטס־פעלד אין דער מער־הומאַנער ענגליש־אַמעריקאַנער ביזאַנע.

צו מיין פּלאַן פון באַקענען זיך מיט דער קעגנוואַרטיקער סיטואַציע אין דייטשלאַנד האָט אויך באַלאַנגט דער באַגער אַריינצובליקן אין דער טעטיקייט פון די געהיימע אָרגאַניזאַציעס. אָבער ווי אַזוי באַווייזט מען דאָס? ווי קאָן אַן אויסלענדער און בפרט נאָך אַ ייד, הגם אין ראַנג פון אַן אַמעריקאַנער פּאָלקאָווניק, אַריינדרינגען אין די סודות פון דער נאַציסטישער קאָנספּיראַציע? שוין דער פּרוּוו גופא דאָס דאָזיקע צו דערגרייכן, איז פאַרבונדן מיט סכנות־נפשות. די איינציקע, וועלכע ווייסן, וואָס ס'טוט זיך הינטער די קוליסן פון דער נאַציסטישער אונטערערדישער באַוועגונג, זענען די אָפיצירן אָדער באַאַמטע פון דער אַליאירטער געהיים־דינסט. פון דעם אַליאירטן קאָנטר־שפּיאָנאַזש. אין די הענט פון אָט די באַאַמטע, בעיקר פון די אָפיצירן אין געהויבענע פּאָזיציעס, זענען קאָנצענטרירט די פעדעם פון דער פאַרברעכערישער באַוועגונג.

ס'איז אַן אַלטער און אַלגעמיין־באַקאַנטער כלל, אַז אין יעדער קאָנספּיראַטיווער באַוועגונג זענען פאַראַן פאַררעטער און פאַרקויפטע נשמות. שפּיאָנען און פאַררעטער ווערן פאַראַכטעט אָבער גוט באַצאָלט. עס וועט נישט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז אין פּרט פון שפּיאָנאַזש, פאַרראַט און מסירה, פאַרנעמען די דייטשן דעם אויבן־אָן אין דער פעלקער־משפּחה. לכן, קאָן זיך דער אַליאירטער קאָנטר־שפּיאָנאַזש נישט באַקלאָגן אויף מאַנגל אין נויטיקן מאַטעריאַל. וואָס אמת, פאַרנעמען נאָך עד היום געוועזענע נאַציסטישע פונקציאָנאַרן גאַנץ נישקשהדיקע אַמטן ביי די אַמעריקאַנער, ענגלענדער, פראַנצויזן און אויך אפילו ביי די רוסן. אָבער אויף זיי אַלע — אויף די נעכטיקע ענטוזיאַסטן פונעם „פירער" — וועט געהאַלטן אַן אויג, און זיי געפינען זיך אונטער אַ געהיימער אויפזיכט. דער מינדסטער אָפּנויג פון די אָנגעוויזענע אינסטרוקציעס קאָן ברענגען ניט נאָר צום פאַרלוסט פון דעם אַמט און ממילא פון דער סאָציאַלער עקזיסטענץ, נאָר אויך פאַרשפּאַרט צו ווערן אין אַ תפיסה. וואָס שייך דעם קאַמף קעגן דער אונטערערדישער נאַצי־באַוועגונג, ליגט זיין איבערוואַכונג און אָנפירערשאַפט אויסשליסלעך אין די הענט פון די אַליאירטע. די ראָלע

פון די דייטשן אין דעם דאָזיקן קאַמף איז דעגראַדירט צום מצב פון פּראָ־וואָקאַטאָרן, מוסרים, אָדער איינפאַכע פאַררעטער.

יידישע אָפיצירן און אויספאָרשונגס־ריכטער פונעם אַמעריקאַנער געהיים־דינסט האָבן מיר דערציילט, אַז די מערסטע זייערע דערפאָלגן קעגן די פאַרבאָרגענע נאַציסטן, בעיקר אָבער קעגן דער אונטערערדישער באַוועגונג, האָבן זיי דערגרייכט הויפּטזעכלעך צוליב די קעגנזייטיקע דע־נונציעס מצד' די דייטשן.

— אַלע טאָג, — האָט מיר דערציילט אַ יידישער אָפיציר — ווערט מיין שרייבטיש פאַרפלייצט מיט אַנאָנימע מסירות; איין דייטש פאַרראַט דעם צווייטן, שילדערט זיינע מעשים בעת דעם נאַצי־רעזשים, אַנטפּלעקט די ערטער, וווּ ער באַהאַלט אויס דאָס אָנגערויבטע און אָנגעגנבטע. צווישן די דענונציעס געפינען זיך אויך פאַלשע, אָבער דער רוב זענען אויטענ־טיש. ס'וואָלט אפשר כדאי געווען צו פאַראייביקן די דאָזיקע דענונציעס אין אַ בוך־פאָרעם! ווי אין אַ טראָפּן וואַסער שפּיגלט זיך אָפּ די זון, אַזוי וואָלט אַזאַ מין בוך אָפּגעשפּיגלט די מאָראַלישע געפאַלנקייט פונעם כלל־מרשטן הערן־פאָלק... די דייטשע גייסטיקע דעמאָראַליזאַציע איז אַ סך שטאַרקער, ווי דער דרויסנדיקער עולם מאַלט זיך אויס. אין דעם ליגט אַ גרויסער געפאַר פאַרן וועלט־פרידן. ביים ערשטן ערנסטן קאָנפליקט צווישן די צוויי ריוואַליזירנדיקע אידעאָלאָגיעס, וועלן די דייטשן זיך פאַרדינגען אָדער פאַרקויפן דעם יעניקן צד, וואָס וועט זיי מאַכן אַ העכערן אָנבאָט. די אונטערערדישע נאַציסטישע באַוועגונג לעבט אין דער האָפענונג און גלוסט ממש נאָך אַ נייעם קריג. יעדן אינצידענט צווישן די אַליאירטע און דעם ראַטנפאַרבאַנד טייטשן זיי אויס ווי אַן אָנזאָג פונעם באַגערטן באַוואָפנטן קאָנפליקט.

די אונטערערדישע נאַציסטישע ליטעראַטור, וואָס פאַלט אַריין אין די הענט פון די אַליאירטע, זאָגט עדות, אַז זי ווערט אָנגעפירט אינעם זעלבן בלוטיקן און מענטשנפיינטלעכן נוסח ווי בעת געבעלסעם צייטן. די שענדלעכסטע פּראָפּאַגאַנדע געפינט מען אָבער ביי די „וועהר־וועלף". די דאָזיקע אויסוואָרפן זענען אַ געמיש פון פּשוטע באַנדיטן און ווילדע פאַ־נאַטיקער, פאַר וועלכע ס'איז אַ שאָד אַ קויל. זיי פאַרדינען ניט קיין בעסערן גורל, ווי פיזיש אויסגעראָטן צו ווערן.

א ל י ה ו ט ר אָ צ ק י

* * *

— ווילט איר זיך באַקענען מיט אַן אינטערעסאַנטן יידישן אָפיציר פונעם אַמעריקאַנער געהיים־דינסט? זי קאָן אייך זייער צוניץ קומען די דאָזיקע באַקאַנטשאַפט ! . . .

ווער קאָן זיך אָפּזאָגן פון אַזאַ מין פאַרלאָקנדיקן אָנבאָט, בפרט נאָך מיט אַ יידישן אָפיציר, וועמענס טעטיקייטס־פעלד איז פאַרבונדן מיט נאַ־צישע סודות! איך האָב זיך גלייך אָנגעכאַפּט פאַרן אָנבאָט.

אַ קורצער שמועס דורכן טעלעפאָן פון איינעם אַ פריינט מיט עמעצן, וועמענס נאָמען איך האָב נאָך נישט געוווּסט, האָט מיר אין אַ פערטל שעה אַרום געעפנט די טיר צו אַן אָפּגעלעגענעם צימער אין דעם ריזיקן בנין פון אַמעריקאַנער מיליטערישן געריכט. מיר אַנטקעגן איז אויפגעשטאַנען אַ הויכער, ברייטפּלייציקער יונגערמאַן, מיט אַ טשופּרינע בלאָנדע האָר, שטראַלנדיקע בלויע אויגן, וועלכע האָבן פאַרנומען, ווי ס'האָט זיך גע־דאַכט, די העלפט פון זיין הארטן און מענלעכן פנים.

— מיין נאָמען איז קאַפּיטאַן אַזוי און אַזוי... — האָט ער אויף גיך אַ זאָג געטון, און מיר דערלאַנגט אַזאַ שטאַרקן האַנט־דרוק, אַז איך האָב זיך דערשראָקן צו בלייבן אָן פינגער. קיין עין־הרע אַ גבורה — האָב איך אַ קלער־געטון — בלאָזנדיק אויף די צעקוועטשטע פינגער. מיר האָבן זיך ביידע נישט־ווילנדיק צעלאַכט.

— אונדזער געמיינזאַמער פריינט האָט מיר געזאָגט, אַז איר ווילט זיך באַקענען מיט דער נאַציסטישער אונטערערדישער באַוועגונג — האָט דער קאַפּיטאַן אָנגעפאַנגען אונדזער שמועס. — איר האָט מזל! גראָד נעכטן האָבן מיר אויסגערויכערט אין די בערג אַ באַנדע „וועהר־וועלף". וואָס פאַראַ סאָרט פויגעלעך די דאָזיקע אינדיווידואומס זענען, ווייסט איר דאָך מסתמא. מען מוז זיי יעדן מאָמענט ברענגען צוליב אויספאָרשונג. ווילט איר אפשר אויך דערביי זיין ? . . .

אַ קשיא, צי איך וויל? מיין ענטפער האָט דער יידישער אויספאָר־שונגס־ריכטער און קאַפּיטאַן אָראָפּגעלייענט אוודאי פון מיין פנים. ווען קאָן זיך נאָך אַמאָל שאַפן אַזאַ מזלדיקע געלעגנהייט צו זיין אַן עדות ביי אַן אויספאָרשונג פון רוצחים, וואָס האָבן פאַרלוירן דעם צלם אלוקים ?

דער קאַפּיטאַן שטעלט מיר נישט מער קיין איבעריקע פראַגן. ער דריקט אויף אַן עלעקטרישן קנעפּל און באַלד דערשיינט אויפן שוועל פון דער טיר אַ באַוואָפנטער סערזשאַנט.

— זענען די חברה־לייט שוין געבראַכט געוואָרן? — פרעגט ער דעם סערזשאַנט.

— יעס, סער, זיי זענען שוין דאָ !

איך שפּיר ווי אין מיר וואַקסט די אויפרעגונג. איך קלייב זיך אָנצו־שטרענגען מיין מוח, כדי נישט צו פאַרלירן קיין איין וואָרט פון דעם, וואָס מיר וועט אויסקומען צו הערן. אַ שפּאַס צו זאָגן! זען מיט אייגענע אויגן די לעגענדאַרע „וועהר־וועלף"! הערן מיט אייגענע אויערן זייער ענטפער אָדער אפשר אויך סענסאַציאָנעלע אַנטפּלעקונגען. ביי וועלכן שרייבער מיט אינטואיציע און זשורנאַליסטישן חוש פאַנגט נישט אָן כאַדאָראַם צו גיין דאָס האַרץ? עס בלייבט מיר נישט קיין סך צייט פאַר איבעריקע מעדיטאַציעס.

— קומט! — הער איך אַ קורצע איינלאַדונג פונעם קאַפּיטאַן.

מיר טרעטן אריין אין אַ צווייטן צימער. דאָס ערשטע, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן, איז אַ האַלבער טוץ שווער באַוואָפנטע סאָלדאַטן, וועלכע שטייען ביי דער אויסגאַנג־טיר און ביי די פענצטער, און אַ צענדליק געזונ־טע שקצים מיט אָפּגעברענטע פּנימער און חוצפּהדיקע אויגן, וועלכע האָבן זיך אויסגעזעצט אויף אַ לאַנגער באַנק. פון וועלכן ס'איז אַנדערן מעבל־שטיקל, פון אַ טיש, אָדער אַ שטול, איז קיין סימן נישטאָ. ביי אונדזער אריינקומען, נעמען די סאָלדאַטן אָן אַ מיליטערישע האַלטונג און ציען זיך אויס ווי סטרונעס. די שקצים מאַכן אפילו נישט קיין אָנשטעל זיך פון זייערע פּלעצער אויפצוהייבן.

עטלעכע סעקונדן הערשט אין צימער אַ פולקאָמע שטילקייט. דער קאַפּיטאַן באַטראַכט שטום די אַרעסטאַנטן.

פּלוצים שניידט דורך די לופט אַ קאָמאַנדאָ־באַפעל פונעם אָפיציר: „אויפשטיין!" דער באַפעל איז געקומען אַזוי אומדערוואַרט און אויסגע־שריען געוואָרן מיט אַזאַ מוראדיק קול, אַז די שקצים זענען בפירוש אויפ־געשפּרונגען. אויך אין מיר האָט עפּעס אַ ציטער געטון. און דאָ האָט

זיך אָפּגעשפּילט אַ סצענע, וועלכע איך וועל ביזן סוף פון מיין לעבן נישט פאַרגעסן.

דער קאַפּיטאַן איז צוגעגאַנגען צו דעם ערשטן אין דער ריי פון די אַרעסטאַנטן און דורכשטעכנדיק אים מיט די בליצן פון זיינע אויגן, באַפעלעריש אַ זאָג געטון:

— האַלט דעם קאָפּ העכער, דו פאַרפלוכטער הונט! קוק מיר גלייך אין די אויגן. פאַרגעס נישט, אַז דו שטייסט פאַר אַן אַמעריקאַנער אָפּי־ציר, פאַר אַ ייד! . . .

קוים האָט אָפּגעקלונגען דאָס לעצטע וואָרט פונעם קאַפּיטאַן, זע איך, ווי ער דערלאַנגט דעם שנײַ מיט דער פויסט אַ שטויס אין פּיסק, און ווי יענער הויבט אָן צו שפּייען מיט בלוט און אויסגעהאַקטע ציין. מיט דער שנעלקייט פון אַ בליץ פירט דער קאַפּיטאַן דורך די זעלבע עקזעקו־ציע אויך אויף די אַנדערע „וועהר־וועלף".

איך שטיי בפירוש ווי אַ פאַרגליווערטער. ווען איך וואָלט מיך גע־קענט אין שפּיגל זען, וואָלט דאָרט מסתמא אַרויסגעקוקט אַ קאַלך־ווייסער פּנים אָן אַ טראָפּן בלוט.

איידער וואָס־ווען, איידער מיינע מחשבות זענען בכוח זיך צו אָריענ־טירן, דערטראָגט זיך צו מיר אַ נייער קאָמאַנדאָ־באַפעל:

— אַרויספירן די באַנדע!

אַ צענדליק פּלייצעס דרייען זיך אוים צו דער טיר און פאַרשווינדן איבערן שוועל, אונטער דער באַגלייטונג פון די באַוואָפנטע סאָלדאַטן.

אויך מיר ביידע קערן זיך אום אין דעם אַמט־צימער פון קאַפּיטאַן. איך בין אַזוי אויפגערודערט פון דער אָקאָרשט דורכגעלעבטער סצענע, אַז איך געפין נישט קיין ווערטער אָנצופאַנגען אַ שמועס. איך האָב זיך געריכט אויף אַן אויספאָרשונגס־פּראָצעדור און אַנשטאָט דעם געווען נישט־ווילנדיקער עדות פון אַ דרייסטער עקזעקוציע, איז וואָס קאָן מען צו דעם זאָגן? !

— די באַנדע האָט געהאַט מזל! — רייסט איבער דער קאַפּיטאַן אונדזער פּיינלעכן שווייגן. אייער אָנוועזנהייט האָט זיי געראַטעוועט פון אַ ביטערער אָפּרעכענונג. ווען איר וואָלט דאָ נישט געווען, וואָלט מען זי־כער די העלפט פון די דאָזיקע אויסוווּרפן אַרויסגעטראָגן אויף קראַנקן־

בעטלעך. אונדזערע סאָלדאַטן זענען קעגן די „וועהר־וועלף" אַזוי פאַרביטערט, אַז אָפט צעטרעטן זיי די אַרעסטירטע מיט די פיס. געווים איז אַזאַ מין באַהאַנדלונג פונעם געפאַנגענעם נאַצי־רוצח ברוטאַל און אומגעזעצלעך. אָבער אפילו די שטרענגסטע געזעץ־נאָרמען זענען נישט אַלעמאָל בכוח צו דאָמינירן געפילן אָדער פּלוצימדיקע עמאָציעס. צווישן אונדזערע סאָלדאַטן זענען פאַראַן נישט ווייניק יידן און פּאָליאַקן, וועמענס משפּחות זענען אפשר אויסגעראָטן געוואָרן דורך די געמיינע פאַרברעכער, איז ווער באַזיצט דעם מוט צו דרשענען יושר לגבי די מערדער, פּונקט אין דעם מאָמענט, ווען עס שאַפט זיך די געלעגנהייט מיט זיי זיך אָפּצורעכענען . . .

דער קאַפּיטאַן האָט זיך אויף אַ רגע פאַרטראַכט און מיט ציטערדיקע פינגער אָנגעצונדן אַ ציגאַרעט.

— אויך פאַר דעם פאַרגאָסענעם בלוט פון מיינע אייגענע עלטערן נעם איך נקמה, — גיט דער אָפיציר שטיל אַ זאָג. — איך האָב בכיוון אָנגענומען דעם פּאָסטן פון אַן אויספאָרשונגס־ריכטער ביים געהיים־דינסט, כדי עפעקטיווער צו באַקעמפן די נאַצישע אונטערערדישע באַוועגונג. און וואָס אמת, אויך ווי מעגלעך זיך נוקם צו זיין. אין דעם ענגליש־אַמעריקאַנער אָקופּאַציע־געביט, בעיקר אָבער אין לעצטן, וועט איר זיך אָנשטויסן אויף אַ סך יידן אין געהיים־דינסט, וועלכע פאַרנעמען פאַרשידענע אַמטן, דערהויפּט אָבער אַלס אויספאָרשער, ריכטער אָדער טראַנספּאָרט־אָפיצירן. מיר איז נישט באַקאַנט קיין איינציקער פאַל, ווען אַ נאַצי־פאַרברעכער זאָל געלינגען צו אַנטלויפן פון אַן אַרעסטאַנטן־קאָנוואָי, וואָס ווערט אָנגעפירט פון אַ יידישן אָפיציר, אָדער סערזשאַנט.

די נאַצי־רוצחים ציטערן אַריינצופאַלן אין די הענט פון יידישע ריכטער, אָפיצירן אָדער פּשוטע זעלנער. זיי ווייסן, אַז ביי יידן אָדער פּאָליאַקן וועלן זיי קיין האַניק נישט לעקן. אוודאי זיצן, צום באַדויערן, אין דער אַדמיניסטראַציע פון דער אָקופּאַציע־מאַכט אַ היפּשע צאָל פון פאַרמאַסקירטע נאַצים. אָבער אויסראָטן אַלע נאַצים איז אַן אוממעגלעכע זאַך, דאָס וואָלט געמיינט פאַרטיליקן דאָס גאַנצע דייטשע פאָלק. די דייטשן זענען אַזוי גרינטלעך פאַרגיפטעט מיט דעם נאַציזם און אַנטיסעמיטישן סם, אַז דער רוב מנין און רוב בנין פון זיי זענען אין תוך נאַצים און שונאי־ישראל. פאַרוואָס גיט מען זיי די אַמטן? אייך איז דאָך זיכער באַ־

ווּסט דאָס ווערטל: „אַז מען דאַרף דעם גנב, נעמט מען אים אַראָפּ פון דער תּליה".

נאָך לאַנג זיין איך אין אַמט־צימער פונעם יידישן אויספאָרשונגס־ריכטער אין אַמעריקאַנער אוניפאָרם. אונזער שמועס איז מער אַ מאָנאָלאָג ווי אַ דיאַלאָג. ער, דער יידישער אָפיציר, דערציילט און איך הער מיך אויפ־מערקזאַם צו. ס'איז פאַראַן צו וואָס זיך צוצוהערן. ווי אויף אַ קינאָמאַ־טאָגראַפישן לייוונט שווימען פאַר מיינע אויגן דורך אויפטרייסלענדיקע פּאַסירונגען, רדיפות, קאַמף, בלוט, נקמה — אַלץ לעבנס־געשעענישן פון בלויז איין יידישן יחיד. יעדע איינע פון די דאָזיקע פּאַסירונגען איז אַ דראַמע אַן און פאַר זיך, וואָס וואָלט געקענט אין די הענט פון אַ טאַ־לענטירטן דראַמאַטורג פאַרוואַנדלט ווערן אין דערשיטערנדיקע סצענע־ווערק.

קאַפּיטל דרייצן

„וולאַסאָווצעס"

אין ניו־יאָרק דערשיינען צוויי טעגלעכע רוסישע צייטונגען: ביידע דעמאָקראַטיש געשטימט. אָבער איינע איז דורך און דורך פּראָ־סאָוויעטיש, די אַנדערע, פאַרקערט, איז אַנטי־סאָוויעטיש ביז אין מאַרך פון אירע ביי־נער. די רעדאַקציע־שטאַבן פון ביידע צייטונגען און זייערע שטענדיקע מיטאַרבעטער זענען לכל הפּחות אויף פינף און זיבעציק פּראָצענט אחינו בני ישראל. אויך די שעף־רעדאַקטאָרן זענען יידן. ביידע צייטונגען פירן צווישן זיך, ווי דער שטייגער איז, אַ ביטערן אידעאָלאָגישן קאַמף. דאָס וואָס אין איינער זעט אויס ווייס, בעיקר אין ענינים, וואָס באַלאַנגען צום ראַטנפאַרבאַנד, ווערט דאָס זעלבע אין דער קעגנערישער צייטונג אויס־געמאָלט אין די שוואַרצסטע פאַרבן. אויך אין דער פראַגע פון די רוסישע אויסגעוואָרצלטע, וועלכע וואַלגערן זיך אין די דייטשע, עסטרייכישע אָדער איטאַליענישע פּליטלינגס־לאַגערן, פאַרנעמען די ביידע צייטונגען היפּוכ־דיקע פּאָזיציעס. בעת פאַר דעם פּראָ־סאָוועטישן בלאַט איז יעדער רוסי־

שער פליכטלינג בלויז אַ וויסנוואָרדיסט אָדער אַ פאַררעטערישער וולאַסאָ־וועץ, פּרוּווט די אַנטי־סאָוועטישע צייטונג אַרויסשטעלן די מערסטע רוסי־שע פליכטלינגע אַלס אומשולדיקע קרבנות פון דעם הערבן פּראָלעטאַרישן רעזשים. ווער פון די צוויי ריוואַליזירנדיקע צדדים איז גערעכט, איז פאַר אַ זייטיקן מענטש בפרט נאָך אויף אַזאַ וויטן מהלך, ווי פון די פאַראייניק־טע שטאַטן ביז אייראָפּע, שווער זיך צו שאַפן אַ ריכטיקן אורטייל. דער אמת, ווי געווענלעך, ליגט ערגעץ אין דער מיט.

קנאַפּ פאַר מיין פאַרלאָזן ניו־יאָרק איז דערשינען אין רוסישער און ענגלישער שפּראַך אַ בראָשור פונעם באַוווסטן רוסישן שרייבער און היס־טאָריאָגראַף באָריס ניקאָלאַיעווסקי, וועגן זיין באַזוך אין די אייראָפּעאישע פליכטלינגס־לאַגערן. באָריס ניקאָלאַיעווסקי איז נישט נאָר אַ סאָלידער, ערנסטער און באַקאַנטער שריפטשטעלער, נאָר אויך אַן אמתער אוהב ישראל. מיט אַ יאָר עלף צוריק, בעת דעם טרויעריק־באַרימטן בערנער־פּראָ־צעס אין שייכות „זקני ציון", איז ער צוזאַמען מיטן שטאָקהאָלמער אויי־בער־ראַבינער, דאָקטאָר עהרנפּרייז און מיטן פאַרשטאָרבענעם היסטאָרי־קער אליהו טשעריקאָווער, געווען איינע פון די הויפּט־פיגורן, וועלכע האָבן חוזק געמאַכט פון די נידערטרעכטיקע אַנטיסעמיטישע בילבולים קעגן דעם וועלט־יידנטום. הגם באָריס ניקאָלאַיעווסקי איז אַ קעגנער פונעם סאָוויעטישן רעזשים, באַמיט ער זיך אין זיין אורטייל וועגן דער סאָוויע־טישער אינערלעכער און אויסערלעכער פּאָליטיק צו זיין אָביעקטיוו, אויף אַזוי ווייט אָביעקטיוו, ווי דאָס דערלויבט אים זיין סאָציאַליסטיש־דעמאָ־קראַטישער וועלט־באַנעם.

קענטיק, אַז ניקאָלאַיעווסקיס בראָשור האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטערעס, בעיקר דאָס קאַפּיטל, וואָס איז געווידמעט דער באַוועגונג פון די פאַררעטערישע וולאַסאָווצעס.

דאָ מוז תיכף געזאָגט ווערן, אַז ניקאָלאַיעווסקיס פּאָזיציע לגבי די דאָזיקע אויסוווּרפן האָט אַרויסגערופן די גרעסטע אַנטוישונג און אַנטרים־טונג צווישן זיינע פריינט און אידעען־חברים. ניקאָלאַיעווסקיס צוגאַנג צו די וולאַסאָווצעס איז נישט ווי צו אַ פאַררעטער, נאַציסטישע מיטלויפער און פּשוטע כוליגאַנעס. פאַרקערט, ער שילדערט דעם געוועזענעם סאָוויע־טישן גענעראַל וולאַסאָוו אַלס איינעם, וועלכער האָט זיך אַנטוישט אינעם

קאָמוניזם, וועלכער האָט זיך איבערצייגט אין דער רעאַקציאָנערקייט פֿור־נעם סאָוועטישן רעזשים וואָס וועט דערפֿירן רוסלאַנד צו אַ נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפֿע. די אַרמיי, וואָס וולאַסאָוו האָט רעקרוטירט צווישן רוסישע, אוקראַאינישע און קאַווקאַזישע געפֿאַנגענע איז געווען כּלומרשט אַן אמתע באַפֿרייאונגס־אַרמיי, וועלכע האָט געהאַט בדעה צו רעסטאַווריר̈ן דאָס נאַציאָנאַלע רוסלאַנד אויף דעמאָקראַטישע יסודות. אַפֿילו וולאַסאָווס צוזאַמענאַרבעט מיט היטלערן האָט געהאַט זיינע טיפֿערע כּוונות. אויך ער, וולאַסאָוו, האָט געוואָלט, ווי דאָס האָט דערגרייכט סטאַלין מיט זיין טרויע־ריק־באַרימטן אָפּמאַך, אין פּאַסיקן מאָמענט אָפּנאַרן היטלערן און אַרײַבערגיין אין דעם לאַגער פֿון די אַליאירטע. אויב פֿון דעם דאָזיקן שפּיל איז געבליבן בלויז אַ שענדלעכער פּאַסיט, איז עס נאָר אַ פּועל יוצא פֿון אומגליקלעך־צוזאַמענגעפֿאַלענע סיבות.

ניקאָלאַיעווסקיס נאָענטע פֿריינט, האָבן זיך ממש געחידושט: וואָס עס איז אים איינגעפֿאַלן צו כּשרן איינע פֿון די געמיינסטע און רעאַקציאָנערסטע באַוועגונגען? ווי איז עס ניקאָלאַיעווסקין אויפֿן שכל געקומען צו געבן אַ פּאָליטישע און מאָראַלישע אַפּראָבאַציע פֿאַר אַ נפֿש, ווי וולאַסאָוו, וועמענס נאָמען קלינגט ווי אַ קללה אין מויל פֿון יעדן אָנשטענדיקן מענטש. גראַד ניקאָלאַיעווסקיס בעסטער חבר, גריגאָרי אַראָנסאָן, אַ באַוווסטער יידיש־רוסישער פּובליציסט און אַן אָנגעזעענע פֿיגור אין ניו־יאָרקער יידישן לעבן, האָט דערלאַנגט ניקאָלאַיעווסקין אַ גוטע פּאַרציע, נישט בלויז מיט פּאָליטישער רעטאָריק און מיט פּאָלעמישן פֿלאַם, נייערט מיט פֿאַקטן, מיט ציפֿערן און דאָקומענטן, האָט אַראָנסאָן בפֿירוש צעקלאַפּט דאָס אַלץ פּאָזיטיוועס, וואָס ניקאָלאַיעווסקי האָט געשריבן לטובֿת דער וולאַסאָווער באַוועגונג. אַראָנסאָן האָט באַוויזן, אַז ניקאָלאַיעווסקיס הנחות אין דער אַנאַליזירונג פֿון וולאַסאָווס כּלומרשטע אידעען זענען פֿאַלש און ממילא מוזן אויך די אויספֿירונגען זיין פֿאַלש. מיט אמתן יידישן ברען און אייזערנער לאָגיק, האָט אַראָנסאָן מאַניפֿעסטירט, ווי געפֿערלעך און רעאַקציאָנער עס איז פּרוּוון צו רעהאַביליטירן אַן אינדיווידו פֿונעם שניט וולאַסאָוו, וועמענס גאַנצע באַוועגונג איז אויפֿגעבויט געווען אויף פֿאַראַט, פּערזענלעכער גיריקייט און יידן־האַס.

די דיסקוסיע אַרום ניקאָלאַיעווסקיס בראָשור איז צוזאַמענגעפֿאַלן

מיטן דערשיינען פון גוזענקאָס און קראַוטשענקאָס רעוועלאַציעס און מיט די סענסאַציאָנעלע אויספאָרשונגען פון דער ספּעציעלער קאָנגרעס־קאָמי־סיע, וואָס האָט זיך באַשעפטיקט מיט דער כלומרשטער סאָוויעטישער אַנטי־אַמעריקאַנער קאָנספּיראַציע.

ס'איז זיך נישט שווער אָנצושטויסן, וואָס פאַר אַן אָנגעלאָדענע אַטמאָספער די דאָזיקע רעוועלאַציעס האָבן געשאַפן אין אַמעריקאַנער פּאָ־ליטישן לעבן. אומעטום, אויף יעדן שריט און טריט האָט מען געקענט הערן היציקע דעבאַטן וועגן דעם ראַטנפאַרבאַנד, וועגן שפּיאָנאַזש, באַ־אַמטן־פאַרראַט, אָדער באַדראָענדיקער קאָמוניסטישער אונטערמינירנדי־קער אַרבעט.

די סאָוויעטישע נעאָ־אימיגראַנטן, האָבן נישט געקאַרגט מיט אונ־טערגיסן אויל אין דעם פייער, וואָס עס האָט זיך צעפלאַקערט אַרום דעם ראַטנפאַרבאַנד.

לאָגיש, אַז אויך איך האָב נישט געקאָנט בלייבן אינדיפערענט בנוגע דער געשאַפענער סיטואַציע. אין מיין רייזע־פּלאַן קיין אייראָפּע האָב איך פאַרצייכנט די נויטווענדיקייט צו באַקענען זיך מיט דער לאַגע פון די רוסישע פּליטים, בעיקר מיט די וולאַסאָווצעס. אגב, האָט דער שעף־רעדאַק־טאָר פון איינער פון די צוויי רוסישע צייטונגען מיך געבעטן צו געבן אַן אָביעקטיווע אָפּשאַצונג וועגן די רוסישע פּליטלינגע. דער אָנבאָט איז מיר געווען זייער צום הארצן. פאַרוואָס טאַקע נישט? אין מיר שטעקט דאָך אַ שטיקל רוס אויף אַזוי ווייט ווי אין יעדן אַנדערן גלות־ייד, וועלכער איז תמיד אַ פּראָדוקט פון אַ טאָפּלטער קולטור.

* * *

בעת מיין אָנוועזנהייט אין אייראָפּע, בעיקר אין די אָקופּאַציע־געביטן, איז מיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט און אינטערעס קאָנצענטרירט געווען אַרום דעם עצם־פּראָבלעם וועגן דער לאַגע פון דער שארית הפּליטה. מזרח־יידן, מערב־יידן, אַלץ וואָס עס איז געבליבן נאָך דער סטיכישער שׂרפה נאָך דעם גרעסטן נאַציאָנאַלן קאַטאַקליזם אין אונדזער צוואַנציקסט־יאָריקער מאַרטיראָלאָגיע. דאָס איז געווען דער קערן־פּונקט פון מיינע אויספאָרשונגען. מיטן גורל פון די פּליטלינגע פון אַנדערע פעלקער, וועל־

כע זענען פון די נאַציס פאַרשלעפּט געוואָרן אין דעם דריטן רייך, אָדער וועלכע זענען אַהין פאַרוואָגלט געוואָרן דורך אַן אומגליקלעכן מזל, האָב איך מיך געקענט נאָר אויף אַזויפיל אָפּגעבן אויף וויפל די רעשטלעך פון מיין קאַרג־באַרעכנטער צייט האָבן דאָס דערלויבט.

— אויב איר ווילט האָבן אַ קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן דער לאַגע פון די יידישע פּליטים, מוזט איר אומבאַדינגט באַזוכן אויך עטלעכע נישט־יידישע לאַגערן — האָט מיך געעצהט מר. טשאַלסי, דער דירעקטאָר פון „איראָ”. איך וועל אייך באַקענען מיט אַ פּערזאָן, וועלכער וועט אייך פאַר דעם צוועק זייער נוצלעך זיין. אגב, איז עס אַ רוסישע פרוי און איר וועט אייך קענען גוט אויסרעדן אין רוסיש.

עטלעכע טעג שפּעטער בין איך געזעסן אין דעם פּרעכטיקן רעסטאָראַן פון מינכענער „קונסט־הויז”, וואָס די אָקופּאַציע־מאַכט האָט רעקווויזירט פאַר אירע אָפיצירן, באַאַמטע און געסט, אין געזעלשאַפט פון דער פרוי טאַטיאַנאַ אַלעקסעיעווונאַ שאַאופּוס, די דעלעגירטע פון דער „אַמעריקאַנער קוואַקער־געזעלשאַפט”.

די מיטל־גרויסע געשטאַלט פון דער דאָזיקער פרוי איז מיר געקומען צום פאָרשיין ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן. ענערגיש, טעמפּעראַמענטפול און באַוועגלעך, שטעלט טאַטיאַנאַ שאַאופּוס מיט זיך פאָר כסדר אַ צענטער פון אויפמערקזאַמקייט. זי קען אַ סך מענטשן און אַ האַלבע וועלט קען זי, די טאַטיאַנאַ שאַאופּוס.

הגם אַ פרוי אין דער עלטער, ווען מען מוז אונטערהעלפן דער דער נאַטור אַ ביסל מיט קאָסמעטיק און פאַרלייקענען די יאָרן, איז מאַדאַם שאַאופּוס נאָך זייער חנעוודיק און אָנציענד.

אַן אָפּשטאַמלינג פונעם באַלטישן אַדל, די טאָכטער פון אַ געוועזענעם הויכן צאַרישן ביוראָקראַט, איז טאַניאַנאַ שאַאופּוס פולקאָם רוסיפיצירט. געבוירן און דערצויגן אין געוועזענעם פּעטערבורג, האָט זי געענדיקט די אַמאָל באַרימט־געוועזענע „בעסטושעווסקי־קורסן” — אַ מין פרויען־אוניווערזיטעט, און האָט אידעאיש באַלאַנגט צו דער באַוועגונג פון לעוו טאָלסטאָיס „נעפּראָטיוולענצעס”. בראש פון דער דאָזיקער באַוועגונג איז געשטאַנען גראַף טאָלסטאָי גופא, וועמענס גייסטיקע און מאָראַלישע תורה האָט געפּרעדיקט זיך נישט אַנטקעגנצושטעלן דעם בייזן.

טאַטיאַנאַ שאַאופּוס האָט אין די יונגע יאָרן זיך באַגייסטערט מיט טאָלס־טאָיס מאָראַל־פילאָזאָפיע, זיך באַפריינדעט מיט זיין ליבלינגס־טאָכטער אַלעקסאַנדראַ און איז אַריינגעקומען אין דעם אינטימען קרייז פון טאָלס־טאָיס בעל־יועץ, וולאַדימיר טשערטקאָוו. דורכדעם האָט זיך פאַר איר, פאַר טאַטיאַנאַ שאַאופּוס, געעפנט די טיר צו דער וועלט־באַרימטער „יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ" און צו פערזענלעכער באַקאַנטשאַפט מיטן גרויסן רוסישן דענ־קער און שריפטשטעלער לעוו טאָלסטאָי.

לכן איז זיך לייכט אויסצומאָלן, בעיקר פאַר אַ מענטש פון מיין דור, אַז אַ צוזאַמענטרעף מיט אַ פּערזענלעכקייט, וואָס איז געשטאַנען נאָענט צו לעוו טאָלסטאָי, איז געווען באַזונדערס פאַרלאָקנדיק.

שוין מיין ערשטע באַגעגעניש מיט טאַטיאַנאַ שאַאופּוס האָט מיך איבערצייגט, אַז פאַר מיר געפינט זיך אַן אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנ־טער און הויך־געבילדעטער מענטשן־טיפּ, פון וועלכן עס איז פאַראַן זיך וואָס אָפּצולערנען. טאַטיאַנאַ שאַאופּוס פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט איז כמעט אַן אומדערשעפּלעכער מקור פון באַדייטנדיקן ליטעראַרישן ווערט.

דאָ האָב איך בדעה זיך אָפּצושטעלן בלויז אויף דעם אַקטועלן, אויף דעם טאָג־טעגלעכן, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער לאַגע און גורל פון די פּליטים, פון יענער פּנימלאָזער, גרויזאַמער מאַסע, וואָס רופט זיך אויס־געוואָרצלטע. ,

— איך וואָלט נישט געוואָלט, אַז איר זאָלט באַזוכן אַ רוסישן פּליכט־לינגס־לאַגער, איידער מיר האָבן זיך נישט דורכגערעדט, — זאָגט צו מיר פרוי שאַאופּוס. — דווקא דערפאַר ווייל איר זענט אַ ייד, און אַ חוץ דעם נאָך אַ שרייבער און אַ פאָרשטייער פון אַ יידישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, האָב איך אַ ביסל מורא פאַר אייער אורטייל. וועגן איין זאַך מוז איך אייך שוין תיכף בעטן: מאַכט נישט קיין פאַרגלייך און ציט נישט קיין פאַראַ־לעלן צווישן דער סיטואַציע פון די יידישע פּליטים מיט די אַנדערע פעל־קער, פון רוסישע שוין גאָר אָפּגערעדט.

מיר איז גוט באַקאַנט דער פאַרנעם פון דער יידישער קאַטאַסטראָפע, איך ווייס אויך, אַז קיין צווייט פאָלק האָט נישט אַזוי פיל געליטן און גע־מאַטערט געוואָרן מצד די ברוינע אוממענטשן, ווי די יידן. גראָד אָבער דער פאַקט, וואָס דאָס יידישע פאָלק, טראָץ זיין ריזיקן בלוט־קרבן, קעמפט

ווייטער אזוי עקשנותדיק און מונטער, רופט אַרויס לגבי אים דעם גרעסטן דרך־ארץ. קעמפן גלייכצייטיק אויף עטלעכע פראָנטן: פאַר אַן אייגענער מלוכה אין פּאַלעסטינע, פאַר מענטשן־רעכט אין דער איבעריקער וועלט און פאַר דעם ווייטערן קיום פון די פּליטים — וועלכעס אַנדער פאָלק האָט באַוויזן אַזוינס צו לייסטן?! באַטראַכט נישט מיינע ווערטער ווי אַ מין חניפה. דאָס איז מיין ערלעכע איבערצייגונג. וועלכעס אַנדער פאָלק טוט אזוי פיל פאַר זיינע פּליטים, ווי דאָס יידישע? איך שעם מיך אָפּטמאָל פאַר אָקופּאַציע־אָפיצירן אָדער פאַר די באַאַמטע פון דער „אירא", בשעת זייערע באַזוכן אין אונדזערע לאַגערן. ווי מוזן די דאָזיקע אָפיצירן אָפּשאַצן אין זייער אינערן די רוסן, פּאָליאַקן, ליטווינער, לעטן און די פילע אַנדערע קריסטלעכע אויסגעוואָרצלטע, פאַרגלייכנדיק זייער מאַטעריעלן און מאָראַלישן מצב מיטן מצב פון די יידישע פּליטים?! ווער קימערט זיך שוין וועגן די דאָזיקע מענטשן, צווישן וועלכע עס זענען פאַראַן נישט ווייניק פּראָדוקטיווע עלעמענטן... מיט אמתער קנאה באַוואונדער איך די טעטי־קייט פון די יידישע אָרגאַניזאַציעס. דורכבלעטערנדיק געלעגנהייטלעך זייערע אָפיציעלע באַריכטן און שטודירנדיק זייערע ביודזשעטן, פאַרדרייט זיך מיר דער קאָפּ פון דעם פאַרנעם פון זייער אַרבעט און פון די סכומים געלט מיט וועלכע זיי אָפּערירן. ווען אין מיין רשות וואָלט זיך געפונען בלויז אַ ווינציקער ברוכטייל פון דער קלענסטער יידישער אָרגאַניזאַציע, וואָלט איך באַוויזן עפּעס אויפצוטון. אָבער אַזוי!....

פרוי טאַטיאַנאַ שאַאופוס האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, ווי איינער וועלכער ווייסט, אַז זיין סיטואַציע איז אַ האָפענונגסלאָזע.

— איצט, — האָט זי אַ זאָג געטון ביים געזעגענען זיך, — וועט איר לייכטער באַגרייפן די לאַגע פון די רוסישע אויסגעוואָרצלטע און אפשר אויך מילדער באַאורטיילן מיין טעטיקייט...

* * *

און אָט פאַרברענג איך אַ גאַנצן טאָג אין אַ רוסישן לאַגער ערגעץ אויפן וועג צווישן מינכען און לאַנדסבערג. דער צוטריט צום לאַגער איז מיר נישט שווער געווען צו דערגרייכן. אַ רעקאָמענדאַציע פון מר. טשאַלסי, דעם דירעקטאָר פון „אירא", האָט מיר געעפנט די טירן צו יעטוועדן לאַגער.

מיך נעמט אויף אַ ברייט־פּליייציקער, בלאָנדער רוס מיט אַן אָפּגע־שוירענעם קאָפּ, ווי ביי אַן אַרעסטאַנט, מיט אַ האַרטן מויל און מיט אַ פּאָר גרוי־שטאָלענע אויגן. מיין מיליטערישער ברייטער מאַנטל אין כאַקי־פאַרב, מיין אויטאָ באַצירט מיט אַן אַמעריקאַנער פענדל און געפירט פון אַן אוניפאָרמירטן שאָפער מאַכט אויפן רוסישן לאַגער־קאָמענדאַנט אַ גע־ווויסן איינדרוק. ער שטעלט זיך פאָר מיר פאָר אין אַ שלעכטן ענגליש, אָבער דערהערנדיק מיין קענגזייטיקע פאַרשטעלונג אין רוסיש, צעגיסט זיך אַ פריידיקער שמייכל אויף זיין קאַלטן פּנים.

דער ערשטער איינדרוק פונעם רוסישן לאַגער איז אַ שוידערלעכער. מענער, פרויען, קינדער, עלטערע און יינגערע, מערסטנס אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע וועקן די פאַרשטעלונג פון אמתן ערב־רב. מיר שפּריזן מיט ניקאָלאַי פּעטראָוויטש סוואָבאָדין, דעם לאַגער־קאָמענדאַנט, דורך אַ ריכטיקער ווייסטעניש, ווו ביי די טירן פון באַראַקן און קינסטלעכע הייז־קעס שטייען אַרום אויסגעמאָגערטע מענער אָדער פאַרען זיך פאַרוואָר־לאָזטע ווייבער. פון ערגעץ טראָגט זיך אַזאַ געפערלעכער עיפּוש, אַז מען קאָן קוים אָטעמען. ווען איך וואָלט זיך ניט געשעמט, וואָלט איך אַרויס־געגומען מיין טאַשן־טיכל און פאַרשטעקט די נאָז. דער קאָמענדאַנט באַ־מערקט מיין קלעמעניש און גיט אויף גיך אַ זאָג :

— אונזערע סאַניטאַרע איינריכטונגען, ווי איר שפּירט משמעות, זענען ווייט פון צו זיין היגיעניש... מיר בעטן זיך שוין זייט וואָכן ביי דער „אירא”, אַז מען זאָל אויסרייניקן די קלאָאַקן, אָבער ווער קימערט זיך אַן אונדז?! מיר זענען דאָך נישט מער ווי צוויי־פיסיקע חיות...

דער קאָמענדאַנט פירט מיך אַריין אין זיין אַמט־ביוראָ. עס איז אַ קליין צימערל, זייער אָרעמלעך אויסמעבלירט, אין שכנהשאַפט מיט אַ צווייטן חדר, ווו ביי אַ פּראָסטן האָלץ־טיש זיצן צוויי מיידלעך און שרייבן עפּעס.

אַ שמועס צווישן דעם קאָמענדאַנט און מיר פאַרבינדט זיך זייער שנעל. קיין שטאָף פאַר אַ טעמע איז נישט נויטיק צו זוכן. שוין דער גע־בעכדיקער אויסזען פונעם אַמטס־ביוראָ איז אַ טעמע פאַר זיך.

— איידער איר וועט זיך באַקענען מיט אונדזער לאַגער און זיינע תושבים, — פאַנגט אָן קאָמענדאַנט סוואָבאָדין דעם געשפּרעך; — וואָלט

איך וועלן געבן אייניקע אינפאָרמאַציעס. אין אונדזער לאַגער לעבן לערך פופצן הונדערט נפשות, בעיקר רוסן און אוקראַאינער פון די פאַרשידנסטע אייראָפּעאישע מקומות. ס׳רוב זענען עס געוועזענע סאָלדאַטן און אָפיצירן, וואָס האָבן פאַרן קריג געלעבט אין יוגאָסלאַוויע און בעת דער מלחמה געקעמפט אין די רייען פון גענעראַל מיכאַילאָוויטש קעגן די דייטשן און שפּעטער קעגן דעם גענעראַליסימוס טיטאָ. מיר האָבן דאָ אויך וולאַסאָוו־צעס, פאַרשלעפּטע רוסן, וועלכע די געשטאַפּאָ־אַגענטן האָבן געצוווּנגען צו שקלאַפן־אַרבעט, אָבער אויך אַ פּאָר טוץ סאָוויעטישע בירגער און דעזער־טירער פון דער רויטער אַרמיי. נישט נאָר פּאָר אַ זייטיקן מענטש, נאָר אפילו פאַר אונדזער איינעם, וואָס איז פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיט אַלע ענינים פון די אויסגעוואָרצלטע איז נישט לייכט זיך פונאַנדערצוקלייבן אין דעם פּאָליטישן מיש־מאַש, וואָס אונזער לאַגער שטעלט מיט זיך פאָר. עס איז אַ פּסיכאָלאָגישער כּלל, אַז אָרעמקייט, ענגשאַפט, הונגער, קעלט און דאָס פעלן פון דאָס נויטוועדיקסטע פאַר אַ באַשיידענער מענטשלע־בער עקזיסטענץ, שאַפן פיינטשאַפט אפילו צווישן פריינט. איז וואָס איז שוין פאַר אַ האַרמאָניע צו דערוואַרטן צווישן מענטשן, וועלכע זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן פון אַלע עקן און ברעגן פון דער וועלט, מיסטרויען זיך קעגנזייטיק און איינער באַטראַכט דעם צווייטן ווי אַ פּחדן אָדער ווי אַ נאַציאָנאַלן פאַררעטער.

דעם אַלגעמיינעם האַס געניסט צוערשט די „איראָ", פאַר דער ווינ־ציקער און מאַנגלהאַפטער שפּייזונג. ווייסט איר ווי גרויס עס איז דער וועכנטלעכער „פּאַיאָק" פון אַ לאַגערניק? אַט, לייענט דורך דאָס צעטל!...

דער קאָמענדאַנט רוקט מיר צו אַ בלעטל פון וועלכן עס איז אָפּצו־לייענען, מיט וואָס פאַר אַ פּאָרציע אַ געזונטער מענטש מוז זיך באַגנו־גענען אַ גאַנצע וואָך.

איך לייען און גלויב נישט מיינע אויגן. 700 גראַם ברויט, צוויי קי־לאָגראַם מיט 150 גראַם קאַרטאָפל, 62 גראַם צוקער, 50 גראַם מאַרגאַרין, 100 גראַם קוקורוזע־מעל, 100 גראַם פלייש מיט ביינער, 30 גראַם פיש און צען גראַם ערזאַץ־קאַווע. אויפן פּשוטן לשון מיינט עס: איינמאָל אין דער וואָך אַ קליינע פּאָרציע פלייש, צוויי קאַרטאָפל טעגלעך, דריי מאָל

טעגלעך אַ פּענעצל ברויט און אַ טעלער זופּ אין וועלכער עס שווימט אַמאָל אַ גרויפּ.

— אַ שאָד, וואָס איר זייט מיט עטלעכע טעג צוריק צו אונדז נישט געקומען. — דערלאַנגט מיר אַ זאָג דער קאָמענדאַנט. — איר וואָלט געקאָנט זיין אַן עדות פון אַ מיטלאַלטערלעכער סצענע, וואָס דערמאַנט אָן די אַמאָליקע שקלאַפן־מערק. אונדז האָט באַזוכט אַ קאָמיסיע פון אַ לאַטיין־אַמעריקאַנער לאַנד אין שייכות מיט אימיגראַציע. דאָס דערמאָנטע לאַנד האָט אינטערעס פאַרן צופלוס פון פריש אייראָפּעאיש בלוט, פאַר געזונטע האָרעפּאַשנע מענטשן, וועלכע זענען בכוח לאַנדווירטשאַפטלעך צו אַרבעטן. די רעגירונג פון לאַטיין־אַמעריקאַנער לאַנד זוכט נישט נאָר מענטשן מיט שטאַרקע מוסקולן, האַרטעביינער און געזונטע ציין, נאָר אויך אַזעלכע, וואָס זענען פּאָליטיש נישט אידענטיפיצירט מיט ראַדיקאַלע אידייען. איז ווו געפינט מען אַ בעסערן מקור פאַר אַזאַ מין מענטשן, ווי נישט אין אַ לאַגער פון רוסישע אָדער אוקראַינישע „די־פּיס" (אויסגעוואָרצלטע)? דאָ זיצן ביי אונדז עלעמענטן, וואָס האָבן בלי ספק אַלע סיבות זיך וואָס ווייטער אָפּצוטראָגן פון אייראָפּע. אויב זיי געלינגט נישט אויף איינעם אָדער אויף אַן אַנדער אופן זיך איבערצופּעקלען אויף יענער זייט ים, איז אָסור, אויב זייער לעבן איז ווערט אַ פּרוטה. איך מיין די וולאַסאָווצעס, די דעזערטירן פון דער רויטער אַרמיי, אָדער סתם אַנטלאָפענע סאָוועטישע בירגער. לויט דעם אָפּמאַך פון פּאָטסדאַם זענען די אַליאירטע אָקופּאַציע-באַהערדן פאַרפליכטעט אויסצוליפערן דער סאָוויעטן־מאַכט אַלע סאָוויעטישע בירגער, סיי געוועזענע וולאַסאָווצעס, סיי דעזערטירן און סיי בכלל רוסן. בכן, איז נישט שווער זיך אויסצומאָלן, ווי ס'זעען אויס די נשמות פון יענע עלעמענטן, אויף וועמענס קעפּ עס הענגט דער דאַמאָקל־שווערד פון אויסגעליפערט צו ווערן. יעדער פון זיי ווייסט גענוי, וואָס ער האָט אויף זיין געוויסן און מאַכט זיך ניט קיין איבעריקע אילוזיעס בנוגע דעם גורל, וואָס אים דערוואַרט אין ראַטן־פאַרבאַנד. מיר האָבן שוין דאָ אין לאַגער איבערגעלעבט סצענעס פון העכסטער דראַמאַטישקייט און אפילו זעלבסטמאָרד. כמעט אויף מיינע אויגן האָט אַ געוועזענער רוסישער מעדיצינער זיך אויפגעשניטן די אָדערן און אויסגעהויכט דעם לעצטן אָטעם. אַלע פּרוּוון אים צו ראַטעווען האָבן זיך אַרויסגעוויזן אומזיסט . . .

... איך וויל זיך נישט אַריינלאָזן אין פּרטים פון שולדיקייט און יושר. איך קאָנסטאַטיר בלויז פאַקטן. די פאַקטן זענען אָבער אַזעלכע, אַז אַ טייל פון אונדזערע לאַגערניקעס זענען גרייט זיך צו פאַרקויפן אפילו דעם טייוול אבי נאָר פון דאַנען זיך אַרויסצוראַטעווען. אומקערן זיך קיין רוסלאַנד ווילן זיי בשום אופן נישט.

דערפאַר זאָג איך: אַ שאַד וואָס איר זענט נישט געווען דאָ מיט עטלעכע טעג פריער. אפשר איז אייך אויסגעקומען אַמאָל צו זען דאָס קלאַסיש־באַקאַנטע בילד פון אַ שקלאַפן־מאַרק אין אַלטן רוים?!... אויב נישט, וואָלט איר דאָס זעלבע בילד אין נאַטור געקענט זען דאָ־הי. מען האָט יעדן לאַגערניק, וואָס האָט זיך רעגיסטרירט פאַר אימיגראַציע, בפירוש אָפּגעמאָסטן, אָפּגעוואוויגן און אָפּגעשאַצט, ווי די אַמאָליקע שקלאַפן אָדער ווי מען שאַצט אָפּ בהמות אויף אַ מאַרק. דער אופן ווי די סעלעקציע איז געווען דורכגעפירט האָט אַנטהאַלטן עפּעס באַליידיקנדיקס און ווירדעלאָזנדיקס פאַר אַ וועזן מיט אַ צלם אלקים. נישט געקוקט אויף דעם, פילן זיך די אויסגעוואָרצלטע גליקלעך און ציילן ממש די טעג ווען מען וועט זיי פון דאַנען אַרויסנעמען. וועגן דעם, וואָס פאַרא גליקן זיי דערוואַרט אין די מעבר־לים לענדער, בעיקר אין די אורוועלדער און פּאַמפּעס פון די לאַטיין־אַמעריקאַנער רעפּובליקן, פאַרטראַכטן זיי זיך נישט. פאַר זיי, פאַר די לאַגערניקעס, וועמענס באַנעמען בעת דער מלחמה איז געווען נישט גאַנץ כשר פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט און וועלכע ציטערן אויסגעליפערט צו ווערן, איז נישט פאַראַן קיין אַנדער ברירה ווי וואָס שנעלער אָפּצוטראָגן זיך. עס וועט נישט זיין קיין גוזמא צו זאָגן אַז אַ דריטל פון די לאַגערניקעס זענען פּסעוודאָנימען, וואָס לעבן אונטער פאַלשע נעמען, כדי אויסצובאַהאַלטן זייער צוגעהעריקייט צו דער סאָוויעטישער שטאַטס־אָנגעהעריקייט.

העכער צוויי שעה אינפאָרמירט מיך ניקאָלאַי פּעטראָוויטש סוואָבאָדין, דער קאָמענדאַנט, וועגן דעם פּראָבלעם פון די רוסישע אויסגעוואָרצלטע און וועגן אירע פאַרשידענע סעקטאָרן. פאַר מיינע אויגן קייקלט זיך פונאַנדער אַ ברייטע פּאַנאָראַמע פון אמתער דראַמאַטישקייט אין וועלכן אומוויסן, פּאָליטישער האַס, טעמפּקייט, ראַסן־פאַראורטייל און אָפּגעשטאַנענקייט זענען געדיכט פאַרוועבט מיט פאַרראַט, פאַרברעכן און נידעריקע עגאָאיסטישע אינטערעסן. קאָמענדאַנט סוואָבאָדין פּרוווט נישט

מיך פּאָליטיש באַאיינפלוסן. ער ווייסט גוט, אַז איך בין אַ ייד און באמת זיך צו זיין אומפּאַרטייאיש.

— די וולאַסאָווצעס — זאָגט ער, זענען לייכט דערקענבאַר. אייניקע פון זיי טראָגן נאָך עד־היום דעם אָפּצייכן „ר. אָ. אַ. (רוסקאיאַ אָסוואָבאָ־דיטיעלנאיאַ ארמיא) דאָס מיינט די „רוסישע באַפרייאונג־אַרמיי". אויב אייך אינטערעסירט, קענט איר זיך מיט זיי דורכשמועסן. איך גופא בין געבוירן אין סובאָטיצאַ, אין יוגאָסלאַוויע. הגם אַ זון פון רוסישע עלטערן, בין איך קיינמאָל אין רוסלאַנד נישט געווען. מיין פאָטער איז אַ געוועזע־נער פּראָפעסאָר פון דער אוניווערזיטעט אין קאַזאַן; העכער דרייסיק יאָר ווי ער האָט רוסלאַנד פאַרלאָזן. מיין מיליטערישע בילדונג האָב איך באַ־קומען אין דער רוסישער מיליטער־שולע אין בעלגראַד. איך בין אַ יוגאָסלאַוו אָבער פון מאַרשאַל טיטאָ דענאַציאָנאַליזירט און זיך דערפאַר אין אַ רו־סישן פּליכטלינגס־לאַגער... ווי שטייט עס מיטן אַנטיסעמיטיזם ביי אונ־דזערע לאַגערניקעס? די פאַרביטערטסטע צווישן זיי זענען די וולאַסאָווצעס, די סאָוויעטישע בירגער און דעזערטירן. הערנדיק זייערע דבורים קאָן מען זיך איבערצייגן ווי טיף דער נאַציסטישער סם האָט פאַרגיפטעט די מוחות און נשמות פון די דאָזיקע מענטשן... אָבער צוליב וואָס זאָל איך אייך דאָס אַלץ דערציילן? מאַכט אַ שפּאַציר דורכן לאַגער, קוקט אַריין וווּהין איר ווילט און באַקענט זיך מיט אַלץ און אַלעמען וואָס אייך גלוסט זיך. שאַפט זיך אייער אייגענעם אורטייל: אַ פּערזענלעכער עקספּערימענט איז תמיד באַלערנדיק . . .

קאַפּיטל פערצן

אַ סאָוויעטישער ייד וואָס זוכט גאָט . . .

מיינע איינדריקן וועגן דעם דריטן רייך, דערנענטערן זיך צום סוף. נאָך עטלעכע קאַפּיטלען און די שילדערונגען פונעם „פאַרשאָלטענעם לאַנד" קענען געשלאָסן ווערן. דייטשלאַנד קען מען איצט פאַרגלייכן צו אַ געפּער־

לעבן זומפּ: וואָס ווייטער מען דרינגט אין אים אַריין, אַלץ טיפער פאַר־זינקט מען. די אור־אייניקלעך און אייניקלעך פון קאַנט, פיכטע, העגל, ניטשע און פון די אַנדערע גרויסע דייטשע גייסטער האָבן אַזוי גרינטלעך חרוב געמאַכט זייער אייגן לאַנד, מיט אַזאַ סטיכישער גבורה עם אַריינגע־שליידערט אין אַ פּאָליטיש־סאָציאַלן תהום, אַז מען פאַרלירט זיך בפירוש אין אים. אונדזער יידישער חלק אין דעם אַלגעמיין אייראָפּעאישן חורבן, בעיקר אָבער אינעם דייטש־פּוילישן איז אַזוי ריזיק גרויס, אַז אַלץ וואָס וועגן דעם איז שוין געשריבן און פאַרעפנטלעכט געוואָרן, שפּיגלט ווייט נישט אָפּ די טראַגישעווירקלעכקייט. בנוגע אַ סך, אַ סך זאַכן און פּאַסי־רונגען איז נאָך בכלל נישט דערציילט געוואָרן און ערשט די צוקונפטיקע היסטאָריאָגראַפן וועלן האָבן די מעגלעכקייט אָביעקטיוו זיי צו שילדערן. צו פריש און צו ברענענדיק זענען נאָך די וווּנדן אויף אונדזער נאַציאָנאַלן קערפּער, כדי מען זאָל קענען איבער איינצלנע אַספּעקטן פון דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע בעת דער היטלער־ממשלה רואיק דערציילן.

אָט אַנאַליזיר איך מיך גופא און מוז מודה זיין, אַז איבער געוויסע דערשיינונגען, וועלכע איך האָב מיט מיינע אייגענע אויגן אין דייטשלאַנד געזען, קאָן איך נישט שרייבן. עפּעס רעוואָלטירט אין מיין פּסיכיק קעגן דאָס באַרירן פון די דאָזיקע טעמען. יעדעס מאָל, דורכבלעטערנדיק מיין טאָג־בוך און אָנשטויסנדיק זיך אויף די דאָזיקע פאַרצייכענונגען באַמי איך מיך וואָס גיכער זיי איבערצוהיפּערן.

— „לאָז אָפּ מיט אָט־די שוידערלעכע שילדערונגען, — שרייט אין מיין אינערן. פּייניק נישט דעם יידישן לייענער מיט שילדערונגען פון מענטשלעכער בעסטיאַלישקייט און מאָראַלישער געפאַלנקייט. גענוג בלוט... אויך די אויפנעם־פעאיקייטן פון דער פּסיכיק האָבן אירע גרענעצן"...

זייט וואָכן קלויב איך זיך צו שרייבן אויף דער טעמע: „דער יידי־שער וועג פון טרערן און בלוט" — אַ טעמע נישט קיין אויסגעטראַכטע. אַזוי רופט זיך אַ קורצער וועג, לערך פון אַ צוויי קילאָמעטער, וואָס פירט צום טרויעריק באַרימטן אויסראָטונגס־לאַגער פון בערגען־בעלזען. איך האָב דעם וועג פּערזענלעך באַטראַכט. אין מיין רשות געפינען זיך אויך מאַטעריאַלן, וואָס קלינגען ווי לעגענדעס, און וואָס וואָלטן קענען דינען פאַר אַ דיכטער אָדער אַ דראַמאַטיקער אַלס שטאָף פאַר אַ נייעם און טראַ־

גישן יידישן עפּאָס. טראָצדעם אָבער אַנטלויף איך פון דער דערמאָנטער טעמע, איך פאַררוק זי אָן אַ זייט, איך באַהאַלט זיך פּחדניש פון איר אויס, איך שפּיר, אַז מיינע נערוון זענען פּשוט נישט בכוח זי, — די טעמע, — צו באַהערשן. איך בלעטער האַסטיק ווייטער אין מיין טאָג־בוך און אָט פאַלט מיין בליק אויף אַ פאַרצייכענונג: „יידן, וואָס זוכן גאָט". מיינע אויגן פאַרטיפן זיך אין דאָס פאַרשריבענע. וואָס לענגער איך לייען, אַלץ בולטער וואַכט אויף אין מיין זכרון אַ באַגעגעניש פון נישט לאַנג צוריק, אַ באַגעגעניש, וואָס פאַרדינט אויספירלעך דערציילט צו ווערן.

דער קאַלענדאַר ווייזט אָן: אָנפאַנג מאַי פון יאָר 1948: אַ רעגנדי־קער פרילינג־טאָג. זייט אַ מעת־לעת גיסט עס, ווי ווען אַלע הימלען וואָלטן זיך געהאַט געעפנט און ווי ווען דער רבונו של עולם זאָל האָבן באַשלאָסן צו פאַרטרינקען די זינדיקע וועלט אין אַ נייעם מבול. איך זיץ און לאַנג־ווייליק זיך אין לעזע־צימער פון אַמעריקאַנער אָפיצירן־האָטעל אין דער שטאָט קאַסעל. אַמאָל איז קאַסעל געווען מיט כמעט אַ מיליאָן באַפעלקע־רונג, מיט אַ ריזיקער אינדוסטריע און פאַרשפּרייטן האַנדל. זי האָט פאַר־מאָגט אַ גאַנץ פיינע קהלה מיט עטלעכע טויזנט יידישע איינוווינער. איצט איז קאַסעל אויף אַכציק פּראָצענט חרוב. די אַליאירטע אַוויאַציע האָט פאַרוואַנדלט די נישט לאַנג נאָך בליענדיקע שטאָט אין בערג פון שטיינער, אייזן און גלאָז. דאָרט, וווּ עס זענען געשטאַנען פאַבריקן, רעגירונגס־בנינים, קונסט־פּאַלאַצן אָדער סתם הייזער, שטאַרצן איצט צום הימל פאַר־רויכערטע און אויסגעברענטע סקעלעטן, מיט פאַרקרימטע טירן, צעשאָ־סענע פענצטער אָן שויבן, אָנגעוואָרפן איינע אויף די אַנדערע אין אַ ווילדן כאַאָס. מען פאָרט דורך גאַנצע קוואַרטאַלן אָן זיך אויף אַ לעבע־דיקן מענטשן אָנצושטויסן. אין די לבנה־נעכט זעט קאַסעל אויס נאָך אָפּשרעקנדיקער און מוראדיקער. דער לאַבירינט פון רואינען וואַרפט אָן אַ פּחד. עס דוכט זיך, ווי ווען הינטער יעדער וואַנט באַוועגן זיך שאָטנס און די פּוסטע פענצטער קוקן ווי מיט טויטע אויגן. בשעת עס רעגנט איז אין שטאָט נאָך פינצטערער און טרויעריקער. די גאַנץ געבליבענע גאַסן מאַכן דעם איינדרוק ווי אויסגעשטאָרבענע. עס פעלן אפילו די פּליטים פונעם נאָענטן לאַגער, וואָס ברענגען אַריין אין דער שטאָט אַ ביסל באַוועגונג.

איז וואָס טוט מען אין אַזאַ טאָג, בעיקר. ווען עס פעלט נאָך אַ בוך צום לייענען?!... איך האָב זיך שוין געקליבן צו כאַפּן אַ דרעמל, ווי פּלוצים אַ האָטעל־שיק־ייִנגל קומט אַריין אין לייען־זאַל און מעלדעט מיר, אַז עמעצער וויל מיט מיר רעדן.

— ווער וואָלט עס געקאָנט זיין — טראַכט איך מיר... — באַקאַנטע? אַ חוץ ווייניקע באַקאַנטשאַפטן, וואָס איך האָב געמאַכט אינעם פּליכט־לינג־לאַגער, באַזיץ איך דאָ נישט... איז ווער איז דער באַזוכער? . . .

אָבער צעברעכן זיך דעם קאָפּ מיט די דאָזיקע מחשבות קומט מיר לאַנג נישט אויס. איידער ווער־וואָס שטייט שוין פאַר מיר אַ יונגערמאַן אין מיטן דעם צוואַנציקער־יאָר מיט אַן אויפפאַלנדיק אינטערעסאַנטן געזיכט. ער מורמלט אויף שנעל זיין נאָמען און זעצט זיך מיר אַנטקעגן.

— איר וועט מיר דערלויבן צו רעדן רוסיש, מיין ייִדיש איז זייער בידנע? — פאַנגט אָן דעם שמועס מיין גאַסט.

— פאַר וואָס נישט? רעדט, ווי אייך איז לייכטער . . .

מיין ענטפער גיט, הפּנים, דעם באַזוכער צו מער מוט... איך שפּיר, אַז ער זוכט אַ פּאַסיקן אָנהויב, כדי צו פאַרענטפערן זיין אומדערוואַרטן וויזיט.

— איך האָב געהערט אייער פאָרטראַג וועגן דעם אַרגענטינער ייִדנ־טום, וואָס איר האָט געהאַלטן אין אונדזער לאַגער. איר האָט דערנאָך אויך גערעדט וועגן ייִדן אין דער רוסישער ליטעראַטור און אָנגערופן אַ נאָמען, וואָס איז מיר זייער טייער און וועגן וועלכן מיר גלוסט זיך מיט אייך דורכצושמועסן . . .

די גלענצנדיקע רוסישע שפּראַך, אין וועלכער דער יונגערמאַן רעדט, זיין לענגלעך אַסקעטיש פּנים פון אַ מיטלאַלטערלעכן מאָנאַך, די גרויע אויגן און באַזונדערס זיינע אויסערגעווענלעך שיינע הענט, וועקן אין מיין דמיון לאַנג־פאַרגעסענע דערינערונגען. וואָס לענגער איך קוק און הער זיך צו צום יונגנמאַן, אַלץ פעסטער עגבערט אין מיר דער געדאַנק, אַז מיר איז שוין אַמאָל אויסגעקומען זיך מיט אים צו טרעפן. אָבער ווען, וווּ און ביי וועלכע אומשטענדן? בכדי צו פאַרשאַפן מיר זיכערקייט, בעט איך דעם גאַסט איבערצוחזרן זיין נאָמען, וועלכן איך האָב ביי דער פאָר־שטעלונג נישט גוט פאַרשטאַנען.

— מיין נאָמען וועט אייך גאָרנישט נישט זאָגן, — דערקלערט דער יונגערמאַן מיט אַ שמייכל. איך לעב אין אַ לאַגער אונטער אַ פאַרשטעלטן נאָמען. די סיבות וועט איר באַלד אויסגעפינען. דערפאַר אָבער, וועט אַן אַנדער נאָמען אייך זיכער אַ סך מער זאָגן. איר האָט אין אייער פאָרטראַג אָנגערופן דעם נאָמען פון אקים וואָלינסקי. אָבער נישט דערמאַנט, צי איר גופא האָט אים געקענט?

מיין גאַסט איז געווען גערעכט. ביים דערמאַנען דעם נאָמען אקים וואָלינסקי האָט ווי אַ בליץ באַלויכטן מיין געדעכעניש. אין דער פּערזאָן פונעם יונגנמאַן איז פאַר מיינע אויגן אויפגעשטאַנען תחית־המתים יענער איד פילעקסלער, וועלכער איז געווען באַרימט אין דער רוסישער ליטעראַטור אונטערן נאָמען אַקים וואָלינסקי. אַ דריי צענדליק יאָר האָט ער — — אקים וואָלינסקי — באַהערשט די מחות פון אַ גאַנצן דור. זיין ווערק „דאָס בוך פון גרויסן צאָרן”, אין וועלכן ער האָט אַנטפּלעקט און אינטערפּרעטירט די מאַכט פון דאָסטאָיעווסקיס געניום — האָט געדינט ווי אַ גייסטיקער וועג־ווייזער פאַר דאָס פאַרשטיין פון דאָסטאָיעווסקיס קראַנקן טאַלאַנט. וועלט־רום האָט אָבער אַקים וואָלינסקי, דער געוועזענער ישיבה־בחור פילעקסלער, דערגרייכט דורך זיין ווערק „לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי”, וועלכעס איז אָנגענומען געוואָרן פון דער אייראָפּעאישער קריטיק מיט באַגייסטערונג. דאָס ווערק וועגן דעם אומשטערבלעכן מייסטער פון דעם פּענדזל לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי איז איבערגעזעצט געוואָרן אין אַלע אייראָפּעאישע שפּראַכן. דער מילאַנער מאַגיסטראַט האָט באַערט דעם ייד אקים וואָלינסקי מיטן אויסוויילונג צו ערן־בירגער פון מילאַן. אגב, אין פּעטערבורג גופא, האָט דער מילאַנער ערן־בירגער אקים וואָלינסקי געמוזט עטלעכע יאָר לעבן אַלס כלומרשטער דינער פון באַראָן גאַראַציוס גינצבורג, ווייל ער — וואָלינסקי — אַלס ייד, האָט נישט געהאַט קיין וווינרעכט אין דער צאַרישער הויפּט־שטאָט.

און אָט זיצט פאַר מיר אַ פאַריינגערטער אַקים וואָלינסקי, ווי איך האָב אים אַמאָל געקענט. דאָס זעלביקע אַסקעטיש־גאונהדיקע פּנים, די זעלבע שטרענגע, גרויע אויגן, שיינע הענט און הויכע, דאַרע געשטאַלט, אַזאַ שפּיל פון דער נאַטור איז בפירוש זעלטן אַנצוטרעפן.

דער יונגערמאַן מערקט משמעות דעם עפעקט, וואָס זיין אויסזען האָט אויף מיר געמאַכט.

— איך בין אַקים וואָלינסקיס פּלימעניק... מיין פאָטער איז געווען זיין יינגסטער ברודער, — דערציילט דער יונגערמאַן. איך פערזענלעך האָב נאָר געלייענט די ווערק פון מיין באַרימטן פעטער, אָבער אים גופא קיינמאָל נישט געזען. איך בין נאָך געווען אַ פיצל קינד, ווען מיין פעטער איז געשטאָרבן. קענט איר זיין סוף?...

— מיין פעטער איז געשטאָרבן אין דער תקופה פונעם קריגס־קאָמוניזם און אין גרויסער אָרימקייט. זיינע לעצטע גייסטיקע כוחות און זיינע בידנע מיטלען, האָט ער געווידמעט זיין ליבלינג־אידעע: דעם קלאַסישן באַלעט. אַנאַטאָל לונאַטשאַרסקי, דער דעמאָלסדיקער קאָמיסאַר פאַר פאָלקסבילדונג, האָט אַ סך אַקים וואָלינסקין געהאָלפן, אָבער די רעגירונגס־סובסידיעס האָבן נישט געקלעקט פאַר די פאַנטאַסטישע פּלענער פון מיין פעטער. ער פערזענלעך האָט געלעבט אין איין צימער, וואָס איז געווען אויסגעשטאַט מיט אַ קיכן־טיש, מיט אַ פּאָר בענקלעך, מיט אַ פּוסטן אַלמער און מיט אַן אייזערנעם ספּאַרטאַנישן בעט. אפילו אַ קאָלדרע האָט אים געפעלט. ער פלעגט צודעקן זיין אַלטן, אויסגעמאַטערטן קערפּער מיט אַ מאַנטל. דערנערט האָט זיך וואָלינסקי מיט ברויט, הערינג און טיי. פון עפּעס בעסערס האָט ער אין יענער שטורמישער און הונגעריקער עפּאָכע אפילו נישט געקענט טרוימען. זייער ריכטיק האָט קאָנסטאַנטין פעדין, דער באַוווּסטער סאָוועטישער שרייבער, כאַראַקטעריזירט אין זיין הספּד מיין פעטער אַלס דעם לעצטן דאָן־קיכאָט. איך מיין, אַז אָט־די אָפּשאַצונג גיט אַ ריכטיק בילד פון דער אויסטערלישער פערזענלעכקייט פון אַקים וואָלינסקין . . .

מיין גאַסט בלייבט עטלעכע מינוטן שווייגן און בלאָזט פון זיך בלויע וואָלקנס ציגאַרעטן־רויך. איך קוק אויף אים און מיר דוכט זיך כסדר, אַז איך זע פאַר מיר יענעם אַקים וואָלינסקי, וועלכער פלעגט מיט זיינע געפּיליגלטע ווערטלעך און פּאַראַדאָקסן באַגייסטערן דעם ליטעראַרישן עולם פון די פּעטערבורגער ליטעראַרישע קיבעצאַרניעס.

מיר ווילט זיך פרעגן דעם גאַסט וועגן דער סיבה פון זיין באַזוך,

אָבער איך וואָרט אָפּ, אַז ער גופא וועט מסתמא זי אויפקלערן. מיין השערה ווייזט זיך תיכּף אַרוים ריכטיק.

— איך קום צו אייך בעטן אַן עצה, — זאָגט ער. איך האָב די מעג־לעכקייט אויסצוּוואַנדערן קיין מדינת ישראל אָדער קיין אַרגענטינע. אין ארץ ישראל האָב איך אַבסאָלוט קיין איין אייניציקן באַקאַנטן. אין אַרגענ־טינע לעבט ערגעץ אין דער דאָרטיקער פּראָווינץ מיינער אַ ווייטער קרוב. ער איז גרייט מיך צו זיך צו נעמען און אפילו צו דעקן די רייזע־הוצאות. אַלזאָ, איך געפין מיך פאַר אַן אַלטערנאַטיווע, וועלכע עס איז נישט לייכט צו לייזן. מיין באַשלוס הענגט אָפּ פון אַ פאַקטאָר פון ריין רעליגיעזן כאַ־ראַקטער, וואָס נישט יעדער איינער קען פאַרשטיין.

— וואָס מיינט איר מיטן רעליגיעזן פאַקטאָר? — רייס איך איבער דעם גאַסט.

איך קוק זיך נענטער צו צום יונגנמאַן, וועלכער הויבט מיך אָן ספּעציעל צו אינטערעסירן.

— ווי איך האָב שוין דערמאָנט, לעב איך אין אַ לאַגער אונטער אַ פאַרשטעלטן נאָמען. איך בין אַ געוועזענער סאָוויעטישער אָפיציר און בין בשעתו אַריינגעפאַלן אין נאַציסטישער געפאַנגענשאַפט. אין פּריוואַט־לעבן בין איך אַ „פּראַוואָ־זאַסטופּניק”, דאָס מיינט אַ סאָוויעטישער יוריסט און ממילא אַדוואָקאַט. די איינציקע אורזאַך, פאַר וואָס איך וויל זיך נישט אומקערן קיין ראַטנפאַרבאַנד, איז מיין רעליגיעזע איינשטעלונג. איך בין אַן איבערצייגט פרומער ייד. ווי קומט עס צו אַזאַ פּלימעניק פון אקים וואָ־לינסקי, וועלכער האָט זייער וויניק געהאַלטן פון ידישקייט בכלל און פון רעליגיעזיטעט בפרט — איז אַ זאַך פאַר זיך! נאָך שווערער וועט אייך אפשר זיין צו באַגרייפן, ווי אַזוי איינער וואָס איז געבוירן געוואָרן אין ראַטנפאַרבאַנד, דערצויגן און אויסגעוואַקסן אין אַ סביבה און אין אַ גייסט פון גאָטלאָזיקייט, ווערט מגולגל אין אַ גאָט־זוכער. וועגן דעם לאָזט זיך אַ סך דערציילן. מיין פאַל, ווי איך — אַן איבערגעגעבענער קאָמו־ניסט און חסיד פונעם דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם — האָב מיך פאַר־וואַנדלט אין אַן אָרטאָדאָקסישן ייד, איז ניט קיין אויסנאַם־פאַל. אין ראַטנ־פאַרבאַנד קאָן מען געפינען אַ סך ענלעכע גילגולים סיי צווישן יידן און

סיי צווישן קריסטן. דאָס איז אַ פּועל־יוצא פון קריג, בעיקר אָבער אַ פּסי־כישע רעאַקציע אויפן אַגרעסיוון אַטעאיסטישן אַרום. אַ שטוים צו מיין פּערזענלעכן אומקערן זיך מיטן פּנים צו אונדזער אמונה האָט געגעבן אַ נישטיקער צופאַל. מיר איז צופעליק אין די הענט אַריינגעפאַלן אַן אַר־טיקל וועגן דער פּערזענלעכער דראַמע פון זשאַן זשאָרעס, דעם באַרימטן פראַנצויזישן אַרבעטער־פירער און פּאַרלאַמענטאַריער. דער מחבר פונעם אַרטיקל דערציילט, אַז זשאָרעס איינציקע טאָכטער, וועלכע ער האָט דער־צויגן אין ראַציאָנאַליסטיש־מאַטעריאַליסטישן גייסט און אַלס אַן איבער־צייגטע אַטעאיסטין, איז מיטן וויסן פון איר מוטער אַנטלאָפן פון הויז און איז אַריינגעטראָטן אַלס מאָנאַשקע אין אַ מאָנאַסטיר. מען קען פרעגן, וואָס פאַרא שייכות קאָן האָבן אַזאַ מין עפּיזאָד מיט דער מענטאַליטעט פון אַ באַוווּסטזיניקן קאָמוניסט? כדי די דאָזיקע פראַגע צו פאַרענטפערן וואָלט מען באַדאַרפט אָנשרייבן אַ גאַנצע פּסיכאָלאָגישע שטודיע. בקיצור, איך בין געוואָרן פרום... איך האָב אומעטום אָנגעהויבן גאָט צו זוכן... מיך וועט פאַרשטיין נאָר דער יעניקער אין וועמענס טיפענישן פון דער נשמה לעבט דאָס באַדערפעניש צו רעליגיעזיטעט, דער דראַנג אויסצוטענהן זיך מיט אַן אומזעבאַרן גאָט... איז אַנטקעגן וואָס דערצייל איך דאָס?... אין אייער פּאָרטראַג וועגן דעם אַרגענטינער יידנטום האָט איר כמעט נישט באַרירט דעם רעליגיעזן אַספּעקט. ווייל איך טאַקע פרעגן, ווי שטייט עס מיטן רעליגיעזן לעבן אין אַרגענטינע? קאָן מען זיך דאָרט רעליגיעז אויס־לעבן און צי איז פאַראַן דאָרט אַ פּאַסיקע סביבה פון מענטשן פון מיין וועלט־באַנעם? אייער עצה קאָן מיר העלפן צו לייזן די אַלטערנאַטיווע: מדינת ישראל אָדער אַרגענטינע.

וואָס האָב איך געקאָנט ענטפערן מיין גאַסט? איך מוז מחילה בעטן ביי די פרומע אַרגענטינער יידן. מיין עצה דעם סאָוויעטישן גאָט־זוכער איז געווען — צו פאָרן קיין מדינת ישראל . . .

קעמפער פאַר מדינת ישראל

מען זאָגט, אַז געוווינהייט איז די צווייטע נאַטור. דעם דאָזיקן כּלל איז מיר אויסגעקומען אויף מיר גופא אויסצופּרובירן. די ערשטע איינדריקן פון די דייטשע חורבות זענען געווען אַזוי דערשיטערנדיק, אַזוי שרעקלעך, אַז עס האָט זיך געטראַכט: „ווי אַזוי קאָנען דאָ מענטשן לעבן? ווי אַזוי קאָן מען אָטעמען, דענקען, אַרבעטן און בכלל פירן וועלכע עס איז באַלעבאַטישקייט אָדער משפּחה־עקזיסטענץ צווישן בערג פון רואינען און אין אַן אַפּאָקאַליפּטישן אַרום?... משמעות אָבער איז דער מענטש אַ געוווינהייטס־חיה און פּאַסט זיך צו אַפילו צו די ערגסטע באַדינגונגען. מאַנכע מערקן שוין נישט דעם אַרומיקן חורבן און באַוועגן זיך צווישן די בערג פון שטיינער און אַש, ווי אויף די מאָדערנסטע בולוואַרן און גאַסן. די לעצטע צוויי וואָכן פון מיין אַרומטראָגן זיך איבער די שטעט, דערפער, אינדוסטריע־צענטערן און פּליטים־לאַגערן פון דייטשלאַנד און עסטרייך, האָבן אויך מיך צוגעוווינט צו דעם אויסטערלישן גרויסן חורבן. אויך איך, איינער וואָס איז געקומען פון דער שפּרודלדיק־געזונטער צפון־אַמעריקאַנער מדינה, ווו יעדע שטאָט אָטעמט מיט רייכקייט, סאָלידקייט און זיכערקייט, האָב איך מיך ביסלעכווייז צוגעוווינט צום דייטשן מדבר, אויפגעהערט צו שטוינען און כּסדר צו שטעלן די קשיא: „ווי אַזוי קאָן מען דאָ לעבן?"

אַז די שארית הפּליטה לעבט אויף פּעקלעך און קלומקעס — איז אַ גוט באַקאַנטער ענין. די לעגאַלע און אומלעגאַלע עליה, דער גיוס ווי בכלל דער דראַנג וואָס שנעלער זיך אַרויסצורייסן פון פאַרשאָלטענעם לאַנד, ליידיקן מיט יעדן טאָג אויס אַלץ מער די פּליטים־לאַגערן און פאַרקלענערן די צאָל פון זייערע תושבים. ראשית, פאַרשווינדט נאַטירלעך די יונגוואַרג, די יינגערע און פּראָדוקטיווערע עלעמענטן אין וועמענס כּוחות עס נויטיקט זיך מדינת ישראל.

דער קאַפּיטל מכוח דער אַרבעט פון דער הגנה אין די פּליטים־לאַגערן, ווי אַזוי דער גיוס ווערט דורכגעפירט, בעיקר אָבער אויף וועלכן אופן די יוגנטלעכע ווערן מיליטעריש אויסגעבילדעט, איז נאָך קוים באַלויכטן און געשילדערט געוואָרן. אָן גוזמא קאָן מען שוין אָבער איצט זאָגן, אַז דער דאָזיקער קאַפּיטל וועט זיכער זיין דער שענסטער און דער הויבנסטער אין דער טרויעריקער געשיכטע פון דער שארית־הפליטה.

עס וואָלט געווען טעותדיק צו מיינען, אַז די אָפּיצירן פון דער הגנה האָבן לייכט מיט דער רעאַליזירונג פון זייער פּאַרטרויאונגספולער און פאַראַנטוואָרטלעכער מיסיע. די „מרכז לשרות העם" — די העכסטע מאָביליזאַציע־צענטראַלע אין דייטשלאַנד — שטעלט מיט זיך פאָר נישט סתם אַן אינסטיטוציע, נאָר אַ מין סינטעטישע קערפּערשאַפט פאַר פּאָליטישע און מיליטערישע ענינים. די מאָביליזאַציע־צענטראַלע — איז צוגלייך אַ גענעראַל־שטאַב און אַ פּאָליטישע אינסטיטוציע. זי ווערט אָנגעפירט פון צוועלף מיטגלידער: זעקס פון ארץ ישראל און זעקס פון די צענטראַלע פּאַרטיי־קאָמיטעטן.

אַ באַלקאַניש גלייכווערטל זאָגט, אַז דאָרט וווּ דריי בולגאַרן קומען זיך צוזאַמען, הערשן תמיד פיר מיינונגען. פּאַראַפראַזירנדיק דאָס דאָזיקע גלייכווערטל וואָלט מען קענען זאָגן, אַז דאָרט וווּ זעקס פאַרשידענע פּאַרטיי־מענטשן זיצן, קעמפט קעגן אַנאַנדער אַ גוטער צענדליק מיינונגען. דאָקטאָר חיים האָפמאַן, דער ראש פונעם „מרכז לשרות העם", וועט אַמאָל אין זיינע זכרונות מסתמא אַ סך אינטערעסאַנטע זאַכן דערציילן וועגן זיינע געראַנגלענישן מיט די פּאַרטיי־פאַנאַטיקער פון דער מאָביליזאַציע־צענטראַלע. מאָביליזירן, אויסבילדן און טראַנספּאָרטירן קיין מדינת ישראל פיל טויזנטער יונגעלייט, בעיקר נאָך אין אַ סביבה פון אָפענער און פאַרשטעקטער אָפּאָזיציע, איז נישט קיין איינפאַכער ענין. מיר גופא איז אויסגעקומען צו פירן פאַרהאַנדלונגען מיט דאָקטאָר האָפמאַן און מיט זיין אַדיוטאַנט אברהם ריזשי וועגן דער דורכפירונג פונעם גיוס אין די אָרט־שולן און וועגן די מעטאָדן, ווי אַזוי צו ליקווידירן דעם קאַמף פון דער אָפּאָזיציע. מיר איז גוט באַקאַנט מיט וואָס פאַר אַ פאַרביסענער עקשנותדיקייט אַ געוויסער פּאָליטישער סעקטאָר אויף דער יידישער גאַס, הויפּטזעכלעך אָבער אין די פּליטים־לאַגערן, האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער מאָ־

ביליזאַציע. אויב טראָץ דער דאָזיקער קעגנערשאַפט ווערט דער גיוס פאָרט פאַרווירקלעכט, איז דאָס אַן אויסשליסלעכער פאַרדינסט פון די אָנפירער פון דער הגנה. די מיליטערישע פאָרשטייער פון „מרכז לשרות העם" ווייזן אַרויס אַ סך מער פאָליטישע רייפקייט און מענטשנקענטעניש, ווי זייערע פאָליטישע פאַרטנערן. זיי זענען בעסערע פסיכאָלאָגן און לאָגיקער, ווי באַרופענע פאָליטיקער.

— מיר באַזיצן נישט קיין עקזעקוטיוו־רעכט לגבי די פליטים, — דערציילט מיר דר. חיים האָפמאַן. פאָרמעל ווערט די הגנה פון דער אָקופּאַציע־מאַכט נישט אָנערקענט. זי, די הגנה, אַקטואירט אונטער דער פאָן פון דער יידישער אַגענץ. די מיליטער באַהערדן ווייסן גאַנץ גענוי וועגן אונדזער טעטיקייט אין די לאַגערן, אָבער זיי מאַכן צו אַן אויג און מאַכן זיך נישט ווייסנדיק. מיינט נישט, אַז אונדזער אַרבעט פירט זיך אַזוי גלאַט און ווערט געשטערט בלויז צוליב אידעאָלאָגישע חלוקי־דעות. ליידער, ווערט די הגנה כסדר דענונצירט ביי דער אָקופּאַציע־מאַכט און עס פעלן נישט צו אונדזער שאַנד אויך יידישע מוסרים. צום גליק אָבער, באַזיצן מיר גענוג גוטע פריינט צווישן די קריסטלעכע אָפיצירן, בעיקר צווישן די אַמעריקאַנער, וועמען אונדזער קאַמף פאַרן נאַציאָנאַלן רענעסאַנס אימפּאָנירט. פון דעם איז נישט שווער צו דרינגען, ווי פאָרזיכטיק מיר מוזן אָנגיין מיט אונדזער טעטיקייט. אויב דער גיוס גופא איז זייער אַ קאָמפּליצירטער ענין, איז די מיליטערישע אויסבילדונג און דערהויפּט די עליה, — פּראָבלעמען, וואָס פאָדערן צוגרייטונג, אויסרעכענונג און כמעט מאַטעמאַטישע פּרעציזקייט. אונדזער אַפּאַראַט מוז ווירקן מיט דער גענויקייט און פּינקטלעכקייט פון אַ כראָנאָמעטער. דער קלענסטער פעלער אין אויסרעכענונג פון צייט, צאָל אָדער אָרט, קאָן ברענגען אַ דורכפאַל... איר פרעגט צי עס פּאַסירן אָפט דורכפאַלן? אוודאי, פאַלן מיר אַמאָל אַריין און גאַנצע טראַנספּאָרטן פון אויסגעבילדעטע עולים בלייבן ערגעץ וואַרטן, ביז מען ראַטעוועט זיי אַרויס. אַזעלכע דורכפאַלן זענען אומפאַרמיידלעך, יעדע קאָנספּיראַטיווע טעטיקייט טראָגט אין זיך ריזיקאַלישקייט. און אונדזער אַקטואַציע איז דאָך טיילווייז קאָנספּיראַטיוו... לכן, זענען סורפּריזן אַלעמאָל מעגלעך . . .

מיר האָט זיך זייער געוואָלט אַריינקוקן אין דער מיליטערישער

לאַבאָראַטאָריע פון דער הגנה, אַריינוואַרפן אַ בליק אין דער אויסבילדונג פון דער מאָביליזאַציע־מחנה, אָבער בעטן וועגן דעם דר. האָפמאַנען האָט מיר נישט געפּאַסט. מיין אינעווייניקסטער אינסטינקט האָט מיר אונטער־געזאָגט נישט צו ברענגען דעם ראש פונעם הגנה־שטאַב אין אַזאַ סיטו־אַציע, ער זאָל מיין בקשה, מחמת מיליטערישע מאָטיוון, אָפּזאָגן.

אַ גליקלעכער צופאַל האָט מיר אָבער פאַרהאָלפן צו דערפילן מיין ווונטש. עטלעכע טעג נאָך מיין צוזאַמענזיין מיט חיים האָפמאַנען, איז מיר אויסגעקומען צו מאַכן אַ ווייטע אויטאָ־נסיעה פון מינכען קיין פראַנק־פורט אַם מיין. די אויטאָסטראַדעס זענען די בעסטע און פּולקאָמסטע קרעאַציעס פונעם דייטשישן טעכנישן גייסט. די אויטאָס, דאַכט זיך אָפּט־מאָל, פאָרן נישט, נאָר זיי שווימען בפירוש איבערן ברייטן און פּרעכטיקן אַספאַלט. עס איז אַן אמתער געגוס זיך צו טראָגן ווי אַ פויגל אויף די היטלעריסטישע אויטאָסטראַדעס, בעיקר אין אַ זוניקן מאַי־טאָג.

דורכפאָרנדיק אַ געדיכטן און שיינעם וואַלד, ערגעץ נישט ווייט פון פראַנקפורט, איז מיר אויפגעפאַלן אַ מיסטעריעזע סצענקע, וואָס האָט צו זיך געצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט. אויף אַ ברייטער לאָנקע, וואָס איז געלעגן אין אַ האַלבקרייז פאַרבאַהאַלטן צווישן הויכעביימער, האָט אַ גרופּע מענטשן אויסגעפירט מיליטערישע איבונגען. וואָס מער אונדזער וואָגן האָט זיך דערנענטערט צו דער לאָנקע, אַלץ קלאָרער איז געוואָרן דער מיליטערישער כאַראַקטער פון די איבונגען, וואָס די מענטשן האָבן דאָרט דורכגעמאַכט.

— פאָרט לאַנגזאַמער, — האָב איך געבעטן מיין יידישן שאָפער. די חברה־לייט אויף דער לאָנקע, זענען מיר עפּעס פאַרדעכטיק. עס איז כדאי אַהין צוצופאָרן און אַ קוק־טון, ווער זענען די מענטשן און וואָס פאַר אַ מין איבונגען זיי מאַכן. אפשר זענען דאָס מיטגלידער פון אַ געהיימער נאַציסטישער חברותא ? . . .

הפּנים, אויך מיין שאָפער איז אויפמערקזאַם געוואָרן אויף דער גרופּע מענער, וואָס האָבן עקזערצירט צווישן די ביימער. מיין שאָפער עדעל־שטיין איז אַ ליטוואַק. ווי יעדער ליטוואַק, איז ער אויך בטבע אַ סקעפּ־טיקער. ער באַגנוגנט זיך נישט מיט דעם, וואָס זיינע אויגן זעען, ער גלייבט

ערשט דאָן אין דאָס געזעענע, ווען ער טאַפּט אָן די פּאַקטן אַזוי צו זאָגן, מיט די הענט.

עדעלשטיין פּאַרמינערט די שנעלקייט פון אונדזער אויטאָ און מיר דערנענטערן זיך פּאַמעלעך צו דער גרופּע. די חברה־לייט אויף דער לאַנקע האָבן הפּנים אויך באַמערקט אונדזער מאַנעוור, אָבער קענטיק, נישט זייער נתפּעל געוואָרן.

אַט זענען מיר שוין גאַנץ נאָענט פון דער גרופּע. מען קען אפילו הערן די קאָמאַנדאָ־באַפעלן, וואָס די אינסטרוקטאָרן שרייען אויס, זען די אויספירונג פון די איבונגען און אַרומכאַפּן מיטן אויג די צאָל פון די אנטיילנעמער. עס מוזן, קנאַפּ באַרעכנט, זיין אַ הונדערט מענטשן. מיין נייגעריקייט שטייגט מיט יעדן מאָמענט. אויך מיין סקעפּטישער שאָפער עדעלשטיין מאַניפעסטירט זיין אומגעדולד וואָס גיכער זיך צו דערוויסן ווער די מענטשן זענען.

לײדער אָבער, פאַרוועריט די קאָמוניקאַציע ־ אָרדענונג אויף די אויטאָ־סטראַדעס זיך אונטערוועגס אָפּצושטעלן. אָפּשטעלן דעם אויטאָ מעג מען נאָר אויף געוויסע פּלעצער, וועלכע זענען ספּעציעל פאַר דעם געבויט.

— איז וואָס זאָלן מיר מאַכן, עדעלשטיין, ווי דערקלייבן מיר זיך צו דער גרופּע?! מען זעט עפּעס נישט קיין אָפּשטעל־פּלאַץ...

—נישקשה, איך וועל מיר שוין אַן עצה געבן. — ענטפערט מיט אַ שעלמישן שמייכל דער שאָפער.

דער העלד פון סטאַלינגראַד, — עדעלשטיין, ווייזט זיך באַלד אַרויס נישט נאָר ווי אַ סקעפּטיקער, נאָר אויך אַלס מענטש מיט איניציאַטיוו. קוים האָט דער אויטאָ דערגרייכט די לאַנקע, ווי אין אונדזער מאָטאָר האָט עפּעס געגעבן אַ קנאַק און דער אויטאָ איז שטיין געבליבן.

— אַ דעפעקט אין מאָטאָר... מיר קענען ווייטער נישט פאָרן! — דערקלערט מיר אָפיציעל עדעלשטיין.

נישט ווילנדיק צעלאַך איך זיך אויפן קול... אויף אַזאַ מין קלוגן איינפאַל קאָן קומען נאָר אַ ליטוואַק...

און אָט פאַרעט זיך שוין עדעלשטיין ביים מאָטאָר. ער קוקט אַריין אַהער און אַהין, קלאַפּט מיט אַ האַמער, פּרובירט דעם גאַנג, אָבער דער

אויטאָ רירט זיך נישט פון אָרט. משמעות זענען אויך די מענטשן אויף דער לאַנקע אויפמערקזאַם געוואָרן אויף אונדזער אַקצידענט. מיר זעען פון דערווייטן, ווי זיי עצהן זיך מיטאַנאַנדער.

— האַלאָ, — שרייט מיטאַמאָל אויס אויף דייטש מיין שאָפער, — ווּאָלען זי אונז העלפען? —

צוויי יונגעלייט אין מיליטערישע רעקלעך און לאַנגע שטיוול זונדערן זיך אָפּ פון דער גרופּע און גייען צו אונדז.

עדעלשטיין שטייט אָנגעשפּאַרט אָן דעם וואָגן און זיינע לוסטיקע בלויע אויגן זענען אָנגעסטאַרטשעט אויף די גייער. אויך איך לאָז זיי נישט אַראָפּ פון בליק... פּלוצים צעגיסט זיך אויף עדעלשטיינס פּנים אַ פרייַדיקע מינע:

— איך קען שווערן, זאָגט ער, — אַז דאָס זענען יידן! . . .

נאָך עטלעכע מינוטן און אויך פאַר מיר איז שוין נישט מער קיין ספק, אַז די ביידע יונגעלייט זענען אחינו בני ישראל.

— שלום! — באַגעגענען מיר זיי מיט אויסגעשטרעקטע הענט . . .

— שלום, שלום! — קלינגט זייער ענטפער. זיי פאַרבעטן אונדז אין זייער לאַגער, וואָס ליגט ערגעץ אין וואַלד.

— אָבער ווי דערקלייבט מען זיך צו אייך? — פרעגט עדעלשטיין.

— פאַרריכט נאָר אייער מאָטאָר און מיר וועלן אייך שוין דעם וועג וויַזן! — ענטפערן די יונגעלייט.

עס קאָן געמאָלט זיין, אַז די אויסבעסערונג פונעם מאָטאָר האָט אַ סך צייט נישט באַדאַרפט. עדעלשטיין גיט אַ דריי אַהער, אַ דריי אַהין און דער אויטאָ לויפט ווי אָקאָרשט קאָנסטרואירטער.

אַ צען מינוט שפּעטער זיצן מיר צווישן אַ כאָפּטע יונגע חברה, בחורים אין עלטער צווישן אַכצן און פינף־זעקס־ און צוואַנציק יאָר. אַלע געהערן זיי צו אַ מאָביליזירטער איינהייט, וועלכע ווערט מיליטעריש אויסגעבילדעט און צוגעגרייט צו באַלדיקער עליה קיין מדינת ישראל.

פאַר עדעלשטיינען, וועלכער האָט ערלעך פיר יאָר נאָכאַנאַנד געקעמפט אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי און וועלכער אָטעמט נאָך מיטן מיליטערישן גייסט, און אַפילו פאַר מיר, אַ געוועזענעם צאַרישן סאָלדאַט, איז זייער אינטערעסאַנט געווען צוצוקוקן זיך, ווי אַזוי מען מוש־

טרירט די קעמפער פאַר דער צוקונפטיקער נאַציאָנאַל־יידישער אַרמיי. אין משך פון אַ צוויי שעה האָבן מיר די מעגלעכקייט נאָכצופאָלגן, ווי אַ ראָטע יונגע מענטשן פירט אויס מיט ענטוזיאַזם די קאָמפּליצירטסטע עקזערציעס, וואָס עס ווערט איצט פאַרלאַנגט פון אַ מאָדערנעם סאָלדאַט. אויף די פּנימער פון די בחורים מערקט מען אמתע באַגייסטערונג. זיי מאַניפּולירן מיט די מיליטערישע כלי־זין מיט דער גענויקייט און פּרעציזקייט פון געניטע סאָלדאַטן. די קאָמאַנדאָ־באַפעלן ווערן געמאַכט אין העברעאיש און קלינגען אַ ביסל עקזאָטיש־אָריענטאַליש פאַר דאָס אומגעוווינטע אויער. בכלל ווירקט דער דאָזיקער מיליטערישער ספּעקטאַקל, ווי אַ כישוף־מעשהלע, ווי אַ מין זיסער טרוים, וואָס פּילט אָן דאָס האַרץ מיט פריידי און שטאָלץ.

יידישע לאַגער־תושבים, געוועזענע קאַצעטניקעס און נאַצי־שקלאַפן ווערן מיליטעריש אויסגעבילדעט אין די דייטשע וועלדער, אויף דייטשע גרינע לאַנקעס, אלס באַלדיקע קעמפער פאַר מדינת ישראל! וואָס קאָן פאַנטאַסטישער זיין ווי די דאָזיקע ווירקלעכקייט?! און צי ליגט אין דעם נישט אַ סימבאָל פון דער יידישער אייביקייט, פונעם מיסטישן נצח ישראל?!

דער הגנה־לאַגער, אין וועלכן מיר געפינען זיך, איז אַ פּראָוויזאָרישער. ער בייט כמעט יעדן טאָג דאָס אָרט, כדי ניט אויפפאַלנדיק צו ווערן. צוליב וואָס זיך וואַרפן די שונאים אין די אויגן? היינט עקזערצירט מען דאָ, מאָרגן — ערגעץ אַנדערש. יעדער מאָביליזירטער ווערט גענוי אינסטרואירט אין וואָסערע שעה און וווהין ער מוז קומען.

די אינסטרוקטאָרן־אָפיצירן פון דער הגנה דערציילן, אַז פאַלן פון אומגעהאָרכזאַמקייט אָדער דיסציפּלינלאָזיקייט פּאַסירן זייער זעלטן. נאָך זעלטענער געשעט אַמאָל אַ פאַל פון דעזערציע. די שבועה, וואָס יעדער מאָביליזירטער שווערט אויף טרייקייט צו מדינת ישראל און געהאָרכזאַמקייט צו די מיליטערישע פאַרגעזעצטע, ווערט אָפּגעהיט ווי די גרעסטע הייליקייט. די יידישע אַרמיי ווערט אויפגעבויט סיי אין ארץ ישראל און סיי אין גלות אויף אמתע דעמאָקראַטישע יסודות, אָבער אינעם גייסט פון אינדיווידועלער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און שטרענגער דיסציפּלין.

איך דערקען צווישן די הגנה'ניסטן עטלעכע יונגעלייט פון דער פראַנקפורטער אָרט־שולע. זיי דערציילן מיר, אַז די גאַנצע שולע, צוזאַמען מיט די לערער, אינסטרוקטאָרן און אפילו מיטן דירעקטאָר, זענען מיט אַ

צען טעג צוריק מאָביליזירט און פאַרטיילט געוואָרן צווישן פאַרשידענע גרופּעס. דער שול־דירעקטאָר האָט באַקומען אַ פאַראָרדענונג פון דעם הגנה־פאַרשטייער אין פראַנקפורטער פליכטלינגס־לאַגער, צו באַפרייען יעדן טאָג די תלמידים אויף דריי שעה צוליב דעם זיי זאָלן זיך קענען באַטייליקן אין מיליטערישער בילדונג.

מיר פאַרלאָזן דעם לאַגער באַרייכערט מיט אינטערעסאַנטע אינפאָרמאַציעס וועגן דעם בוי, וועזן און סאָלידקייט פון וועלכע עס פאָרמירט זיך די יידישע אַרמיי. איך בין נייגעריק צו הערן עדעלשטיינס מיינונג בנוגע דער הגנה און אירע מיליטערישע אינסטרוקטאָרן. ער, — עדעלשטיין גופא, — האָט דאָך פאַרנומען דעם אַמט פון סטאַרשינאַ, אַ גאַנץ וואַזשנער טשין אין דער סאָוויעטיש־זעלנערישער היעראַרכיע, און ערשט נישט לאַנג אויסגעטון דעם רויט־אַרמייאישן מונדיר.

— איר ווילט וויסן מיין מיינונג? פאַרוואָס נישט? מיט פאַרגעניגן! ווי אייך איז באַוווּסט שטיי איך שוין מיט איין פוס אויפן וועג קיין מדינת ישראל. עס פעלן בלויז אייניקע פאָרמאַליטעטן, בכדי מיין פרוי זאָל קענען מיט מיר צוזאַמען פאָרן. יאָ, ווי געזאָגט, מיין מיינונג אַלס געוועזענער סטאַרשינאַ אינטערעסירט אייך! די בחורים, וואָס מיר האָבן געזען, זענען גאַנץ נישקשהדיקע יאַטן, אָבער קיין ריכטיקע זעלנער זענען זיי נאָך נישט. איר זענט דאָך אַליין אַמאָל געווען אַ סאָלדאַט און איר וועט זיכער זיין מיט דער מיינונג, אַז ענטוזיאַזם און באַגייסטערונג זענען טאַקע זייער וויכטיק פאַר אַ מיליטאַר, אָבער דאָס אַליין איז נישט גענוג. איך האָף נאָך צו דינען אין אונדזער נאַציאָנאַלער אַרמיי און איר צו געבן דאָס, וואָס מען האָט מיך אויסגעלערנט אין דער רויטער אַרמיי. אָט דאָס איז אַן אַרמיי, דאָס זענען חילות . . .

ביז מיר זענען נישט אָנגעקומען קיין פראַנקפורט, האָט מיין שאָפער נישט אויפגעהערט צו דערציילן נסים ונפלאות וועגן דער רויטער אַרמיי. זיין באַגייסטערונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט ממש פאַרגעסן וועגן דעם ענין הגנה און אירע צוגרייטונגען. פון דעם איבערצייגטן פועלי־ציוני, וואָס קלויבט זיך קיין מדינת ישראל, האָט אַרויסגעשריגן דער סאָוויעטישער סטאַרשינאַ און דער דעקאָרירטער העלד פון סטאַלינגראַד. אַזוי איז דאָס לעבן! . .

קאַפּיטל זעכצן

אַ ייד וואָס האָט געדינט פרעמדע געטער

פון בערכטעסגאַדען קיין זאַלצבורג — איז מיט דער האַנט צו דער־לאַנגען. אין אַ קלאָרן טאָג קאָן מען זען פון די רואינען פון היטלערס „אַדלער־נעסט" די שפּיצן פון די זאַלצבורגער קירכן און פעסטונג. אַ קנאַפּע שעה פאָרן מיט דעם אויטאָ און מען איז אין זאַלצבורג. די גרעניץ צווישן דייטשלאַנד און עסטרייך ליגט ביים סאַמע אריינפאָר קיין רייכענהאַלט, די פאָרשטאָט פון בערכטעסגאַדען. די גרענעץ איז ערשט נאָך דער באַ־פרייאונג אויפסניי איינגעשטעלט געוואָרן. זייט דעם טרויעריק באַרימטן „אַנשלוס" פון מאַרץ 1938 ווען היטלערס ברוינע שטורמאָוויקעס זענען אויפן „פאַרלאַנג" פון די עסטרייכישע נאַציסטן געקומען קיין עסטרייך, כדי צו אָנשליסן דאָס לאַנד צום דריטן רייך, איז די גרענעץ צווישן די צוויי שכנישע רעפּובליקן געווען אָפּגעווישט. איצט סימבאָליזירט אַ שלאַג־בוים מיט צוויי עסטרייכישע זשאַנדאַרמען וואָס היטן דעם איבערגאַנג צווישן דייטשלאַנד און עסטרייך, אַז די עסטרייכישע רעפּובליק, הגם אָקו־פּירט פון די אַליאירטע אַרמייען, איז אויפגעשטאַנען תחית המתים און פירט אַן אייגענעם מלוכה־לעבן.

פאַר אַ גאַסט פון דער אָקופּאַציע־מאַכט איז דער אַריינפאָר קיין עסטע־רייך, בעיקר אין דעם אַמעריקאַנער באַזעצטן געביט, בלויז אַ נישטיקע פאָרמאַליטעט, אַ שטעמפּל פון דער בערכטעסגאַדענער מיליטער־קוואַרטיר אויף אַ גרויסעם שטיקל קאַרטאָן־פּאַפּיר עפנט תיכף דעם שלאַגבוים־ און מאַכט פריי דעם וועג קיין עסטרייך. די גרענעץ־זשאַנדאַרמען קוקן קוים אַריין אין דעם „פּראָפּוסק". שוין דאָס אַמעריקאַנער פענדל, דער אַמערי־קאַנער אויטאָמאָביל, באַזונדערס אָבער דער אוניפאָרמירטער שאָפער זאָגט זיי — די זשאַנדאַרמען — אַז דאָ פאָרן מענטשן, וועלכע עס לוינט זיך נישט צו באַהאַלטן.

מיך פירט די רייזע קיין זאַלצבורג נישט נאָר מחמת דעם ווונטש צו

באַקענען זיך מיט דעם דאָרטיקן לעבן פון דער שארית הפליטה. מיין אמתע כוונה איז געווען אַן אינטימערע, אַ ריין פּערזענלעכע. איך שעם זיך נישט מודה זיין, אַז מיך האָט געצויגן קיין זאַלצבורג דער הייסער באַגער צו וואַרפן אַ בליק אויף דער שטאָט און אפשר אויך צו באַזוכן דאָס שלאָס „לעאָפּאָלדסקראָן”, אין וועלכן עס האָט געלעבט און גייסטיק געאַרבעט מאַקס ריינהאַרדט, דער פאַרשטאַרבענער וועלט־באַרימטער טעאַטער־רעזשיסאָר.

געוויס, די אינטערנאַציאָנאַלע טוריסטן־וועלט, די מערסטע אייראָ־פּעאישע און אַמעריקאַנער אַלפּיניסטן, בעיקר די ענגלישע סנאָבן האָבן תמיד באַזוכט זאַלצבורג, מחמת איר נאַטור־פּראַכט. באַרימטקייט און חשיבות אָבער האָבן דער שטאָט פאַרשאַפט מאַקס ריינהאַרדטס טעאַטראַ־לישע פאָרשטעלונגען. דער אין עסטרייך געבוירענער ייד מאַקס ריינהאַרדט, וועמענס ריכטיקער נאָמען איז געווען גאָלדמאַן, האָט באַוויזן אין משך פון עטלעכע יאָר, און דווקא צו אַ צייט, ווען אין דריטן רייך האָט געבו־שעוועט דער ווילדסטער אַנטיסעמיטיזם צו פאַרוואַנדלען די טיראָלער שטאָט זאַלצבורג אין אַן אמתער קונסט־מעקאַ. זיין שלאָס „לעאָפּאָלדס קראָן”, וואָס האָט באַלאַנגט פריער צו דער עסטרייך־פּירשטלעכער משפּחה שוואַרצענשטיין, האָט געלויכטן פאַר דער צווישנפעלקערישער קונסט־וועלט ווי אַ מין סימבאָל און געווירקט גלייכצייטיק ווי אַ צוציענדיקער צויבער־פּונקט. בעת היטלער האָט פאַרטריבן ריינהאַרדטן פון בערלין און געבעלם האָט רעקווירירט אַלע זיינע בערלינער טעאַטערן, בעת טויזנטער דייַטשע יידן זענען געררודפט, באַרויבט און פאַריאָגט געוואָרן, האָט גראָד אין דערזעלבער צייט דער ייד מאַקס ריינהאַרדט באַוויזן צו דערהייבן אין זאַלצבורג די דייטשע דראַמאַטישע קונסט צו דער העכסטער קינסטלערי־שער מדרגה.

טויזנטער קונסטליבנדיקע מענטשן פון אַלע עקן פון דער וועלט, אַן אמתער אינטערנאַציאָנאַל פון עולי־רגל, פלעגן יעדן זומער איילן צו ריינהאַרדטס טעאַטער־סעזאָן אין זאַלצבורג. דאָ, אונטערן פרייעם הימל אין אַ באַצויבערנדיקן אָרום פון הויכע אַלפּן־בערג פלעגן זיי — די צושויער — זיין עדות פון ריינהאַרדטס רעזשי־קונסט, פון זיין אומ־פאַרגלייכלעכן טאַלאַנט אַרויסצורופן די איידלסטע עמאָציעס אין די

מענטשלעכע נשמות און אַפּצווישן די גרענעצן צווישן אילוזיע און ווירקלעכקייט.

ווער עס האָט כאָטש איינמאָל געהאַט די זכיה צו זען ריינהאַרדטס אינסצעניזירונג פון דער דראַמע „יעדערמאַן", ווער ס'האָט כאָטש איין נאַכט פאַרבראַכט אין זאַלצבורג בעת ריינהאַרדטס טעאַטער־סעזאָן, פאַר דעם איז דער דאָזיקער ספּעקטאַקל געבליבן אַן אומפאַרגעסלעכע איבער־לעבעניש.

ווי אַזוי די טיראָלער ברוינע באַנדיטן האָבן באַצאָלט דעם ייד מאַקס ריינהאַרדט פאַר זיינע פאַרדינסטן לטובת זאַלצבורג איז נאָך ביי אַלעמען אין זכרון. זיי, די געמיינע אונטערמענטשן, האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיט דער קאָנפיסקירונג און אויסראַויבונג פון ריינהאַרדטס שלאָס „לעאָ־פּאָלדסקראָן"! פאַר זיי איז עס געווען צו ווייניק. זייער שנאה צום טאַלאַנטיר־טן ייד האָבן זיי אויסגעדריקט אין דעם, וואָס נישט נאָר דער מאַרמאָר־ביוסט פון מאַקס ריינהאַרדטן נאָר אויך זיין נאָמען איז אויסגעוואָרצלט געוואָרן אין זאַלצבורג. איצט, נאָך דער באַפרייאונג, האָט זיך די נייע עסטרייר־כישע רעגירונג געאיילט צוריקצוגעבן דעם שלאָס „לעאָפּאָלדסקראָן" צו העלענע טימיג, דער אלמנה און צווייטער פרוי פון דעם באַרימטן טעאַ־טער־רעפאָרמאַטאָר.

מאַקס ריינהאַרדט גופא מיט העלענע טימיג, ווי אויך זיין ערשטע פרוי, די באַוווּסטע שוישפּילערין עלזע היימס, צוזאַמען מיט זיינע זין פון דער ערשטער הייראַט, וואָלפגאַנג און גאָטפריד, האָבן באַוויזן זיך רעכ־ציייטיק צו ראַטעווען און זיך אַריבערקלייבן קיין צפון־אַמעריקע.

זייענדיק אין זאַלצבורג איז מיר אויסגעקומען צו הערן דעם תירוץ, מיט וועלכן די נאַציסטישע באַרבאַרן פאַרענטפערן זייער ברוטאַלע באַ־האַנדלונג פון ריינהאַרדטס אָנדענק. שפּעטער האָב איך די דאָזיקע ווערסיע אויך געלייענט אין דייטשע צייטונגען. דער ענין איז אַזוי אינטע־רעסאַנט, אַז ער פאַרדינט דערציילט צו ווערן.

אין אַ געוויסן טאָג אין יאָר 1934 נאָך דער בלוטיקער נאַציסטי־שער „רייניקונגס־עקזעקוציע" אין מינכען, איז דערשינען אין שלאָס „לעאָפּאָלדסקראָן" אַ יונגערמאַן מיטן נאָמען גאַספּאַר בראַנדהאָפער, וועל־כער האָט געבעטן אויפגענומען צו ווערן פון ריינהאַרדט גופא, אַ פאַרלאַנג

וואָס איז געווען גאָר נישט אַזוי פּשוט. אויפגענומען צו ווערן פּערזענלעך פונעם גרויסן מייסטער האָט געגאָלטן ווי אַ מין באַזונדערע אויסצייכע־נונג. מאַקס ריינהאַרדט איז איינגעגאַנגען אויף דער בקשה פון דעם יונ־גנמאַן און האָט אים פאַרבעטן צו זיך אין ארבעט־צימער. די אימפּאָנירנ־דיקע געשטאַלט פון גאַספּאַר בראַנדהאַפער, זיינע ברייטע פּלייצעס, פּרעכ־טיקע פיגור, די קוטשמע גאָלד־בלאָנדע האָר און העלבלויע אויגן, האָבן באַצויבערט ריינהאַרדטן מיט זיין מענלעכער שיינקייט. דער יונגערמאַן האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר ריינהאַרדטן אַלס הונדערט פּראָצענטיקער אַריער און אַ געבוירענער טיראָלער, אַ זון פון אַ פּויערן־משפחה, וואָס לעבט ערגעץ אין די בערג. די שיינע געשטאַלט פונעם פּויערישן זון האָט נאָך פאַרמאָגט עפּעס אַנדערש: אין איר האָט געלעבט אַן אויסגעשפּראָכענער שוישפּילער־טאַלאַנט.

איז ווי אַזוי העלפט מען נישט אַזאַ מין אוצר, וועלכער איז ממש ווי געבוירן פאַר דער בינע? ריינהאַרדט, וועלכער האָט אַנטפּלעקט די טאַלאַנטן פון אַלעקסאַנדער מאָיסי, אַלעקסאַנדער גראַנאַך, עליזאַבעט בערגנער, און פון אַ סך אַנדערע גרויסע קינסטלער, האָט נישט געקאָנט אָפּזאָגן נאָך איין באַגאַבטער נאַטור. אמת, גאַספּאַר בראַנדהאַפער איז אַ גוי און אפשר נאָך אַ פאַרשטעלטער נאַציסט, אָבער די קונסט טאָר נישט וויסן פון אַזאַ מין פאַראורטייל.

גאַספּאַר בראַנדהאַפער פאַרלאָזט דעם שלאָס „לעאָפּאָלדסקראָן" מיט אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו פון ריינהאַרדטן צו אַ דירעקטאָר פון איי־נעם פון די ווינער דראַמאַטישע טעאַטערס.

עטלעכע חדשים שפּעטער לויכט בראַנדהאַפערס קינסטלער־שטערן ליכטיק און הויך אין ווינס בינע־הימל... גאַספּאַר בראַנדהאַפער גופא ווערט אַנערקענט נישט נאָר אַלס טאַלאַנטפולער שוישפּילער, נאָר אַלס לעבעדיקער סימבאָל פון דער ראַסן־טעאָריע, אַלס די פאַרקערפּערונג פון דער סופּעריאָריטעט פון דעם דייטשן הערן־פאָלק.

פּלוצים אָבער פּלאַצט אין ווין אַ סענסאַציאָנעלע פּאָליטישע באָמבע: דער אַנערקענטער קינסטלער גאַספּאַר בראַנדהאַפער, דער הונדערט־פּראָ־צענטיקער אַריער און טיראָלישער פּויערן־זון אַנטפּלעקט זיך אַלס דער ייד לעאָ ריימס, אַ באַוווּסטער בערלינער פילם־שוישפּילער. עס איז זיך נישט

שוועד אויסצומאָלן, וואָס פאַר אַ סקאַנדאַל, באַזונדערס אין די עסטרייכישע גאַצי־קרייזן, האָט אָט־די מעשה אַרויסגערופן. לעאָ רייטס האָט נישט גע־מאַכט קיין סוד פון דעם, אַז ער האָט בכיון געשפּילט די גאַנצע קאָמעדיע, און אפילו אָפּגענאַרט ריינהאַרדטן, בכדי אויסצושטעלן אויף שאַנד און שפּאָט די גאַנצע ראַסן־טעאָריע. די זאַלצבורגער „קאַרפּן־קעפּ" האָבן אָבער לעאָ רייטסן נישט געגלויבט. זיי זענען געווען איבערצייגט, אַז מאַקס ריינ־האַרדט פּערזענלעך האָט אינסצעניזירט. די דאָזיקע דרייסטע קאָמעדיע, בדי אויסצוחוזקן דעם „פירער", בעיקר זיינע אַנטראָפּאָלאָגישע אויספאָר־שונגען. זיי האָבן געשוואָרן צו נעמען נקמה אָן ריינהאַרדטן, ווי נאָר די אומשטענדן וועלן דאָס דערלויבן. צום גליק האָט ריינהאַרדטס געזונטער אינסטינקט אים אונטערגעזאָגט זיך באַצייטנס צו ראַטעווען פון דער געפאַר אַריינצופאַלן אין די נעגל פון די ברוינע בעסטיעס. ווען היטלערס חברה־לייט זענען געקומען אין עסטרייך און ממילא אויך אין זאַלצבורג צו דער ממשלה, איז מאַקס ריינהאַרדט מיט זיין משפּחה שוין לאַנג געזעסן אין האָליוווּד און גענאָסן די פּאַרערונג פון דער דאָרטיקער קונסט און פילם־וועלט. די ברוינע גענגסטער האָבן געקריצט מיט די ציין און זיך געקאָנט נוקם זיין בלויז אין ריינהאַרדטס קונסט־חפצים. הגם ריינהאַרדט האָט באַוויזן דעם גרעסטן טייל פון זיינע קונסט־אוצרות אַריבערברענגען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אָבער אין זיין שלאָס זענען נאָך געבליבן גענוג רייכטימער, וואָס האָבן זיך געלוינט גערויבט צו ווערן. אפילו דער רייכסמאַרשאַל גערינג גופא האָט זיך נישט געשעמט אָנצונעמען אַ מתנה פון זיינע זאַלצבורגער חסידים, אַ ווונדערלעך קונסט־ווערק פון דעם באַרימטן פראַנצויזישן מאַלער וואַטאָ, וואָס די נאַציסטן האָבן אַרויסגע־גנבעט פון שלאָס „לעאָפּאָלדסקראָן". העלענע טימיג, מאַקס ריינהאַרדטס אַלמנה, וועלכע געפינט זיך איצט אין זאַלצבורג, באַמיט זיך אויסצוגע־פינען כאָטש אַ טייל פון יענע קונסט־חפצים און ווערטפולע ביכער, וואָס זענען אויסגערויבט געוואָרן. דער שלאָס גופא איז פאַרדונגען צום אַמע־ריקאַנער „האַרוואַרד־אוניווערזיטעט". אין די סאַלאָנען און צימערן פונעם פּרעכטיקן שלאָס, וועמענס ווענט האָבן געזען די גרעסטע פּערזענלעכקייטן פון דער וויסנשאַפטלעכער, ליטעראַרישער און קונסט־וועלט פון אונדזער תקופה, אַרבעטן איצט צפון־אַמעריקאַנער עלטערע און יינגערע געלערנטע,

קונסט־פאַרשער. אויב מיט פופצן־צוואַנציק יאָר צוריק איז דאָס איבער־טרעטן די שוועל פון שלאָס באַטראַכט געוואָרן ווי אַן אויסצייכענונג און כבוד, שטייען איצט זיינע טירן אָפן פאַר יעטוועדן איינציקן וואָס ווייזט אַן אינטערעס צו באַקענען זיך מיט דעם אָרט, וואו עס האָט אַמאָל געלעבט און גייסטיק געאַרבעט דער גרויסער קונסט־צויבערער דער ייד, מאַקס ריינהאַרדט.

בעת מיין אַנוועזנהייט אין האָליוווּד איז מיר אויסגעקומען צו הערן, אַז אַ גרופּע האָליוווּדער פילם־מאַגנאַטן, בעיקר יידן, האָבן בדעה אָפּצו־קויפן ביי ריינהאַרדטס יורשים דעם שלאָס „לעאָפּאָלדסקראָן" און עס פאַר־וואַנדלען אין אַ ריינהאַרדט־מוזיי. מען האָט שוין אפילו אָנגערופן דעם סכום געלט, וואָס מען טראַכט פאַרן קויף צו באַצאָלן. פון דעם אַלץ איז לײדער גאָרנישט געוואָרן און פון דער נאָבעלער איניציאַטיווע האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך. פאַרקערט, אַנשטאָט אַ מוזיי, וואָס האָט באַדאַרפט פאַראייביקן דעם נאָמען פון דעם געניאַלן טעאַטער־רעפאָרמאַטאָר און אומ־שטערבלעכן כישופמאַכער, וועט דער שלאָס „לעאָפּאָלדסקראָן" איבערגע־בויט ווערן אין אַ הייל־אַנשטאַלט. אַן אַמעריקאַנער בוי־קאָנצערן זאָל האָבן אָפּגעשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט ריינהאַרדטס יורשים, לויט וועלכן דער שלאָס „לעאָפּאָלדסקראָן" וועט אין דער צוקונפט ברענגען פאַר קראַנקע מענטשן היילונג און אָפּרו. דער אָרום איז רייך אין וואַסער־קוואַלן און פּאַספּאָר־זומפּן, וועלכע קאָנען ראַטעווען דאָס געזונט פון טויזנטער קראַנקע מענטשן. דער נאָמען פון מאַקס ריינהאַרדט וועט באַצירן דעם פּראָיעקטירטן הייל־אַנשטאַלט. זאַלצבורגער רכילות־טרייבער דערציילן, אַז דער אָפּמאַך קאָן נאָך דערוויל נישט פאַרווירקלעכט ווערן, ווייל ריינהאַרדטס יידע זין זענען נאָך מיט דעם פּלאַן נישט מסכים. זיי — די זין — באַטראַכטן די פאַר־וואַנדלונג פון דעם שלאָס אין אַ הייל־אַנשטאַלט ווי אַ מין פאַרשוועכונג פון דעם אָנדענק פון זייער באַרימטן פאָטער. מען דערציילט אויך, אַז טאָמאַס מאַן, דער גרויסער דייטשער דיכטער און נאָבעל־פּרייז־טרעגער, דער איינציקער אפשר דייטשישער צדיק, האָט זיך געווענדט מיט אַ בריוו צו העלענע טימיג און צו די אַנדערע ריינהאַרדטס יורשים, בעטנדיק זיי נישט צו וואולגאַריזירן דעם קונסט־טעמפּל אין וועלכן ריינהאַדט האָט אויס־פאַנטאַזירט זיינע שענסטע קרעאַציעס. אויך ער, — טאָמאַס מאַן, — זאָל

זיין מיט דער מיינונג, אַז דער היסטאָריש־באַרימטער שלאָס, וועלכן רייני־האַרדט האָט אויסגעוויילט אַלס זיין מקום־מנוחה, מוז בלייבן פאַר די צוקינפטיקע דורות נאָר אַלס קונסט־מקור, פון וואַנען קונסט־ליבנדיקע מענטשן וואָלטן קאָנען שעפּן ליטעראַטור און טעאַטער־קענטעניש.

און אָט שפּאַציר איך דורך די זאַלן, צימערן, ביבליאָטעקן פון דעם באַרימטן „לעאָפּאָלדסקראָן", שפּרייז דורך די ברייטע מאַרמאָרענע באַל־קאָנען פון וואַנען עס עפנט זיך אַ פּאַרכאַפּנדיקע פּאַנאָראַמע אויף די אַרו־מיקע בערג, וועלדער און טאָלן. רונד אַרום הערשט אַ געטלעכע שטיל־קייט. היינט איז אַ זונטיק און די אוניווערזיטעט איז געשלאָסן.

אַן אַלטער עסטרייכישער אינוואַליד, אַ וועכטער נאָך פון קייזער פראַנץ־יאָזעפס עפּאָכע, אַ געוועזענער דינער ביי ריינהאַרדטן, פירט מיך און נאָך עטלעכע נייגעריקע אויסלענדער איבערן שלאָס. ער — דער וועכ־טער — קען דאָ יעדן ווינקל. ער רעדט פון ריינהאַרדטן מיט דעם זעלבן דרך ארץ, ווי ער וואָלט גערעדט פון זיין אַמאָליקן מאָנאַרך.

— אַ נאָבעלער און גוטהאַרציקער מענטש איז געווען פּראָפעסאָר ריינהאַרדט — דערציילט דער וועכטער. שטרענגקייט האָט ער אַרויסגעוויזן נאָר לגבי זיינע מיטאַרבעטער: קינסטלער, שוישפּילער און אויטאָרן. מיט אונדז, פּשוטע מענטשן איז ער תמיד געווען פריינטלעך, איינפאַך און ווי־ציק. ער איז אויך געווען, זאָגט מען, פרום. בעת די הויכע יידישע יום־טובים פלעגט ער נישט פאַרזאַמען צו באַזוכן די סינאַגאָגע . . .

איך הער זיך צו צו די דערציילונגען פון דעם אַלטן אינוואַליד און דערמאָן זיך, אַז מיר איז שוין עטלעכע מאָל אויסגעקומען צו הערן וועגן ריינהאַרדטס פרומקייט. דער באַוווּסטער רוסיש־יידישער שריפטשטעלער אָסיפּ דימאָוו, וועלכער האָט באַלאַנגט צו ריינהאַרדטס ענגן פריינט־קרייז, דערציילט ערגעץ אין זיינע זכרונות. וועגן דעם, אַז ריינהאַרדט, נישט גע־קוקט אויף זיין דייטשנטום, איז אין תוך געווען אַ רעליגיעזער און באַ־וווּסטזיניקער ייד. ליידער, האָט דער דאָזיקער באַוווּסטזיניקער און גאוניא־לער ייד, ווי אויך אַ סך אַנדערע זיינע מיטאַרבעטער, אָפּגעגעבן זיין טאַ־לאַנט, זיין וויסן און קענטשאַפט פאַר אַ פרעמדער קולטור און צו אַ פאָלק, וואָס האָט בעסטיאַליש אויסגעראָטעט זעקס מיליאָן פון זיינע — ריינ־האַרדטס — אייגענע ברידער.

אליהו טראָצקי

קאַפּיטל זיבעצן

די דייטשע יידן . . .

זייט דעם סוף פון דער מלחמה און דער באַפרייאונג פון איראָפּע הערט נישט אויף דער גורל פון דער שארית הפליטה צו באַאומרואיקן די יידישע וועלט. דאָס פּראָבלעם פון די אויסגעוואָרצלטע און היימלאָזע פאַרנעמט דעם צווייטן פּלאַץ נאָך ארץ ישראל. מיט דער שאַפונג פון דער יידישער מדינה און אַ דאַנק דער אומדערמידלעכער ענערגיע פונעם יידישן כלל שטייט דאָס פּראָבלעם פון די אויסגעוואָרצלטע כמעט פאַר איר ענדגילטיקער לייזונג. די צענדליקער פּליטים-לאַגערן אין דייטשלאַנד, עסטרייך און איטאַליע, ווערן מיט יעדן טאָג ליידיקער, זייערע תושבים צעפאָרן זיך ביסלעכוויז און ביז צום סוף יאָר וועט די שארית הפליטה בלייבן נאָר ווי אַ טרויעריקע היסטאָרישע רעמיניסצענץ אין דער מאָדערנער יידישער מאַרטיראָלאָגיע.

ווי זעט עס אָבער אויס מיט די דייטשע יידן גופא? וועלכע אויסזיכטן אָדער שאַנסן האָבן די רעשטלעך פון געוועזענעם מעכטיקן, רייכן און קולטורעלן דייטשן יידנטום זיך איינצואָרדענען אין דעם אויפבוי און פּראָדוקציע-פּראָצעס פונעם איצטיקן דייטשלאַנד? און בכלל ווי אַזוי באַציען זיך צו דייטשלאַנד די יהודים, וועלכע האָבן זיך ווי דורך אַ נס געראַטעוועט פון היטלעריסטישן פאַרניכטונגס-פּראָצעס? די דאָזיקע קשיות שווימען נישט ווילנדיק אויף, בעת מען שטודירט די קעגנוואַרטיקע לאַגע.

די פאַרבונדנקייט פונעם דייטשישן יידנטום מיטן דייטשן לאַנד, זיין ליבע צו דער דייטשער קולטור און זיין געוועזענער איבערגעשפּיצטער הוראַפּאַטריאָטיזם, האָט דעם רוב פון די דייטשע יהודים געשאַפן אין דער גאָרער וועלט דעם שם פון אומפאַרבעסערלעכע אַסימילאַנטן. עס האָט אויסגעזען, אַז אפילו די בלוטיקע לעקציע, וואָס היטלער האָט די דייטשע יידן געגעבן, וועט נישט בכוח זיין אויסצוניכטערן זייערע טעווטאָניזירטע מוחות. דער נאַציאָנאַל-געזונטער סעקטאָר פון די דייטש-רעדנדיקע פּליטים איז געווען

באַזאָרגט, אַז דער צוזאַמענברוך פון היטלערס ממשלה זאָל נישט אַרויס־רופן ביי די מערסטע דייטשע יידן דעם פאַרלאַנג זיך אומצוקערן אין דאָס געוועזענע פאָטערלאַנד. די דאָזיקע מורא האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אומבאַגרינדעט. דער רוב פונעם דייטשן יידנטום איז געבליבן דאָרט וווּהין ער איז אויסגעוואַנדערט און ווו דער שיקזאַל האָט אים פאַרשלאָגן. דער געזונטער מענטשלעכער חוש האָט אונטערגעזאָגט די דייטש־יידישע אימיגראַנטן אין די נייע לענדער צו שטעלן אַ מצבה אויף זייערע געפילן צום אַמאָליקן דייטשלאַנד און פאַרגעסן אָן אים. בלויז קליינע גרופּעס פון דייטשע יידן, פאַרוואָגלטע דורך דעם ברוינעם טעראָר אָדער דורך דער קריגס־פּוריע ערגעץ קיין יאַפּאַן אָדער קיין כינע, זענען געצוווּנגען געוואָרן זיך אומצוקערן קיין דייטשלאַנד. אָבער אויך זיי — אָט די היימלאָזע פייגל — זיצן אויף די פּעקלעך און קוקן אַרויס אויף דער מעגלעכקייט וואָס גיכער אָפּצוטרייסלען פון זייערע שיך דעם שטויב פונעם פאַרשאָלטענעם לאַנד.

יחידים, וועלכע קערן זיך אום קיין דייטשלאַנד, מחמת פאַרשידענע מאָטיוון, איבערצייגן זיך זייער גיך, אַז סיי פאַר זיי און סיי בכלל פאַר יידן איז דייטשלאַנד אויף אייביקע צייטן פאַרפאַלן. נישט נאָר דער חרובער אַרום, די אָרעמקייט און אַלגעמיינע עקאָנאָמישע דעגראַדאַציע ווירקן גרויליק. אַ סך דערשיטערנדיקער און שווערער שפּירט מען דעם פאַרגיפטעטן פּאָליטישן קלימאַט, אין וועלכן עס איז אוממעגלעך אויסצומאָלן דאָס אַנטשטיין פון אַ נייעם יידישן קיום. די רעשטלעך פונעם דייטשן יידנטום זענען מיט אַן אומזעבאַרער האַנט איזאָלירט געוואָרן פון דער איבעריקער באַפעלקערונג. אַ שוואַכער קאָנטאַקט באַשטייט בלויז אין די אַנטי־נאַציסטישע אינטעלעקטועלע קרייזן און ביי די צוויי רעוואָליוצירנדיקע פּאָליטישע פּאַרטייען, — ביי די קאָמוניסטן און סאָציאַליסטן. אָבער אויך דאָרט איז די צאָל יידן בפירוש אויף די פינגער אָפּצוציילן. די בירגערלעכע יידישע עלעמענטן, בפרט די נאַציאָנאַל יידיש געשטימטע, פילן זיך אין דייטשלאַנד אומגליקלעך. זיי זעען דייטלעך דעם תהום, וואָס די ראַסיסטישע מגפה האָט געשאַפן צווישן זיי און די דייטשן און מאַכן זיך נישט קיין אילוזיעס בנוגע דער צוקונפט.

— פאַר יידן אין דייטשלאַנד איז נישטאָ מער קיין פּלאַץ. די איינציקע אַלטערנאַטיווע — איז אויסוואַנדערן . . . — — —

די דאָזיקע מיינונג אין פאַרשידענע וואַריאַציעס קאָן מען הערן כמעט פון יעדן דייטשן ייד. מיט דער זעלביקער מיינונג איז אויך אַזאַ מין בקי אין דייטש־יידישע פּראָבלעמען, ווי דאָקטאָר פיליפּ אַאוערבאַך, דער רעגי־רונגס־קאָמיסאַר אין פליכטלינגס־ ענינים. דאָקטאָר פיליפּ אַאוערבאַך, פאַר נעמט אַ מיניסטער־אַמט אין דער בייערישער רעגירונג און איז איינער פון די אינטערעסאַנטסטע יידישע פּערזענלעכקייטן אינעם היינטיקן דייטשלאַנד. סיי די אָקופּאַציע־באַהערדן און סיי דער בייערישער פּרעמיער האַלטן אַ סך פונעם יידישן רעגירונגס־קאָמיסאַר און הערן זיך אויפמערקזאַם צו צו זיין שטים.

פיליפּ אַאוערבאַך געהערט צו יענער קליינער צאָל מזלדיקע יידן, וועלכע זענען דורך אַ נס ניצול געוואָרן פון פאַרניכטונג. דער מלאך המות האָט קענטיק אַאוערבאַכן נישט באַמערקט, אויסקלויבנדיק אין אוישוויץ די קדושים. די טאָג־טעגלעכע באַגעגענישן אָבער מיטן מלאך פון טויט האָבן שווער פאַרווונדעט אַאוערבאַכס נשמה און איבערגעלאָזן אין זיינע אויגן אַן אייביקע שרעק. ווען פיליפּ אַאוערבאַך פאַרטראַכט זיך אויף אַ ווייל, לייכט אויף די שרעק הינטער זיינע ברילן, ווי אַ ווייטער בליץ. פיליפּ אַאוערבאַך איז נישט דער איינציקער ייד, וואָס באַזיצט די ווערדע פון אַ דייטשן מיניסטער. אויך אין דעם געוועזענעם גרויסהערצאָגטום העסן און אין שלעזוויג־האָלשטיין זענען פאַראַן יידן מיניסטאָרן. אָבער אין יענעביידע לענדער באַלאַנגען די יידישע מיניסטאָרן צו די סאָציאַליסטישע פּאַר־טייען, באַטראַכטן זיך ווי דייטשן און לייגן איין וועלטן פאַר דעם ווידער־אויפבוי פונעם פאָטערלאַנד.

— איך מוז העלפן צו דער רעהאַביליטאַציע פון מיין פאָטערלאַנד, האָט דערקלערט דער האָלשטיינישער אינערן־מיניסטער, דער ייד הערמאַן קאַץ, ביי אַ זשורנאַליסטישער אויפנאַמע אין פלענסבורג. איך בין געבוירן אין האָלשטיין, פיל מיך אַלס האָלשטיינער און מיין יידנטום שטייט נישט אין סתירה צו מיינע דייטשע געפילן. דעם זעלביקן שטאַנדפּונקט האָב איך פאַרטראָטן בעת דער מלחמה, ווען איך האָב געפּראַוועט גלות אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן . . .

דער מה־יפית־ייד הערמאַן קאַץ איז נישט טיפּיש פאַר די דייטשע יידן׳ ער איז מער אַן עפּיזאָדישע פיגור... בלויז צווישן יידישע פּאַרטיי־

דאָגמאַטיקער אָדער פּאָליטישע פּאַנאַטיקער קען מען זיך אָנשטויסן אויף אַזעלכע טיפּן, ווי הערמאַן קאַץ, וועלכע האָבן גאָרנישט געלערנט פון אונדזער נאַציאָנאַלן בראָך אין אייראָפּע.

דאָקטאָר פיליפּ אַאוערבאַך איז גאָר אַן אַנדערער מין ייד. דווקא ווייל ער פאַרנעמט אַזאַ הויכן אַמט און ווערט אַלזייטיק געאַכטעט, האָט ער זיך געלאָזט אויסוויילן צום ראש פון דער מינכענער דייטש־יידישער קהילה. אָנגענומען האָט אַאוערבאַך דעם פּרעזידענטן־פּאָסטן פון דער געמיינדע נישט אַלס אַקטיווע פיגור, נאָר ווי אַן אַקטיווער אָנפירער פון דער אַמאָל באַרימטער קהילה. זיין באַטייליקן זיך אינעם צוזאַמענפאָר פונעם וועלט־קאָנגרעס אין מאָנטערעי, זיין דאָרטיקע אַקטיווּיטעט און די אָפענע דיבור־רים, מיט וועלכע ער האָט געשילדערט די לאַגע פון דער שארית־הפליטה, ווי אויך פון די דייטשע יידן, האָבן נאָר באַשטעטיקט זיין שם פון אַ מאָטיקן און שטאָלצן ייד.

די דרשה, וואָס פיליפּ אַאוערבאַך האָט פּסח געהאַלטן אין דער מינכענער שיל און וועלכע איז דורך ראַדיאָ געהערט געוואָרן אין גאַנצן לאַנד, האָט אַרויסגערופן ביי די יידן די גרעסטע באַוווּנדערונג. אַזאַ מין טיפן אַנאַליז פון דער נאַציסטישער געפאַלנקייט, אַזאַ מין אומפּאַרטייאיש־קירטע פאַראורטיילונג פונעם גאַנצן דייטשן פאָלק פאַר די פאַרברעכנס לגבי די יידן און אַזאַ פאַרניכטנדיקע קריטיק פון דער אַזוי גערופענער דייטשער מאָראַל איז מיר זעלטן אויסגעקומען צו הערן אפילו אין אויסלאַנד.

— מיין פּסחדיקע רעדע האָט מיר פאַרשאַפט אַ סך נייע פיינט, — האָט מיר שפּעטער דערציילט דאָקטאָר אַאוערבאַך. — אַ פיינט מער אָדער אַ פיינט ווייניקער, — וואָס שפּילט עס פאַר אַ ראָלע?! מיר איז גוט באַוווּסט, אַז נישט נאָר די אָפענע און פאַרשטעקטע נאַצים האָסן מיך, אויך ביי אייגענע מיטגלידער פון קאַבינעט בין איך נישט נושא־חן. מיט וועלכן פאַרגעניגן וואָלטן געוויסע מיניסטער־קאָלעגן באַגריסט מיין אַרויסטרעטן פון מיניסטעריום. אָבער איך רעזיגניר נישט; נישט מחמת דעם מיניסטער־בענקל, אָדער וועגן דעם כבוד. דעם כבוד בין איך זיי מוחל. איך בלייב אויפן מיין פּאָסטן אַזוי לאַנג, ווי דאָס איז נוצלעך פאַר די יידן בכלל, בעיקר אָבער פאַר דער שארית הפליטה. נאָר אוטאָפּיסטן קענען נאָך גלייבן אין דער מעגלעכקייט אויפצובויען אַ ניי לעבן פאַר יידן אין דייטשלאַנד. אפשר

פּערציק־פופציק יאָר שפּעטער, ווען מדינת ישראל וועט ווערן אַ דעצידירנ־דיקער פאַקטאָר אין דער צווישנפעלקערישער משפּחה און דאָס יידישע פאָלק וועט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ נאַציע, אפשר דעמאָלט, זאָג איך, וועלן יידן אויך קענען לעבן אין דייטשלאַנד. איצט איז דער אַנטיסעמיטיזם נישט ווייניקער אינטענסיוו, ווי ביי היטלערס צייטן און די שנאה צו יידן איז אָן אַ שיעור גרויס. אויף יעדן שריט און טריט שטויסן זיך יידן אָן אויף מיסטרוי, האַס און אפענער קעגנערשאַפט. זייט דריי יאָר קעמפט אַ גרופּע אָרגאַניזירטע יידן פאַר דאָס צוריקבאַקומען די צוגערויבטע יידישע פאַר־מעגנס. די רעזולטאַטן זענען לײדער נישטיק.

הגם די אַמעריקאַנער אָקופּאַציע־מאַכט האָט אין איר געביט אַרויס־געצוווּנגען אַ געזעץ וועגן צוריקגעבן פון יידישן פאַרמעגן, שטויסט די אויספירונג פונעם דאָזיקן געזעץ זיך אָן אויפן פאַרשטעקטן סאַבאָטאַזש מצד דעם דייטשן באַאַמטנטום. בלויז יחידים־עקשנים אָדער מענטשן פון שטאַרקן ווילן — דערגרייכן עפּעס. אין דער פראַנצויזישער און ענגלישער אָקופּאַציע־זאָנעס זענען די געזעצן אזוי פאַרפּלאָנטערט און ווערן דורכ־געפירט מיט אַזאַ לאַנגזאַמען טעמפּאָ, אַז אפשר די אוראייניקלעך פון די געוועזענע באַזיצער פון די יידישע פאַרמעגנס וועלן האָבן אויסזיכטן אַ קלייניקייט צוריקצובאַקומען. אין דער סאָוויעטישער זאָנע, אויף אַזוי ווייט ווי מיר איז באַוווּסט, איז די סיטואַציע אויך נישט בעסער.

אַלע באַמיאונגען און פּראָטעסטן צו פאַרשנעלערן און אַקטיוויזירן דעם פּראָצעס פון צוריקגעבן די אַריאַניזירטע פאַרמעגנס בלייבן עד היום אַ קול אין מדבר. עס איז אָן אַלטער און באַקאַנטער כלל, אַז ווען עמעצער איז אַ בייזוויליקער באַנקראָט און וויל נישט צאָלן, צאָלט ער פשוט נישט. דאָס דייטשע פאָלק איז לגבי די יידן נישט נאָר אַ בייזוויליקער נאָר אויך אַ באַוווּסטזיניקער באַנקראָט . . .

דאָקטאָר פיליפּ אַאוערבאַך בלייבט אַ ווײַלע שווייגן און אין זיינע אויגן בליצט אויף די פאַרבאַהאַלטענע שרעק. אַ גרימאַסע פון פאַרביטער־רונג צעגיסט זיך אויף זיין פּנים, ווי ווען אין אים וואָלט אינערלעך עפּעס ווייטיקלעך געבערן.

— דאָס דייטשע יידנטום האָט אויפגעהערט אַלס שבט פון אַל־יידנ־טום צו עקזיסטירן, — פאַנגט ער אָן דעם שמועס. איך גלויב נישט, אַז עס

וועט איבערחזרן דעם וועג, וואָס דאָס שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע יידנטום האָט דורכגעמאַכט נאָכן גירוש. די אויסגעוואַנדערטע דייטשע יידן וועלן זיך ביסלעכווייז אַסימילירן מיט די פעלקער צווישן וועלכע זיי לעבן איצט. די רעשטלעך, וואָס זענען פאַרבליבן אין דייטשלאַנד, וועלן בהדרגהדיק פאַרלאָזן דאָס לאַנד און זיך איבערפּעקלען אַהין, וווּ פאַר אַ ייד איז לייכטער צו אָטעמען. דאָ־הי איז די אַרומיקע סביבה נאָך אויף דורות־לאַנג פאַרסמט. די דענאַציפיקאַציע איז אַן אוטאָפּיע. טויזנטער פון דייטשן זענען איבערצייגטע נאַצים און גלויבן אין דער לעגענדע, אַז דער „פירער" לעבט ערגעץ פאַרשטעקט און וועט אין אַ פּאַסיקן מאָמענט זיי אויסלייזן פונעם פרעמדן יאָך. איז פרעגט זיך אַ פראַגע: וואָס פאַראַ פּערספּעקטיוון קענען יידן האָבן אין אַזאַ מין דייטשלאַנד און צווישן אַזאַ פאַרטעמפּטן פאָלק?...

ווי פון דאָקטאָר פיליפּ אַאוערבאַכס דיבורים איז לייכט צו דרינגען, באַלאַנגט ער נישט צו יענע מאָראַלישע פּחדנים און פּאָליטישע מה־יפית יהודים, וועלכע לעקן נאָך איצט די שטיוול ביי די דייטשע רוצחים און שטייען שטאָל און אייזן פאַר דער רעהאַביליטאַציע פונעם ליבן פאָטערלאַנד. די מערסטע דייטשע יידן באַגריפן ריכטיק זייער טרויעריקע סיטואַציע און זוכן בלויז אַ נייעם מקום מנוחה פאַר זייערע אויסגעמוטשעטע קערפּערס. מדינת ישראל איז זייער טרוים און דערפאַר אפשר ווערט די העברעאישע שפּראַך גרינטלעך געלערנט און פּאָפּולאַריזירט. אין דעם קלענסטן דייטשן יידישן קיבוץ געפינט מען איצט קורסן פאַר הכשרה און העברעאיש. מיט אמתער דייטשער גרינטלעכקייט און סיסטעמאַטישקייט גרייטן זיך צו אַמאָליקע טרעגער פון דער דייטשער קולטור, בעיקר דער יינגערער דור, צו אַ נייעם לעבן צווישן יידן און אין אַ יידישער מדינה.

אגב, בנוגע דער לעגענדע וועגן היטלערס תחית המתים און זיין צוקינפטיקער ראָל פון אַ נאַציסטישן, להבדיל, משיח. נישט נאָר פון דר. אַאוערבאַך, נאָר אויך פון דייטשע אַנטינאַציסטן איז מיר אויסגעקומען צו הערן, אַז היטלער לעבט און אַז די מעשה פון זיין פאַרברענט ווערן איז פון אים גופא בכיוון קאָנסטרואירט געוואָרן. דער דייטש, ווי באַוווּסט, איז בטבע אַ מיסטישע נאַטור. אפילו דער גרויסער און געניאַלער וואָלפגאַנג געטע איז נישט פריי געווען פון מיסטיציזם. דער צווייטער טייל פון זיין „פּאַ־אוסט" איז דורך און דורך מיסטיש. פיכטע און טרייטשקע — באַוווּסטע

דייטשע היסטאָריקער און וועקער פונעם דייטשן פּאַטריאָטיזם, האָבן אויפ־געבויט זייערע וועלט־אַנשויאונגען אויפן ריינסטן מיסטיציזם. היטלערס און ראָזענבערגס טעאָריעס פון ראַסן־סופּעריאָריטעט וואָלטן קיינמאָל נישט דערגרייכט אַזאַ ריזיקן דערפאָלג, ווען די דייטשע מוחות וואָלטן נישט געווען דורות נאָכאַנאַנד פאַרגיפטעט דורכן מיסטיציזם. לכן, איז זיך נישט צו וווּנדערן אַז דער רוב פונעם דייטשן פאָלק גלויבט אין דעם נס פון היט־לערס פאַרבאַהאַלטענער עקזיסטענץ און אין דער ראָל, וואָס אים, היטלערן, וועט נאָך אויסקומען צו שפּילן אין דער מאָדערנער געשיכטע פונעם רואי־נירטן דייטשלאַנד.

אויף ווי־ווייט היטלערס לעגענדע לעבט אין באַוווּסטזיין פון די דייר־טשן, דערציילט נישט קיין אַנדערער ווי גענעראַל לוציוס קלעי, דער אַמערי־קאַנער קאָמאַנדיר פון די צפון־אַמעריקאַנער אָקופּאַציע־חילות. אין זיין לעצטן אָפיציעלן באַריכט צום שטאַטס־דעפּאַרטאַמענט אין וואַשינגטאָן שילדערט ער די נאַצי־שטימונגען וואָס הערשן אין די דייטשע מוחות און הערצער. ער אילוסטרירט זיין באַריכט מיט אַן עפּיזאָד, וואָס איז כאַראַק־טעריסטיש פאַרן דייטשן גייסטיקן מהות און וועלכן עס איז כדאי צו דער־ציילן.

מיט עטלעכע חדשים צוריק, באַריכטעט גענעראַל קלעי, איז די דייר־טשע עפנטלעכקייט אויפגערודערט געוואָרן צוליב אַ מיסטעריעזער פּאַסי־רונג, וואָס פלעגט זיך יעדן טאָג סיסטעמאַטיש ווידערהאָלן. אין די אָפּי־ציעלע ראַדיאָ־אוידיציעס פלעגט זיך פלוצים דערהערן היטלערס שטימע. זיין ברוטאַלער קול, זיינע אויפברויזנדיקע און היסטערישע געשרייען און אַגרעסיווע דראָאונגען זענען געווען אַזוי עכט, אַז די אידענטישקייט פון היטלערס עקזיסטענץ איז געווען בלי ספק. אַלע זיינע דרשות זענען גע־האַלטן געוואָרן אינעם באַקאַנטן נוסח פון זידלערייען, פאַרלוימדונגען און שקרים לגבי די אַליאירטע און יידן. ענדיקן פלעגן זיי זיך געווענלעך מיטן פאַרשפּרעכן אין גיכן צו ברענגען די פּערזענלעכע גאולה פאַרן באַעוולטן און אונטערדריקטן דייטשן פאָלק. און נאָך עפּעס פלעגט די מיסטעריעזע היטלער־שטים נישט פאַרגעסן יעדעס מאָל צו דערמאָנען: אַ בקשה צו שיקן ביישטייערונגען פאַר דער באַפרייאונגס־באַוועגונג. די אַדרעסן וווּהין דאָס געלט זאָל געשיקט ווערן פלעגן זייער אָפט געביטן ווערן.

די אָקופּאַציע־מאַכט האָט תיכף געהאַט דעם חשד, אַז הינטער דעם גאַנצן עסק באַהאַלט זיך אַ פּיפּיקע אַוואַנטורע. די דייטשע און די אַלי־אירטע געהיים־פּאָליציי איז בסוד געשטעלט געוואָרן אויף די פיס. בשעת מעשה אָבער זענען די נאַציסטישע שטימונגען געוואַקסן און גלייכצייטיק איז געשטיגן די דייטשע חוצפה׃

„דער פירער" לעבט. די באַוועגונג פאַרטיפט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט... באַלד וועלן מיר אַראָפּוואַרפן דעם פרעמדן יאָך"... — פלעגט זיך אַריבערטראָגן פון מויל צו מויל.

אומדערוואַרט איז דער גאַנצער בלאָף געפּלאַצט און אַראָפּגעפאַלן אויף די שאָוויניסטיש־צעהיצטע דייטשע פירקאַנטיקע קעפּ, ווי אַ בליץ ביים וואָלקנלאָזן הימל.

די בעלגישע געהיים־פּאָליציי האָט געוואָרפן אַן אויג אויף צוויי יונ־געלייט וועלכע האָבן געפירט אין דער בעלגישער הויפּט־שטאָט אַ לוקסוס־לעבן און ממש זיך אומגעוואָרפן מיט געלט. די חברה־לייט זענען פאַר־בעטן געוואָרן אין דער בריסעלער פּאָליציי און אויסגעפרעגט געוואָרן מכוח זייערע פינאַנציעלע מקורות. די יונגע מענטשן: איינער אַ דייטש מיטן נאָ־מען ריגע, דער צווייטער — אַן אונגאַרישער ייד מיטן נאָמען מעסאַראָש האָבן זיך נישט לאַנג געקווענקלט און זיך מודה געווען, אַז זייביידע זענען די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער היטלעריסטישער מיסטיפיקאַציע. דער פאַקטישער גורם פון דער געוואַגטער אַוואַנטורע איז דער דייטש ריגע, וועלכער איז אַנטלאָפן פון דייטשלאַנד צוליב מורא פאַר דער דאָרטיקער פּאָליציי, וועלכע האָט אַנטפּלעקט, אַז ער האָט אויסגענאַרט ביי זיינע פּאַלקס גענאָסן, צענדליקער טויזנטער מאַרק, כדי „אַרויסצוראַטעווען" היטלערס „זון" פון די באָלשעוויסטישע נעגל. דער ייד מעסעראָש איז אַ שוישפּילער און אַ גלענצנדיקער אימיטאַטאָר. איידער דאָס דריטע רייך האָט אַנעקסירט עסטרייך, האָט דער שוישפּילער מעסאַראָש געמאַכט אַ פיינעם לעבן, אַ־מיטירנדיק היטלערן אין די ווינער קאַבאַרעטן. אים — מעסאַראָשן — האָט ריגע געבראַכט אויפן געדאַנק, אַז מיט זיין אימיטאַציע־טאַלאַנט נאָכ־צוקאָפּירן היטלערן קאָן מען מאַכן מיליאָנען. אַזוי האָט אויך פּאַסירט. דעם ייד, מעסאַראָש, איז געלונגען צו דערגרייכן ערגעץ אַ געהיימע ראַדיאָ־סטאַנ־ציע, פון וועלכער ער פלעגט מיט דער מיטהילף פון ריגע פּאַרפּלייצן די

גאַדיאַ־כוואַליעס מיט זיינע היטלעריסטישע פּאַראַדיעס. די ביידע שותפים, — ריגע און מעסאַראָס, — זענען במעט פאַרטרונקען געוואָרן אין דעם שטראָם געלט, וואָס האָט זיך אויף זיי אַ גאָס געטון פון „אָרימען, נעבעך" דייטשלאַנד. זיי האָבן געמוזט אָרגאַניזירן אַ גאַנצע ביוראָ, אָנשטעלן אַ גרויסן אַפּאַראַט פון באַאַמטע צו באַוועלטיקן דעם גאָלדענעם רעגן. איצט זיצן די יונגעלייט אין תפיסה און וואַרטן אויף אַ גערעכטן משפט.

אָבער נישט דאָס איז גענעראַל קלעי אויסן, נישט די פּיפּיקע אוואַנ־טוריסטן אינטערעסירן אים. ער דערציילט זיין רעגירונג דעם דאָזיקן עפּי־זאָד, כדי צו באַווייזן, ווי טיף די נאַציסטישע אידעאָלאָגיע לעבט אין די דייטשע הערצער, ווי נישטיק ווערטלאָז איז דער פּרוּוו די דייטשן פּאָלי־טיש איבערצואַנדערשן און ווי פּאַרזיכטיק די אַליאירטע מוזן זיין אין דער באַהאַנדלונג פונעם דייטשן פאָלק, וועלכעס האָט גאַרנישט געלערנט פון זיין נאַציאָנאַלער מפּלה.

איז פרעגט זיך: וואָס פאַר אַן אויסזיכטן קאָנען האָבן דייטשע יידן צווישן אַ פאָלק, וואָס איז פּסיכיש קראַנק און פּאָליטיש פאַרפוילט?

קאַפּיטל אַכצן

דער לעצטער עטאַפּ

קאַרלסרוהע — מיין לעצטער עטאַפּ אויפן וועג פון דייטשלאַנד קיין שווייץ. הינטער מיר זענען געבליבן עטלעכע טויזנט קילאָמעטער דייטשע און עסטרייכישע ערד, וואָס איך האָב דורכגעקרייצט מיט דער אייזנבאַן אָדער מיטן אויטאָ. זיבן־און־צוואַנציק שטעט און אינדוסטריע־צענטערן, אומצאָליקע קאָנצענטראַציע־לאַגערן און אַ שלל פון געזאַמלטע איינדריקן, באַגעגענישן און באַקאַנטשאַפטן.

דער אַמעריקאַנער מיליטער־צוג, וואָס פירט אונדז קיין שווייץ שטייט זעקס שעה אין קאַרלסרוהע. וואָס מאַכט מען מיט אַזוי פיל פרייע צייט? ווי ניצט מען זי אויס אַמבעסטן?... אַדורכנישטערן אין זכרון וועקט אויף היסטאָרישע רעמיניסצענצן און פּערזענלעכע דערינערונגען.

קאַרלסרוהע — די הויפּטשטאָט פונעם געוועזענעם גרויסהערצאָגטום באַדן איז דאָך פאַרפיקסירט אין אונדזער מאָדערנער געשיכטע. דאָ, אין קאַרלסרוהע — איז געשטאַנען דער טראָן פון יענעם דייטשן רעגירנדיקן מאָנאַרך, וועלכער האָט אויפגענומען טעאָדאָר הערצלען, אויסגעהערט זיין פאַנטאַזיע־פולן פּראָיעקט פון שאַפן אַ יידן־שטאַט, און וועלכער האָט זיך אויך אַזוי פיל פאַראינטערעסירט מיט דער אויסטערלישער פּערזענלעכקייט פון דעם ווינער שריפטשטעלער — דאָקטאָר הערצל, — אַז ער האָט אים צוגעזאָגט זיין ווייטערע מאָראַלישע אונטערשטיצונג. אויב איך האָב קיין טעות נישט, איז דער באַדישער גרויסהערצאָג געווען דער פאַרמיטלער צווישן קייזער ווילהעלם דעם צווייטן און דעם שעפער פון אונדזער נאַציאָנאַלן רענעסאַנס, טעאָדאָר הערצל.

דער גורם פון דער באַגעגעניש אין ארץ ישראל צווישן דעם לעצטן דייטשן קייזער און דעם ווינער וויזיאָנער איז געווען טאַקע דער גרויסהערצאָג פון באַדען. קאַרלסרוהע, — זיין בליענדיקע אַמאָל רעזידענץ, — ליגט איצט אין חורבות. אויב ער, דער גרויסהערצאָג און ליבעראַלער הערשער, וואָלט אויפגעשטאַנען תחית המתים, וואָלט ער מסתמא פאַר שרעק צום צווייטן מאָל געשטאָרבן. העכער פופציק פּראָצענט פון דער שטאָט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טרויעריקן יאָמער־טאָל, אין אַ לאַבירינט פון מוראדיקע רואינען.

מיך גופא פאַרבינדט מיט קאַרלסרוהע אַן עפּיזאָד פון מיין יוגנטלעכער זשורנאַליסטישער טעטיקייט, וואָס ליגט מיט קנאַפּע פערציק יאָר צוריק. דעמאָלסט איז קאַרלסרוהע פאַר מיר צופעליק געוואָרן דער אָנפאַנג פון אַ געוויסער פּאָפּולאַריטעט אין דער רוסישער פּובליציסטיק.

פאַר די יעניקע, וועלכע זענען באַהאַוונט מיט דער געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלוציע, איז זיכער נישט פרעמד דער נאָמען פון יעוונאָ אזעף — דער גרעסטער פּראָוואָקאַטאָר אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. די אַנטפּלעקונג דורך וולאַדימיר בורצעוו — דער רעוואָלוציאָנערער היסטאָריאָגראַף — דעם פאַרברעכערישן פּרצוף פון אזעפן האָט בשעתה אויפגערודערט די גאַנצע וועלט. חדשים לאַנג זענען די נעמען פון בורצעוו, טשערנאָוו, סאַווינקאָוו, נאַטאַנסאָן און אַנדערע באַרימטע רעוואָלוציע־קעמפער

ווי אויך דער פאַרשאָלטענער נאָמען פון דעם ייד יעוונא אזעף נישט אַראָפּ־
געגאַנגען פון די שפּאַלטן פון דער וועלט־פּרעסע.

איך האָב דעמאָלט פּאַרטראָטן אין בערלין די גרויסע מאָסקווער ליי־
בעראַלע צייטונג „רוסקאָיע סלאָווא", און האָב צוזאַמען מיט דער דייטשער
פּרעסע איבערגעלעבט דעם אויפברויז פון דער דייטשער עפנטלעכקייט. אין
דער רוסישער און רוסיש־יידישער קאָלאָניע פון בערלין איז אַלץ געגאַנ־
גען אויף רעדלעך. ס'האָט געקאָכט און געזודערט. צענדליקער רוסישע
און יידישע פּאָליטישע פליכטלינגען, וועלכע האָבן געוווינט אָדער שטודירט
אין דער דייטשער הויפּט־שטאָט, האָבן פּערזענלעך געקאָנט דעם אַנטהילטן
פּראָוואָקאַטאָר — יעוונא אזעף — אָדער זענען געשטאַנען מיט אים אין
נאָענטן קאָנטאַקט. עס איז געווען ווען וואָס זיך אויפצורעגן אָדער מורא
האָבן. ווער ווייסט, צי געפינט מען זיך אויך נישט אויפן צעטל פון די פון
אזעף פאַרראַטענע און צי וועט מען ביים צוריקקומען קיין רוסלאַנד נישט
אַרעסטירט ווערן אויף דער גרענעץ... וויפל הונדערטער יונגע רעוואָ־
לוציאָנערן זענען אויף אַזאַ מין אופן שפּירלאָז פאַרשוואונדן אָדער פאַר־
שיקט געוואָרן אין די אַרקטישע געמאַרקן פון סיביר! . . .

אין אַ געוויסן טאָג באַקום איך אַ טעלעגראַמע פון מאָסקווע אין וועל־
כער די רעדאַקציע מאַכט מיר אַ פאָרשלאָג אַנצושרייבן די קאַריערע פון
יעוונא אזעף אויפן סמך פון אויספאָרשונגען פון פּערזאָנען און פּאַרטיי־
חברים, וואָס האָבן זיך מיט אים — אזעפן — געטראָפן, אויסנוצנדיק אויך
שריפטלעכע מאַטעריאַלן, וואָס מיר וועט געלינגען אויסצוגעפינען.

מיין פרייד האָט געקאָנט לייכט געמאָלט ווערן. מיט אמתן ענטוז־
זיאַזם האָב איך זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם אָנבאָט, בעיקר נאָך, ווען די רע־
דאַקציע האָט בפירוש באַטאָנט נישט שרעקן זיך פאַר די גרעסטע הוצאות
אין אינטערעסן פון מיין זשורנאַליסטישער מיסיע.

יעוונא אזעף, — אַ זון פון אַן אָרעמער יידישער משפחה אין ראָס־
טאָוו — איז געווען פון בארוף אַן אינזשעניער. לכתחילה האָט ער אָנגע־
פאַנגען זיין שטודיום אין קאַרלסרוהע. שפּעטער האָט ער אויך שטודירט
אין דאַרמשטאַט. ציריך און זשענעווע — אין יענע דייטשע און שווייצאַ־
רישע הויך־שולן, וווּ עס האָט זיך קאָנצענטרירט דער רוב פון דער רוסישער
און יידישער אידעאַליסטישער און רעוואָלוציאָנער־געשטימטער יוגנט.

עטלעכע טעג שפּעטער, נאָך דעם באַקומען די טעלעגראַמע, בין איך שוין געווען אין קאַרלסרוהע. אַ פּאָר רעקאָמענדאַציע־בריוו צו דאָר־טיקע פּאַרטיי־חברים האָבן מיר געעפנט די טירן צו נויטיקע מענטשן און אויך צו די אַרכיוון פון דער רוסישער ביבליאָטעק — דער טרעף־פּונקט פון דער שטודירנדיקער יוגנט. אַגב, האָט יעוונאַ אַזעף, עטלעכע יאָר פאַר־נומען דעם ערן־אַמט פונעם פּרעזיצער פון דער ביבליאָטעק און איז פּאַק־טיש געווען דער "רעדל־פירער" פון דער סטודענטישער קאָלאָניע. אין קאַרלס־רוהע האָב איך זיך באַקענט מיטן באַוווסטן רעוואָלוציאָנער איגנאַט קאַלי־טשענקאָ, וועלכער איז געוואָרן מיין סעקרעטאַר. מיט מיר צוזאַמען, האָט ער באַרייזט אַלע דייטשע, שווייצאַרישע, איטאַליענישע און פראַנצויזישע שטעט, וווּהין אַזעפס שפּורן האָבן געפירט און ווו מען האָט געקענט עפּעס זיך וועגן זיין פּאַררעטערישער טעטיקייט דערוויסן. דער זעלבער קאַליטשענ־קאָ האָט מיך אַריינגעפירט אין די הייזער פון די סאָציאַליסטישע גדולים: געאָרג פּלעכאַנאָוו און פּאַוועל אַקסעלראַד — די טעאָרעטיקער פונעם רו־סישן סאָציאַליסטישן געדאַנק. דורך זיין — קאַליטשענקאָס פאַרמיטלונג האָב איך זיך באַקאַנט מיט באָרים סאַווינקאָוו — דעם טאַלענטירטן שריפטשטעלער און וועלט־באַרימטער רעוואָלוציאָנער. דער אָנפירער פון דער טעראָריסטישער „באָיעוואַיאַ אָרגאַניזאַציאַ“ (קאַמף אָרגאַניזאַציע).

קאַרלסהורע איז געווען דער אויסגאַנגפּונקט און אָנפאַנג פון אַזעפס פּראָוואָקאַטאָרישער טעטיקייט. און אָט, פּערציק יאָר שפּעטער, פאַרוואָגלט מיך דער גורל אויפסניי קיין קאַרלסרוהע, ווו אַ ווייטבליקנדער באַטענטאַט האָט באַגריפן די לעבנס־פעאיקייט פון דער אידעע פון אַ יידישן וויזיאָנער.

איך פּרוּוו אויסצוגעפינען די גאַסן דורך וועלכע מיר איז דעמאָלסט אויסגעקומען צו שפּרייזן און די הייזער, אין וועלכע איך בין געווען אַן איינגייער. זייערע נעמען און נומערן זענען שוין לאַנג פאַרטרונקען אין טייך פון לעבן. איך פאַרלאָז זיך אויף מיין אָריענטאַציע־חוש און לאָז מיך מיטן ערשטן פאַרבייפאָרנדיקן טראַמוויי פירן אין שטאָט־צענטער. דער טראַמ־וויי־וואָגן איז אַלט, שמוציק, צעקאַלעטשעט, מיט אָפּגעריבענע בענק און אויסגעשלאָגענע פענצטער. דער פאָרנדיקער עולם שלעכט אָנגעטון, מיט אויסגעהונגערטע און פאַרביסענע פּנימער. אין דער לופט שטייט אַזאַ עיפּוש, אַז ס׳איז קוים מעגלעך צו אָטעמען. אין דייטשלאַנד הערשט דחקות אין

די מערסטע אַרטיקלען פון ערשטן געברויך, באַזונדערס אָבער אין זייף. עס איז נישטאָ מיט וואָס זיך צו וואַשן און ווו זיך צו וואַשן. לכן שטינקט פשוט דער המון, דער ברייטער עולם פון דער הערן־ראַסע. העכער צוואַנציק מינוט באַוועגט זיך דער טראַמוויי צווישן חורבות אָדער האַלב־חורבות, איינע פינצטערער פון דער צווייטער. די פאָרנדיקע זענען הפנים שוין צוגעוווינט צו דעם דאָזיקן בילד און קוקן זיך אַפילע נישט אַרום. אויף אַ פרישן מענטשן מאַכט דער קאַטאַסטראָפאַלער אַרום אַ מוראַדיקן איינדרוק. הגם, פאַר די 6 וואָכן פון מיין אָנוועזנהייט אין דייטשלאַנד איז מיר אויסגעקומען צו זען נישט ווייניק רואינען, קאָן איך פאָרט נישט אָפּרייסן מיין בליק פונעם אַרומיקן וויסטעניש און חורבן.

מיין מלבוש, מיין הוט, מיינע הענטשקעס, בעיקר אָבער מיינע אַמעריקאַנער שיך אינטערעסירן משמעות דעם פאָרנדיקן עולם אַ סך מער. ווי דער חרובער לאַבירינט פון גאַסן, דורך וועלכע דער טראַמוויי שלענגלט זיך. איך שפּיר מיט אַמאָל ווי צענדליקער אויגן זענען אויסגעסטאַרטשעט אויף מיר, אָפּשאַצנדיק דעם ווערט פון מיין קליידונג. ס'נעמט מיך אַרום אַ מאָדנער געפיל. מיר דאַכט זיך, ווי ווען די דייטשן וואָלטן מיך נאַקעט אויסגעטון מיט זייערע בליקן. מיר ווילט זיך אַראָפּשפּרינגען פונעם טראַמוויי, אָבער גיי שפּרינג אַראָפּ אין אַ כאַאָס פון חורבות, ווו מען ווייסט נישט, נישט איין און נישט אויס ? ! . . .

אויף אַ ראָג בלייבט דער טראַמוויי שטיין און אַ טייל פון די פּאַסאַזשירן גייען אַרויס. אין וואָגן ווערט אַ ביסל פרייער און לופטיקער. מיין בליק פאַלט צופעליק אויף אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן, זייער באַשיידן אָנגעטון, וועלכע זיצט אין אַ ווינקל און באַטראַכט מיך אויפמערקזאַם. דער טרויער אין די אויגן פון דער אומבאַקאַנטער פרוי און די טיפע קנייטשן אַרום איר מויל שפּיגלען אָפּ אַזוי פיל פאַרבאַהאַלטענעם טרויער און צער, אַז איך צווייפל קיין רגע נישט אין איר צוגעהעריקייט צום פאָלק ישראל.

די אויגן פון דער דאָזיקער פרוי האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ לעבעדיקע אילוסטראַציע צו דער באַהויפּטונג, אַז אין די אויגן פון יידישע פרויען שפּיגלט זיך אָפּ אונדזער צווייטויזנט יאָריקער גלות.

אַ פּלוצימדיקער אימפּולס האָט מיר אונטערגעזאָגט צו באַקענען זיך מיט איר. וואָס האָב איך צו פאַרלירן? אויב מיין השערה, אַז זי איז אַ

יידישקע, וועט זיך אַרויסווייזן טעותדיק, וועל איך מיך אַנטשולדיקן און אויס... באַלד מערק איך, ווי די פרוי קלייבט זיך אויסצושטייגן. אונדזער טראַמוויי דערנענטערט זיך צום פּלאַץ, וווּ אַמאָל איז געשטאַנען דער גרויס־הערצאָגלעכער פּאַלאַץ, די שטאָט־אָפּערע און אַנדערע פּרעכטיקע בנינים. כמעט גאָרנישט איז געבליבן פון דער געוועזענער אַרכיטעקטאָנישער פּראַכט. צעשאָסענע און צעבאָמבטע שטייען די טויטע בנינים, ווי סקעלעטן פון גיגאַנטישע אור־חיות. אין סאַמע צענטער פון דער הויפּט־שטאָט זענען אַרויסגעריסן גאַנצע גאַסן. געוועזענע פּאַרקן און סקווערן זעען אויס, ווי ווען איבער זיי וואָלט זיך אַריבערגעטראָגן אַ סטיכישער שטורעם.

אונדזער טראַמוויי בלייבט שטיין ביי אַ קרייצצוג פון עטלעכע גאַנץ־געבליבענע גאַסן. די פרוי, וואָס האָט צוגעצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט, לאָזט זיך פּאַמעלעך אַראָפּ פון וואָגן. איך טו דאָס זעלבע. קוים מאַכט זי עטלעכע טריט, ווי איך יאָג זי אָן און שטעל תיכף די פראַגע, צי זי איז אַ יידישע. צוויי טרויעריק־שוואַרצע אויגן קוקן מיך אָן פאַרוואונדערט און פון דער פרוים ליפּן רייסט זיך אַראָפּ אַ שטילער ענטפער: „יאָ, איך בין איינע יידין!"... אַלזאָ, מיין חוש האָט מיך נישט אָפּגענאַרט. איך שטעל זיך דער פרוי פאָר, דערצייל איר, אַז איך בין אַ ייד, קום פון דער וויטער אַמעריקע און שטודיר דייטשלאַנדס איצטיקע סיטואַציע, בעיקר אָבער די לאַגע פון די יידן.

קענטיק מאַכט מיין דערקלערונג אַ גינסטיקן איינדרוק אויף דער דייטש־יידישער פרוי. עס פאַרבינדט זיך צווישן אונדז אַ שמועס.

איך פאַרבעט די פרוי מיט מיר צוזאַמען עסן. זי נעמט אָן מיין איינ־לאַדונג. מיר רעדן זיך אָפּ אין אַ שעה אַרום צו טרעפן אין אַ געוויסער בוכהאַנדלונג, נישט ווייט פונעם חרובן הויפּט־פּלאַץ.

איך נוץ אויס די פרייע שעה, כדי צו מאַכן אַ שפּאַציר דורך די הויפּט־גאַסן און אַריינקוקן אין אַ בוך־געשעפט. מיר ווילט זיך פּטור ווערן פון די עטלעכע הונדערט מאַרק, וואָס די אָקופּאַציע־מאַכט האָט מיר באַוויליקט און קויפן אפשר אַ מציאה. אויסגעפונען די גאַס, וווּ אַמאָל איז געווען די רוסישע ביבליאָטעק האָט זיך אַרויסגעוויזן אוממעגלעך. סיי פון דער רו־סישער קאָלאָניע און איר ביבליאָטעק איז קיין זכר נישט געבליבן. דער ברוינער הוראַגאַן און די אַמעריקאַנער צוויאַציע האָבן זיי אָפּגעמעקט פון דער ערד.

אַן אָפּן בוך־געשעפט אויף איינער פון די האַנדלס־גאַסן ציט צו מיין אינטערעס. איך גיי אַריין. דאָס געשעפטל איז קליין און די צאָל ביכער אויך נישט איבערמעסיק גרויס. דער באַלעבאָס און צוויי פאַרקויפער זענען פאַרנומען מיט קונים, וואָס האַנדלען עפּעס. איך נישטער צווישן די פּאָליצעס און מיין בליק שטעלט זיך אָפּ אויף צוויי ביכער, וועלכע מיר ווילט זיך דערווערבן. דאָס איז סטעפאַן צווייגס „בראַזיל" און דאָס באַרימטע ווערק פון גאָבינאָ „די געשיכטע פון רענעסאַנס".

אויף מיין פראַגע צי איך קען די ביידע ביכער דערהאַלטן באַקום איך אַן ענטפער פונעם באַלעבאָס: „פאַרוואָס נישט? מיט פאַרגעניגן! . . .

— וואָס קאָסטן די ביכער?

— קאָסטן? — רופט אויס מיט דערשטוינונג דער בוכהענדלער. — מיר פאַרקויפן נישט פאַר פּאַפּירענע מאַרקן קיין ביכער און אין פרעמדער וואַליוטע איז פאַרבאָטן צו האַנדלען. אויב אייך ווילט זיך דערוועלבן די דאָזיקע ביכער, ברענגט צום אויסבייטן אייערע אייגענע ביכער. נאָר אויפן סיסטעם פון קעגנזייטיקן אויסבייט ווערט איצט געפירט דער ביכער־האַנדל. איר זענט מסתמא אַן אויסלענדער און דערפאַר ווייסט איר עס נישט . . .

פון מיין האָפענונג צו כאַפּן אַ מציאה, האָט זיך אויסגעלאָזן אַ בויי־דעם, די געגאַרטע ביכער זענען געבליבן שטיין אויף דער פּאָליצע און די פּאַפּירענע מאַרקן אין מיין קעשענע.

אין גיכן איז צוגעקומען מיין נייע באַקאַנטע, די דייטש־יידישע פרוי. ביז צום אָפּפאָר פונעם מיליטער־צוג, וואָס האָט מיך באַדאַרפט ברענגען קיין שוויץ איז נאָך געבליבן גוטע פיר שעה, אַלזאָ גענוג צייט, זיך גרינטלעך דורכצושמועסן צו קענען מיט אַ מענטשן וועלכער האָט זיכער וואָס צו דערציילן.

איך שפּאַציר מיט דער פרוי אין דער ריכטונג צום אַמעריקאַנער אָפיצירן־קאַסינאָ, ווו איך האָב בדעה מיט איר מיטאָג צו עסן. איך באַרואיק זי, אַז מיט מיר דאַרף זי קיין מורא נישט האָבן צריינצוגיין אין דעם קאַסינאָ, וווהין דער איינטריט פאַר דייטשן איז פאַרווערט. אין באַגלייטונג פון אַן אַליאירטן אָפיציר אָדער באַאַמטן איז יעדער דייטשקע דערלויבט צו געניסן אַלע פּריווילעגיעס פון דער אָקופּאַציע־מאַכט.

— יאָ, דאָס איז מיר באַקאַנט! — זאָגט די פרוי. לוידער אָבער דאָ־

מינירן די בלאָנדע דייטשקעס די אַמעריקאַנער אָפיצירן און סאָלדאַטן און אינפיצירן זיי מיט אַנטיסעמיטיזם... די דייטשע פרויען, בעיקר די מיידלעך, זענען פאַרביסענע היטלעריסטקעס און אומפאַרבעסערלעכע יידן־האַסער. די אַמאָליקע סענטימענטאַלע גרעטכען האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ געפער־לעכן אינסטרומענט פאַר פּאָליטישער פּראָפּאַגאַנדע. אַ שאָד, וואָס עס איז אַנולירט געוואָרן דער פאַרבאָט פון דער מיליטער־מאַכט זיך צו ברידערן מיט די דייטשן . . .

איידער מיר קומען נאָך אין קאַסינאָ, באַקען איך זיך מיט דער ביאָ־גראַפיע פון מיין יידישער באַגלייטערין. צוהערנדיק זיך צו אירע דערציי־לונגען דערמאַן איך מיך לעוו טאָלסטאָיס אַ זאָג, אַז „גליקלעך זענען אַלע מענטשן גלייך, אומגליקלעך אָבער איז יעדער אויף זיין אינדיווידועלן שטייגער".

אָט גייט מיט מיר אַ פיין קולטיווירטע יידישע פרוי, אַ פרוי מיט וויסן און בילדונג, וועלכע איז צוגעגרייט צו פּראָדוקטיוון און נוצלעכן לעבן, און ווי ביטער נעבעך האָט זיך איר שיקזאַל געשטעלט. אַ בעמיקערין פון באַרוף, די אַלמנה פון אַ געוועזענעם מעדיצינער און מוטער פון דריי קינ־דער, האָט זי נישט נאָר פאַרלוירן איר מאַן און קינדער, נאָר אפילו איר געבורטס־שטאָט. זי — די דייטש־יידישע פרוי — שטייט עלנט און אַליין אין דער גאָרער וועלט.

— איך בין אַ געבוירענע אין פאָרסהיים, דאָ נישט ווייט פון קאַרלס־רוהע... אייך איז אפשר באַקאַנט, אַז פאָרסהיים איז געווען אַ צענטער פון פּרעזיציע אינסטרומענטן און זייגערמאַכעריי. צו מיין פאָטער האָט געהערט איינע פון די גרעסטע זייגער־פאַבריקן. איצט איז די שטאָט אין פולן זין פון וואָרט אָפּגעווישט פון דער געאָגראַפישער מאַפּע. די אַמעריקאַנער אַוויאַציע האָט נישט געלאָזן גאַנץ קיין איין גאַס אָדער הויז. דאָרט וואו די שטאָט איז אַמאָל געשטאַנען, שטייט איצט אַ סלופּ מיט אַן אויפשריפט: „דאָ איז געווען די שטאָט פאָרסהיים"... קאַרלסרוהע האָבן די אַליאירטע נאָך פאַרשוינט. דאָ איז דאָך פאַראַן וווּ־נישט־וווּ אַ גאַנץ הויז . . .

דער געשמאַקפולער און פּרעכטיק אויסמעבלירטער רעסטאָראַן פונעם קאַסינאָ מאַכט אַ קענטיקן רושם אויף מיין באַגלייטערין. נאָך דייטלעכער

שפּיגלט זיך אָפּ די פּאַרוווּנדערונג אויף איר פּנים ביים געניס פון די פאַר־שידענע מאכלים, וואָס די דייטשישע קעלנערקעס סערווירן אונדז.

— באַלד זענען עס פופצן יאָר, ווי איך האָב נישט באַזוכט אַזאַ לאָקאַל און נישט געגעסן אַזעלכע מאכלים, — באַמערקט מיט אַ טרויעריקער מינע מיין טיש־דאַמע. ביז צו דער באַפרייאונג זענען מיר דאָך געווען נישט קיין מענטשן. דער לעבנס־מצב פון די יידן מחוץ די געטאָס אָדער קאָנצענטראַציע־לאַגערן איז געווען נישט אַ סך העכער ווי פון אַ חיה. ווען דעם איז פאַראַן זייער פיל צו דערציילן. וויפל צרות האָבן אונדז אָנגעטאָן אָט־אָ־די דייטשקעס, וואָס סערווירן איצט אַזוי אונטערטעניק?! נאָך ביז היינטיקן טאָג פאַרפאָלגן זיי יידן מיט פאַרבאַהאַלטענער שנאה. . .

ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט דערציילט מיר די פרוי אַן עפּיזאָד, וועלכער קלינגט ווי אַן אויסטראַכטעניש, ווי אַ פאַרלוימדונג אָדער ווי אַ פּשוטער ליגן.

— דאָס לעצטע יאָר האָב איך געאַרבעט אַלס כעמיקערין אין אַ ריזיקער פאַבריק, וואָס איז רעקווירירט געוואָרן פון די אַמעריקאַנער. בראש פון אונדזער אָפּטיילונג איז געשטאַנען אַן ענגלישע יידישע פרוי, אַ באַוווּסטע פאָרשערין אויפן כעמישן געביט. אויך אַ צענדליק דייטשקעס, עכטע אַריערינס, האָבן געאַרבעט צוזאַמען מיט מיר. אַלע ווי איינע אויסגעקאָכטע נאַציסטקעס. זיי — די דייטשקעס, — פלעגן הינטער רוקן פון דער יידישער שעפין מאַכן פון איר חוזק, שפּאָטן איבער איר יידישער נאָז און שלעכטן דייטשן אַקצענט. די חוצפּה פון די שיקסעס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן געוואַגט אין מיין קעגנוואַרט צו זינגען דאָס פאַרפלוכטע האָרסט־וועסל ליד, ווו עס זינגט זיך, „ווי לוסטיג עס איז צו זען, ווען פון מעסער שפּריצט יידיש בלוט". דאָס האָב איך נישט געקאָנט פאַרטראָגן און זיך באַקלאָגט ביי דער ענגליש־יידישער וויסנשאַפטלערין. און ווייסט איר ווי דער ענין האָט זיך געענדיקט? גלויבט אָדער נישט, אָבער דאָס וואָס איר וועט הערן איז דער ריינסטער אמת. עטלעכע טעג שפּעטער רופט מיך צו זיך מיין יידישע שעפין און דערקלערט, אַז פאַר מיר וועט פּאַסיקער זיין צו זוכן אַן אַנדער פּאָסטן. און אָט אַזוי בין איך איצט זייט צוויי חדשים אַרבעטסלאָז. קאָן אַזוינס ערגעץ אַנדערש־ווו געמאָלט ווערן? . .

איך בין געזעסן ווי אַ דערשלאָגענער. מיינע אויערן האָבן קוים גע־

זואָלט גלויבן דאָס געהערטע. אַ שטורעם פון בושה און פּראָטעסט האָט געקאָכט אין מיין נשמה. וואָס פאַרא מיאוסע ברואים באַזיצן נאָך די אַסי־מילירטע יהודים.

— פאַרשרייבט דעם דאָזיקן עפּיזאָד, עס איז אים כדאי צו דערציילן, — האָט מיר ביים געזעגענען זיך געזאָגט מיין נייע באַקאַנטע.

קאַפּיטל ניינצן

צו דער וועלט פון שלום

לעראַך — איז אַ גרענעץ־סטאַנציע צווישן דייטשלאַנד און דער שווייץ. פאַר דער מלחמה פלעגט מען דעם וועג פון קאַרלסרוהע ביז לעראַך דורכ־מאַכן מיטן צפון־עקספּרעס אין קנאַפּע דריי שעה. אונדזער אַמעריקאַנער מיליטער־צוג איילט זיך אָבער נישט. ער פאָרט פּאַוואָליע, שטעלט זיך אָפּ אויף יעדער מער אָדער ווייניקער גרויסער סטאַנציע, ווי ער וואָלט זיך גוט וועלן צעזעגענען מיטן חרובן דריטן רייך. דער וואַגאָן אין וועלכן איך פאָר איז פולקאָם פּוסט און אין מיין קופּע זיצן בלויז נאָך צוויי פּאַסאַזשירן — אַ בעלגישער פּאָלקאָווניק, וואָס רייזט אין דינסט־ענינים קיין שווייץ און אַ דעניש־האָלענדישע קונסט־מאַלערין, וועלכע פירט מיט זיך אַ ריזיקן אַלבום פון אינטערעסאַנטע סקיצן, וואָס זי האָט אויפגעצייכנט אין די רו־אינירטע דייטשע שטעט און דערפער.

מיינעביידע מיטרייזנדע זענען פריינטלעכע און צוגעלאָזענע מענטשן, מיט וועלכע ס'פאַרבינדט זיך תיכף אַן אומגעצוווּנגענער שמועס. מען טיילט זיך קעגנזייטיק מיט איינדריקן, באַאָבאַכטונגען און מיינונגען בנוגע דייטשלאַנד און די דייטשן.

סיי דער פּאָלקאָווניק און סיי די מאַלערין זענען קענטיק ניט קיין פריינט פון די דייטשן און פונעם איצטיקן דייטשלאַנד. קיין איין גוט וואָרט בנוגע דעם הערן־פאָלק קומט נישט אריבער איבער זייערע ליפּן. די דייטשן — מיינען זיי — האָבן כשר פאַרדינט זייער ביטערן גורל און ס'איז נישטאָ פאַרוואָס אויף זיי רחמנות צו האָבן.

— ווען די נאַציסטן וואָלטן געוווּנען דעם קריג, וואָלט גאַנץ אייראָפּע געמוזט שטיין פאַר זיי אויסגעצויגן שטראַם, ווי סאָלדאַטן, — באַמערקט דער פאָלקאָוויק. זיי זענען גענוג ביי מיר אין זכרון נאָך פונעם ערשטן וועלט־קריג . . .

דער אינטערעסאַנטער שמועס מיט מיינע מיטרייזנדע מאַכט דאַכט זיך דעם וועג קירצער.

אָט דערנענטערט זיך אונדזער צוג צו לעראַך. אַ פערטל שעה שפּעטער פאָרן מיר אַריין אין באַזעל אויפן געוועזענעם דייטשן וואָקזאַל אויף דער שווייצאַרישער טעריטאָריע. הן אין לעראַך און הן אויפן דייטשן באַנהויף פון באַזעל איז ניט צו באַמערקן קיין זכר פון אַ טעווטאָנישן גרענעץ־אָדער צאָל־אַמטן. נאָך מיט דריי יאָר צוריק זענען דאָ די דייטשן געווען די באַלעבאַטים, האָבן קאָנטראָלירט די פּאַספּאָרטן און דאָס געפּעק און אָפּגעגעבן באַפעלן. איצט באַלעבאַטעווען דאָ די פראַנצויזן. זיי זענען די הערן אויף דער גרענעץ און זיי קאָנטראָלירן די פּאַסאַזשירן. אַ טאָן פון העפלעכקייט און ליבנסווירדיקייט הערשט אין דער באַהאַנדלונג פון די רייזנדע. דער קאָנטראָל פאַרלויפט שנעל און אָן ביוראָקראַטישער שטרענגקייט.

באַלד עפענען זיך פאַר אונדז די ברייטע טירן פון וואָקזאַל און מיר זענען אין באַזעל, אין דער אַלטער היסטאָרישער שווייצאַרישער שטאָט, וואָס ליגט מאַלעריש אויסגעשפּרייט אויף די ברעגן פונעם אור־אַלטן טייך ריין.

צען יאָר בין איך נישט געווען אין דער שווייץ. אַ טאַקסי פירט מיך פון וואָקזאַל צום האָטעל. ער שלענגלט זיך צווישן מיר גוט־פאַרטרויטע גאַסן און פּלעצער, בריקן און סקווערן. פאַר מיינע אויגן קייקלט זיך פונאַנדער אַ פּאַנאָראַמע פון אַ פרידלעכער און רואיקער שטאָט, וואָס האָט נישט איבערגעלעבט קיין מלחמה און וועמען דער סטיכישער פאַרניכטונגס־שטורעם, וואָס האָט זיך אַריבערגעטראָגן איבער אייראָפּע, האָט פאַרשוינט. דער קאָנטראַסט צווישן באַזעל און וועלכער עס איז דייטשער שטאָט איז ריזיק גרויס. דאָס אויג, וואָס האָט אין משך פון זעקס וואָכן איינגעזאַפּט אין זיך אָן אַ שיעור חורבות, צעשטערונג און וויסטעניש, קאָן קוים באַנעמען דאָס בילד פון רייכטום, ציכטיקייט און אָרדענונג. מען פאָרט דורך

זויבערע גאַסן, וועמענס אַספאַלט בלישטשעט ווי אויסגעפּאָלירט, עס באַ־גריסן דיך מאָדערנע בנינים, אויסגעבויטע לויט דעם לעצטן שריי פון דער אַרכיטעקטור־קונסט, די אויסשטעלונג־פענצטער פון הונדערטער געשעפטן לאָקן איינעם צום קויף פון די אָנגעלאָדענע סחורות... אַ פאַרגלייך צווישן דעם אָקאָרשט פאַרלאָזענעם דייטשלאַנד מיט דער שווייץ קאָן קוים געמאָלט ווערן. דאָרט — רואינען און אונטערגאַנג, דאָ, — בליענדעס לעבן און אויפשטייג. מען מוז זיך באַמעלעכווייז צוגעווינען צו דעם דאָזיקן געוואַל־דיקן קאָנטראַסט. אויך די מענטשן דאָ־הי זעען אויס אַנדערש ווי אין דייטש־לאַנד: קיינע אויסגעדאַרטע געשטאַלטן, מיט פאַרביסענע פּנימער און פאַר־באַהאַלטענעם האַס אין די אויגן. דאָ שטויסט מען זיך נישט אָן אויף שטע־כנדיקע בליקן, וואָס טרעפן איינעם ווי שפּיזן. די גאַנצע סביבה פון באַזעל אָטעמט מיט פרידן, סאָלידקייט און זיכערקייט. איר קלאָריט האָט זיך אין פאַרלויף פון די לעצטע צען יאָרן נישט אויף אַ סך געענדערט.

יאָ, אַ קענטיקע ענדערונג פאַלט אויף תיכּף ביים אָנקומען: דער גע־וואַלדיקער יקרות. די טאַקסיס, די האָטעל־פּרייזן, די פּרייזן אין די רעסטאָ־ראַנען און קאַפע־הייזער, שוין אָפּגערעדט פון קליידונג אָדער שוכוואַרג, וועלכע זענען ריזיק געשטיגן. פון דער אַמאָליקער שווייצער ביליקייט איז קיין שבֿור נישט געבליבן. דאָ־הי איז דער דאָלאַר אַ קנאַפּער יחסן און קיי־נער קוקט זיך אויף אים נישט אום. שווייצאַרישע וואַליוטע איז איצט די זיכערסטע אין אייראָפּע און דער שווייצער־בירגער האַלט מער פון זיין „פרענקלי”, דאָס מיינט פראַנק, ווי פונעם דאָלאַר, שווייץ איז דאָס איינ־ציקע נייטראַלע לאַנד, וווּ נישט לאַנג נאָך האָט מען פאַרן דאָלאַר געצאָלט ווייניקער ווי זיין אָפיציעלער קורס.

אין שייכות יקרות האָבן זיך די פּרייזן, אין פאַרגלייך מיט דער פאַר־מלחמה־תקופה, מער ווי פאַרטאָפּלט. הגם אין לאַנד מערקט זיך נישט קיין סימן פון וועלכער עס איז אינפלאַציע.

שוין ביי באַצאָלן דעם געפּעק־טרעגער און דעם טאַקסי־שאָפער דער־שטוינט מיך די טייערקייט. אפילו אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז דער יקרות נישט גרעסער.

פאַר איינעם וועלכער קען די שווייץ ווייסט, אַז דאָס דאָזיקע קלאַסישע לאַנד פון אינטערנאַציאָנאַלן טוריזם באַזיצט אירע ספּעציפישע מנהגים און

טראַדיציעס. נישטאָ קיין צווייט לאַנד אין איראָפּע, וווּ דער באַגריף „קונדע" (קליענט) זאָל אַזוי שטיין הויך אין קורס ווי אין דער שווייץ. דער „קונדע" — דער שטענדיקער גאַסט — ווערט אויפמערקזאַמער, בעסער און אויך ביליקער באַדינט.

„האָטעל קראַפט אַם ריין" — גענױסט דעם בעסטן שם אין דער ציוניסטישער וועלט. דער דאָזיקער האָטעל שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ שטיקל מאָדערנע יידישע געשיכטע און איז אין באַזעל נישט ווייניקער פּאָפּולער, ווי דער בנין פונעם קאַסינאָ, ווו טעאָדאָר הערצל האָט פּרעזידירט דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס. דער באַלעבאָס פון „האָטעל קראַפט", הער לודוויג לוץ, איז פּונקט אַזוי באַרימט, ווי זיין בכבודיקער און אַלטער האָטעל. לדוויג לוץ, אַ הונדערט־פּראָצענטיקער שווייצער און באַוווּסטער אוהב ישראל, איז בפירוש אויסגעקאָכט אין אַלע פּרטים פון אונדזער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. ער שטאָלצירט מיט דער באַקאַנטשאַפט פון נחום סאָקאָלאָוו, מנחם־מענדל אוסישקין, לעאָ מאָצקין, וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי און אים צו לאַנגע יאָר מיט חיים וויצמאַן. די מערהייט מנהיגים פון אונדזער נאַציאָנאַלן רענעסאַנס זענען איינגעשטאַנען אין „האָטעל קראַפט". ווי אָפט זענען זיינע ווענט געווען עדות פון שטורמישע סצענעס, אויפגעברויזטע דעבאַטן אָדער שטרענג פאַרטרויליכע פאַרהאַנדלונגען. בעת דעם שטורמישן ציריכער קאָנגרעס פון 1937, ווען דער טיילונגס־פּלאַן פון ארץ־ישראל איז געשטאַנען אויפן סדר־היום, האָבן די רעוויזיאָניסטן אויסגעקליבן באַזעל און דווקא „האָטעל קראַפט" פאַר זייער שטאַב־קוואַרטיר. דאָ האָט געוווינט „אינקאָגניטאָ" וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי און פון דאַנען האָבן זיינע פאַרבינדונגס־אָפיצירן יוסף שעכטמאַן און מיכל שאַבאַד געפירט פאַרטרויליכע פאַרהאַנדלונגען מיט דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע.

מיך ציט צו זיך דער „האָטעל קראַפט", נישט נאָר ווייל איך בין תמיד געווען זיין טרייער „קונדע", נאָר אויך צוליב זיין באַלעבאָס. פאַר מיר איז בלי־ספק, אַז אויב לודוויג לוץ לעבט נאָך, קען איך קיין בעסערן אינפאָרמאַציע־מקור אין גאַנץ באַזעל נישט אויסגעפינען. ווער איז נאָך אַזוי גרינטלעך אינפאָרמירט אין אַלע לאָקאַלע פּאַסירונגען און אין די וויכטיקסטע ענינים פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק, ווער איז מער

פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיט אַלע רכילות אין דער דיפּלאָמאַטישער וועלט, ווי לודוויג לוץ, דער באַזיצער פון „האָטעל קראַפט אַם ריין"?...

איך האָב אויך אָנצוטרעפן אין דעם האָטעל מיין אַלטן פריינט, מיכל שאַבאַד, דעם באַוווסטן פּראָפעסאָר פון פילאָזאָפיע ביים באַזעלער אוני־ווערזיטעט און געוועזענעם אינטימען חבר פון פאַרשטאָרבענעם וולאַדי־מיר זשאַבאָטינסקי. די קאַלירפולע פּערזענלעכקייט פונעם פּראָפעסאָר שאַ־באַד, וועלכער האָט באַוויזן צו דאָצירן גלייכצייטיק צוויי פאַרשידנאַרטיקע וויסנשאַפטלעכע דיסציפּלינען, פילאָזאָפיע און יוריספּרודענץ, אין איינעם פון די עלטסטע אייראָפּעאישע אוניווערזיטעטן, איז שטענדיק פאַר מיר געווען אַ גייסטיקער צוציאונגס־כוח. מיט אים, מיט מיכל שאַבאַדן, דעם פילאָזאָף, יוריסט און עקסטרעמען רעוויזיאָניסט, האָט זיך מיר זייער גע־גלוסט צו טרעפן און זיך דורכצושמועסן. אין 1937, דעמאָלסט מיט צוועלף יאָר צוריק, האָט ער געשאָטן פייער און שוועבל אויף פּראָפעסאָר חיים וויצ־מאַן, געזידלט אים אַלס אַן ענגלישן אַגענט און האָט פאָראויסגעזאָגט דעם אונטערגאַנג פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, אויב דוד בן גוריונען זאָל געלינגען ווערן דער ראש פון דער עקזעקוטיווע.

ווי אַזוי מוז זיך איצט פילן מיכל שאַבאַד, דער חשובער פּראָפעסאָר פון יוריספּרודענץ און פילאָזאָפיע, גראָד איצט, ווען מדינת ישראל איז אַ פאַקט און דוד בן גוריון שטייט בראש פון דער נאַציאָנאַלער רעגירונג?

לײדער זענען מיינע גלוסטן און האָפענונגען גלייך ביים אָנקום אין „האָטעל קראַפט" צערונען. נישט לודוויג לוצן און נישט דעם פּראָפעסאָר שאַבאַד האָב איך געפונען. מיכל שאַבאַד, וועלכער האָט העכער צוועלף יאָר געלעבט אין דעם דאָזיקן האָטעל, האָט זיך איינגעאָרדנט אין אַן אייגענער דירה און געפינט זיך ערגעץ אויף אַ לעקציע־טורנע אין פראַנקרייך. מיט מיין אינפאָרמאַציע־מקור האָט זיך אַרויסגעוויזן נאָך ערגער. לודוויג לוץ האָט געהייסן אַלע זיינע קריסטלעכע און יידישע פריינט לאַנג לעבן און זיך אַריבערגעקליבן אַהין, פון וואַנען קיינער האָט זיך קיינמאָל נישט אומגעקערט. לודוויג לוצן, דעם אמתן אוהב ישראל, וועלכער האָט בשעת דער ברוינער ממשלה אין דריטן רייך, אַרויסגעוויזן אַזוי־פיל מענטשלעכ־קייט לגבי די גערודפטע און עמיגרירטע דייטשע יידן, האָט פאַרביטן אַ נייער באַלעבאָס, זיין — לודוויג לוצס אַ געוועזענער אָנגעשטעלטער. אויך

ער — דער נייער באַזיצער פון האָטעל, איז אַ געבוירענער שווייצער און היט אָפּ שטרענג די טראַדיציעס פון זיין פאָרגייער.

— איך געדענק גוט, אַז איר זענט ביי אונדז שטענדיק איינגעשטאַנען, — באַגריסט מיך דער האָטעל־באַזיצער. אַלע געוועזענע קונדן פונעם פאַרשטאָרבענעם לויט בלייבן אונדז טריי. דער האָטעל איז רענאָווירט און מאָדערניזירט געוואָרן, איר וועט אים קוים דערקענען. איר קאָנט באַקומען דעם זעלביקן צימער אין וועלכן איר האָט פריער געוווינט, מיט אַן אויסזיכט אויפן ריין . . .

איך קום אַריין אין דעם אָנגעוויזענעם צימער. יאָ, אמת, עס זעט אויס אַ סך מאָדערנער און עלעגאַנטער... איך עפן אויף אַ טיר צום באַלקאָן. די אונטערגייענדיקע זון וואַרפט אירע גאָלדענע שטראַלן אויף דעם מאַסיוון בנין פונעם מיטלאַלטערישן אוניווערזיטעט, וואָס ליגט אויפן אַנדערן ברעג פון טייך. די קופּאָלן און דער דאַך פונעם אוניווערזיטעט זעען אויס, ווי ווען זיי וואָלטן זיך באָדן אין צעשמאָלצענעם גאָלד. אונטן — קייקלט מאַיעסטעטיש דער ריין זיינע אייביק גרינע כוואַליעס, שטיל, געלאַסן, רואיק... אַ בילד פון באַצויבערנדיקער שיינקייט מאָלט אויס די נאַטור מיט אַן אומזעבאַרער האַנט פאַר די דערשטוינטע אויגן. אַ פּרעכטיקער און וואַרעמער בין־השמשות רוקט זיך לאַנגזאַם אַרויף אויף דער פּאַטריציישער שטאָט — באַזעל, די ערשטע גרענעץ־שטאָט אין לאַנד פון זבת חלב ודבש... עס איז נאָך חודש מאַי, אָבער דעם אָנקומענדיקן זומער שפּירט מען שוין: אפילו די אָוונטן זענען מילד און וואַרעם...

עס וואַרטן אויף מיר נייע איינדריקן און איבערלעבונגען.

.1948

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

ביז איצט דערשינען:

1) מארק טורקאָוו: מלכה אָוושיאני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאן־י. וויערניק: טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פרץ גראַנאַטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאבאקסבלאט: חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל: בארג חורבן (קאפיטלען פוילן) (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין: אין א ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד"ר ח. שאָשקעס: פוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאן: געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד"ר מאיר באלאבאן: די יידן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת: היימלאָזע יידן (אויספאַרקויפט)
13) ד"ר יעקב שאצקי: אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער: א הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד"ר הלל זיידמאן: טאָגבוך פון ווארשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) קינדער־מארטירָאלאָגיע (זאמלונג פון דאָקומענטן)
17) חיים גראדנע: פליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאטשערגינסקי: פארטיזאנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל: נע ונד (פארצייכנונגען פון א פליטה)
20) מרדכי שטריגלער: מאידאנעק
21) יעקב לעשצינסקי: אויפן ראנד פון אָפגרונט
22) ז. סעגאלאָוויטש: געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים: ווארשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס: א וואנדערונג איבער אָקופירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאן: צווישן שרעק און האָפענונג
26) לעאָ פינקלשטיין: מגילת פוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו: אזוי איז עס געווען... (חורבן ווארשע)
28) ש. איזבאן: „אומלעגאלע" יידן שפאלטן ימען
29) יעקב פאַט: הענעך
30) ד"ר י. קערמיש: דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פּאָליאַקיעוויטש: א טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער: אין פאַבריק פון טויט
33) אברהם נחתומי: אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער: מיין היים (פּאָעמע)
35) יוסף וואָלף: לייענענדיק פּרצן...
36) צפּורה קאַצענעלסאָן - נאַכומאָוו: יצחק קאַצענעלסאָן
37) י. הירשהויט: פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) נחום סאָקאָלאָוו: פּערזענלעכקייטן
39) רחל ה. קאָרן: היים און היימלאָזיקייט (לידער)
40) א. אלמי: מאָמענטן פון א לעבן
41) מנשה אונגער: פּשיסכע און קאָצק
42) **מ. בורשטין: איבער די חורבות פון פּלוינע**
43) מ. קיפּניס: הונדערט פאָלקס־לידער
44) ז. סעגאַלאָוויטש: מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב
45) ד״ר חיים שאָשקעס: א וועלט וואָס איז פאַרביי...
46) שלמה וואגא: חורבן טשענסטאָכאָוו
47) אברהם זאַק: יאָרן אין וואַנדער (לידער)
48) ש. איזבאַן: פאַמיליע קאַרפּ (ראָמאַן) ערשטער באַנד
49) ש. איזבאַן: פאַמיליע קאַרפּ (ראָמאַן) צווייטער באַנד
50) ד״ר א. מוקדוני: מיינע באַגעגענישן (זכרונות)
51) ר. שושנה־קאַהאַן: אין פייער און פלאַמען (טאָג־בוך)
52) י. י. טרונק: די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) יאָנאַס טורקאָוו: אין קאַמף פאַרן לעבן
54) יצחק פּערלאָוו: די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" (ראָמאַן)
55) פּנחס ביזבערג: שבת יומטובדיקע יידן
56) שלום אַש: פּעטערבורג (ראָמאַן)
57) שלום אַש: ווארשע (ראָמאַן)
58) שלום אַש: מאָסקווע (ראָמאַן)
59) ד״ר פיליפּ פרידמאַן: אָשוויענטשים
60) בער י. ראָזען: טלאָמאַצקע 13
61) דוד פלינקער: אין שטורם (ראָמאַן), באַנד איינס
62) דוד פלינקער: אין שטורם (ראָמאַן) באַנד צוויי
63) יאַנוש קאָרטשאַק: משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך
64) מרדכי שטריגלער: ווערק „צע", באַנד איינס
65) מרדכי שטריגלער: ווערק „צע", באַנד צוויי
66) חיים גראַדע: שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
69) אליהו טראָצקי: גלות דייטשלאַנד

פרעסע-שטימען וועגן דער ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

●

א. ל. שוסהיים שרייבט וועגן י. הירשהויטס בוך „פינסטערע נעכט אין פּאָוויאַק" („די יידישע צייטונג", בוענאָס איירעס, 7טער סעפּטעמבער 1948):

„פינסטערע נעכט אין פּאָוויאַק" איז דער טיטל פון אַ בוך פון י. הירשהויט, וואָס איז אַרויס אַלס 37־טער באַנד פון דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום", אַרויסגעגעבן דורכן צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע. די פינסטערע נעכט אין פּאָוויאַק זענען נישט געווען אַזוי פינסטער ווי די טעג און נעכט אין מאַידאַנעק, טרעבלינקע, בעלזשעץ, אַשוויענטשים און אַנדערע פּייניקונגס־לאַגערס. פּאָוויאַק איז נאָר געווען אַ תפיסה, אַ שטרענגע תפיסה אונטערן נאַצישן רעזשים, אָבער די יידן, וואָס זענען פאַרשפּאַרט געוואָרן אין דער דאָזיקער תפיסה, זענען דאָך אַלע געווען פאַרמשפּט צום טויט. טאַקע צוליב דעם האָט מען זיי צונויפגעזאַמלט אין פּאָוויאַק, כדי אַלע פּאָר טעג זיי צו דערשיסן, ווען עס האָט זיך שוין געהאַט אָנגעזאַמלט אַ גרעסערע צאָל. אָבער דאָס ווערן דערשאָסן איז דאָך נישט אַזאַ שווידערלעכער טויט ווי דאָס ווערן דערשטיקט אין אַ גאַז־קאַמער, ווו די קרבנות זענען צונויפגעשטופּט געוואָרן ווי הערינג אין אַ פאַס, נאָכדעם ווי מען האָט זיי לאַנגע טעג געפּייניקט אין די דעפּאָרטאַציע־וואַגאָנען.

אין פאַרגלייך מיט מאַידאַנעק, טרעבלינקע, אַשוויענטשים אָדער בערגען־בעלזען האָט דער טויט אין פּאָוויאַק געמוזט אויסזען ממש ווי אַ טויט פון גנאָד. און דאָך באַשרייבט י. הירשהויט זיינע זכרונות פון פּאָוויאַק אונטערן טיטל „פינסטערע נעכט אין פּאָוויאַק". סיי די נעכט, סיי די טעג זענען דאָ געווען פינסטערע—ספּעציעל פאַר די יידן.

י. הירשהויטס באַשרייבונגען פון פּאָוויאַק באַציען זיך צו אַ צייט, ווען אָפיציעל זענען שוין אין וואַרשע קיין יידן נישט געווען. ס'איז געווען שוין נאָך דער צעשטערונג פונעם גאַנצן שטח, אין וועלכן די דייטשן האָבן לכתחילה איינגעמויערט די יידן, כדי זיי וואָס לייכטער צו קענען פאַרניכטן.

אָבער נאָך דער צעשטערונג פון דער געטאָ האָבן נאָך געלעבט אין וואַרשע אויף דער אַרישער זייט איבער 50.000 יידן לויט באַהויפּטונגען, וועלכע י. הירשהויט גיט איבער. די דאָזיקע יידן פלעגן געמסרט ווערן דורך פּאָליאַקן, אָדער די אַגענטן פון דער געשטאַפּאָ האָבן זיי דערקענט אַלס יידן און האָבן זיי געבראַכט אין דער פּאָוויאַק־תפיסה, פון וואַנען מען פלעגט זיי פירן צום דערשיסן אין הויף פון זאַמענהאָף־גאַס 19.

דער אויטאָר פון דעם בוך, הירשהויט, איז אָנגעקומען אין פּאָוויאַק אין זומער פון יאָר 1943, ווען די וואַרשעווער געטאָ איז שוין געווען אַ חורבה. פון פּאָוויאַק האָט מען די יידן געפירט דירעקט צום

עקזעקוציע־פּלאַץ. די עקזעקוציעס — שרייבט י. הירשהויט — האָט אויסגעפירט אַן אָפּטיילונג דייטשע זשאַנדאַרמען. צו דער דאָזיקער אָפּטיילונג זענען צוגעטיילט געוואָרן די סאַמע גרעסטע פאַרברעכערס. ביי דער „אַרבעט" זענען די מערדער געווען אָנגעטון אין ווייסע מונדירן — מען האָט זיי דערפאַר גערופן די ווייסע זשאַנדאַרמען. די ווייסע זשאַנדאַרמען האָבן געהאַט אויף זייער געוויסן טויזנטער מענטשלעכע לעבנס.

אָבער אפילו פון דעם דאָזיקן טויטן־הויז האָט מען נישט אַלע יידן תיכף געפירט צום טויט. די דייטשן האָבן זיך גענוציקט אין יידישע אַרבעטער און יידישע פאַך־לייט, האָבן טיילמאָל אויך אַנדערע יידן זיך דורכגעשמוגלט אַלס כלומרשטע פאַך־לייט און דערווייל געבליבן לעבן.

„אַ לעבן איז דאָס געווען אין דערנידערונג, מאַטערניש און הונגער, אַ לעבן פון געשלאָגענע הינט און אפילו ביינאַכט האָט מען קיין רו נישט געהאַט. ביינאַכט איז מען געביסן געוואָרן פון אומפליייט — דאָס איינציקע, וואָס האָט געהאַלטן ביים לעבן, איז געווען די האָפענונג צו קענען אַנטלויפן".

ווי שווער ס'איז געווען דאָס לעבן אין פּאַוויאַק אונטער די נאַציס קאָן מען זיך מאַכן אַ באַגריף פון דעם, וואָס הירשהויט דערציילט דאָ ווייטער:

„מיט מיר איז צוזאַמען געזעסן חיים פינקעלשטיין, אַ וואַרשעווער אַנטיקוואַריער, אַ מענטש איבער די פופציק. אין יאָר 1905 איז דער דאָזיקער פינקעלשטיין איינגעזעצט געוואָרן אין פּאַוויאַק פאַר רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט. ער פלעגט אונדז אָפט דערציילן, ווי אַזוי די צאַרישע טשינאָווניקעס האָבן באַהאַנדלט די אַרעסטירטע. מיר האָבן שטאַרק מקנא געווען די מענטשן פון יענער תקופה, וואָס זיי איז אַזוי גוט געגאַנגען אין תפיסה"...

איך פאַרשטיי: די געפאַנגענע אין דער צאַרישער תפיסה זענען געווען „גליקלעכע מענטשן", וועלכע די געפאַנגענע אין היטלערס תפיסה האָבן מקנא געווען... אָבער דאָך וויל זיך לעבן אפילו אין אַזעלכע באַדינגונגען אין די צאַרישע תפיסות אַלס „גליקלעכע מענטשן". און פאַר דעם דאָזיקן מיזעראַבלען, געפּייניקטן לעבן האָט מען באַדאַרפט קעמפן מיט כלערליי מיטלען און המצאות. וואָרים אויך ביי דער אַרבעט איז מען נישט געווען זיכער, אַז מען וועט שוין בלייבן לעבן.

נאָך פאַרן חרוב מאַכן די געטאָ האָבן זיך געהאַט צונויפגעזאַמלט אַרבעטער. ס'רוב שניידערס און אין פּאַוויאַק אַ הונדערט יידישע שוסטערס. נאָכן אויסברוך פון געטאָ־אויפשטאַנד האָט מען די אַלע יידישע אַרבעטער פאַרמאַכט אין די תפיסה־קאַמערן און עס איז אָנגעקומען אַן אָפּטיילונג פאַרניכטונגס־זשאַנדאַרמען צו ליקווידירן די הונדערט יידישע אַרבעטער. די 100 יידן האָבן זיך געמוזט אַליין אויסטון אין הויף פון דער תפיסה און נאַקעטע, נאָר אין אונטערוועש, האָט מען זיי אויפגעלאָדן אויף קאַמיאָנען און אַוועקגעפירט צום דערשיסן.

אָבער די דייטשן האָבן זיך דאָך גענוציקט אין יידישע פאַכלייט, האָבן זיי אַרויסגענומען פון דער גרופּע, וואָס איז געשיקט געוואָרן צו דער שחיטה, זיבן פון די סאַמע וויכטיקסטע אַרבעטער. אַרום די דאָזיקע זיבן האָט זיך שפּעטער צונויפגעזאַמלט אַ נייע גרופּע יידישע אַרבעטער. אַזוי האָט די געשטאַפּאָ געהאַט נישט בלויז אומזיסטיקע שקלאַפן־אַרבעטער, וועלכע מען האָט אפילו נישט באַדאַרפט געבן גענוג צו עסן, נאָר דאָס זענען געווען אַרבעטער איבערגעגעבענע, וועלכע האָבן שטענדיק אינזינען געהאַט, אַז פאַר זייער אַרבעט צאָלט מען זיי

דעם העכסטן פּרייז: מען שענקט זיי דאָס לעבן. און פּאַקטיש איז געווען פּאַר אַ ייִד אין פּאַוויאַק אַן „אומבאַשרייבלעך גליק" צו ווערן אַריינגענומען אין דער גרופּע אַרבעטער. נישט יעדער האָט זוכה געווען צו אַזאַ גליק. דאָ זעען מיר די „טעכניק" פון דער דייטשער רציחה. שקלאַפן, וועלכע פילן זיך גליקלעך, ווען מען לאָזט זיי זיין שקלאַפן.

ווי געזאָגט, נאָר ווייניק ייִדן האָבן אין פּאַוויאַק געהאַט די דאָזיקע זכיה. אַרום 500 ייִדן פלעגט מען ברענגען אין פּאַוויאַק יעדן חודש. אָבער די ייִדישע אַרבעטער־גרופּע האָט קיינמאָל נישט איבערגעשטיגן די צאָל פון 150. פון די 150 האָבן אַ טייל געאַרבעט אין די תפיסה־וואַרשטאַטן, די איבעריקע האָבן געטון די סאַמע שווערסטע אַרבעט. צווישן די ייִדישע פּאַקלייט איז אויך געווען אַ גרופּע אויטאָ־מעכאַניקער.

„שווער איז געווען דאָס לעבן פון דער ייִדישער אַרבעטער־גרופּע" — שרייבט דער אויטאָר פונעם בוך. „ביי טאָג האָבן זיי געמוזט האָרעווען שווער, ביי נאַכט זענען זיי געלעגן פאַרשפּאַרטע אין די תפיסה־קאַמערן און די ווערים האָבן זיי לעבעדיקערהייט אויפגעפרעסן. דאָס עסן איז נישט געווען צו דער זעט, און די, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט מיט אייגענע מיטלען צו שאַפן זיך דאָס עסן, זענען געפאַלן פון די כוחות. צו דעם אַלעמען האָבן זיי אומאויפהערלעך געהאַט אויסצושטיין אַ גיהנום פון רדיפות מצד די דייטשע וואַך־מייסטערס און זייערע אוקראַאינישע באַהעלפערס".

אָבער נישט געקוקט אויף דעם געפּייניקטן לעבן, האָבן די דאָזיקע ייִדן געהאַט דאָס באַוווּסטזיין, אַז זיי זענען „די לעצטע מאָהיקאַנער פונעם אַמאָליקן וואַרשעווער ייִדנטום" און זיי האָבן „געטראָגן אויף זייערע שוואַכע פּלייצעס די אחריות פאַרן כבוד פון דער לעצטער וואַרשעווער עדה". זיי האָבן געפילט אַז זיי האָבן „די הייליקע שליחות צו זיין די סימבאָלישע פאָרזעצער פון דער אַמאָליקער גרויסער און רומרייכער ייִדישער קהילה". און זיי האָבן הויך געהאַלטן די פאָן פון ייִדישן כבוד — „הויך איבער די קעפּ פון די דייטשע שפּלדיקע פּחדנים און רוצחים".

ווי שווער ס'איז צו האַלטן הויך די פאָן פון ייִדישן כבוד, ווען מען געפינט זיך אין אַ מצב פון פיזישער און מאַטעריעלער שקלאַפעריי. צו די שווערסטע אַרבעטן אין פּאַ

וויאַק האָט מען געשלעפּט די ייִדן און די אַרבעט האָבן די ייִדן געמוזט מאַכן אונטער דער בייטש פון פאַרברעכער־טיפּן, וועלכע האָבן נאָך דערצו געפילט אַ היניטישע שנאה צו די ייִדן. און ביי דער שווערער אַרבעט, וואָס איז געווען איבער די כוחות פון די אויסגעהונגערטע ייִדן, האָבן זיי די רוצחים נאָך געפּייניקט און געשלאָגן. הירשהויט

דערציילט ווי אַן אוקראַינער אויפזעער האָט אַמאָל אַרויסגעריסן ביי אים די אייזערנע לאָפּעטע און מיט איר אים געשלאָגן איבער דער פּלייצע און איבער די אָרעמס. און ער גיט־צו, אַז היינט וואָלט ער אַזעלכע קלעפּ נישט געקאָנט אַריבערטראָגן. און מען קען אים דאָס גלויבן.

אָבער ווי אַזוי האָבן די מענטשן אין פּאַוויאַק, די מענטשן אין די שקלאַפּן־לאַגערן געקענט אויסהאַלטן אַזוי פיל פיזישע און מאָראַלישע פּייניקונגען? ווי אַזוי און פון וואַנען נעמט דאָס דער מענטש די אייזערנע כוחות אויסצוהאַלטן די פּייניקונגען און נישט אוועקצופאַלן ווי אַ געפּייניקטע חיה? און פון וואַנען נעמט מען די געדולד און דעם אייזערנעם ווילן אָנצונעמען די מאָראַלישע באַליידיקונגען און נית אויפצושטורעמען טאַקע ווי אַ צערייצטע חיה? דער אויטאָר פּינעם בוך דערמאַנט זיך ווי עס האָט אים געשווינדלט פאַר די אויגן, ווען דער רוצח האָט אים געשלאָגן. „עפּעס רויטע פונקען האָב איך פאַר מיר געזען, אין גאַנצן קערפּער אַ שטאַרקער ווייטאָג. די הענט זענען מיר געפאַלן אין חלשות, אָבער אויף די פּיס האָב איך זיך געהאַלטן... מיינע פּיס האָבן אָבער נישט פאַרלאָזט די אַרבעט. איך בין ווייטער געשטאַנען מיט דער לאָפּעטע אין די ציטערדיקע הענט"...

ווי אַזוי האַלט מען דאָס אויס? וואו נעמט מען די איבערמענטשלעכע כוחות איבערצוטראָגן אַזוי פיל עינויים, אַזויפיל יסורים?

— דער דאָזיקער כוח קומט פונעם ווילן צום לעבן. די, וואָס האָבן אַלץ אויסגעהאַלטן, אַלץ געוואַגט, אַלץ איבערגעטראָגן, זענען טאַקע על פּי רוב געבליבן לעבן, אויב עס האָט זיי נישט געטראָפן קיין מכשול פון אַן אומגליקלעכן צופאַל.

אַ וואָסער כוח ס'איז דאָ אינעם ווילן צום לעבן, אפילו נאָך אויף צו לעבן לענגער בלויז אַ האַלבן טאָג, דאָס באַווייזט אונז דער אויטאָר פון דעם בוך מיט אַ פאַקט, וועלכן ער אַליין האָט בייגעוווינט

ער דערציילט וועגן גרוילנדיקע מעשים פון אכזריות פון דעם וויצע־קאָמאַנדאַנט פון פּאַוויאַק, בירקעל. דער דאָזיקער בירקעל איז געווען אַזאַ סאַדיסט, וואָס „טאָמער האָט ער געכאַפּט אַן אַרעסטירטן, וואָס איז אין הויף געשטאַנען ביי אַ וועלכער ס'איז אַרבעט און די אַרבעט איז ביי אים נישט געגאַנגען אַזוי ווי בירקעל וואָלט געוואָלט, איז שוין דעם דאָזיקן אַרעסטירטן נישט געווען מיט וואָס מקנא צו זיין. ווי אַ טיגער האָט זיך בירקעל געוואָרפן אויף דעם קרבן. ער פלעגט זיינע קרבנות פאַרפּייניקן צום טויט".

בירקל האָט געהאַט צוויי וועלף־הינט, וועלכע ער האָט דערצויגן צו אכזריות. אויף בירקעלס באַפעל פלעגן זיך די הינט וואַרפן אויף געפאַנגענע און זיי צערייסן ממש לעבעדיקערהייט. „די הינט האָבן געכאַרטשעט און בירקעל איז געשטאַנען און צוגעקוקט זיך אַ צופרידענער, אַ צעשמייכלטער, מיט אַ פייערלעכער ליבע האָט ער דערנאָך געגלעט די חיות איבער די העלדזער".

אַזאַ תכשיט איז געווען בירקעל. און אָט וואָס דער דאָזיקער בירקעל האָט אַמאָל געטון מיט אַ גרופּע פון פופצן יידן, וועלכע מען האָט אַריינגעבראַכט אין פּאַוויאַק פון דער אַרישער זייט אין וואַרשע.

די 15 יידן זענען געווען פּסיכיש צוזאַמענגעבראָכן. זיי האָבן געוווּסט, אַז זיי דערוואַרט דער טויט. בירקעל האָט זיך מיט זיי איינגעאָרדנט אַ טייוולאָנישע פאַרוויילונג. ער האָט זיך דערנענטערט צו די יידן און זיי געזאָגט גאַנץ געמיטלעך: איר וועט זיך באָדן. ער האָט זיי אַריינגעפירט אין תפיסה־באָד, געהייסן זיי זיך אויסטון און שטעלן

זיך אונטער דעם טוש. און אין זעלבן מאָמענט האָט ער באַפוילן די באַד־דינער צו לאָזן דורכן טוש קאָכעדיק וואַסער.

און אַט ווי י. הירשהויט באַשרייבט דעם שוידערלעכן מאָמענט:

„די בעדערס זענען געשטאַנען צעטומלטע און נישט גערירט זיך פון אָרט. דער עלטסטער בעדער האָט זיך געמאַכט מוט און געמאַכט אַ באַמערקונג:

— הער הויפּט-פירער, איך מעלדע געהאָרכזאַם, די מענטשן ווערן אָפּגעבריט.

בירקעל האָט אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער, נעבן פּנים פונעם עלטסטן בעדער האָט ער אויסגעשאָסן צום באַלקן, און זענדיק, אַז אַלע בעדער ציטערן שוין פאַר פּחד, האָט ער אָנגעהויבן צו שרייען:

— איך וועל אייך אַלע דאָ דערשיסן! צי האָט איר נישט פאַרשטאַנען דעם באַפעל?״

און אַזוי האָט דער סאַדיסט געפּועלט, אַז דער בעדער האָט געלאָזט גיין דאָס זידנדיקע וואַסער אויף די יידן, וועלכע זענען געשטאַנען אונטער די טושן. בירקעל איז געשטאַנען און געקוקט אויפן טערמאָמעטער. בשעת מעשה האָט ער דעם רעוואָלווער געהאַלטן אין האַנט און געסטראַשעט די יידן, וואָס זענען געשטאַנען אונטערן זידנדיקן וואַסער, אַז ער וועט זיי דערשיסן, אויב זיי וועלן זיך רירן פון אָרט.

און די יידן זענען געבליבן שטיין און זיך געלאָזט אָפּבריען, כאָטש זיי האָבן געוואוסט, אַז זיי גייען צום טויט. דער ווילן צום לעבן האָט זיי געגעבן כוח אויסצוהאַלטן אַ באָד פון בריענדיק וואַסער.

נאָך דעם בריענדיקן באָד האָט זיי בירקעל געגעבן אַ מינוט צום אָנטון — נישט מער.

די שווער אָפּגעבריטע יידן האָבן זיך נישט געקענט אָנטון, — שרייבט דער אויטאָר. ווער עס האָט געכאַפּט וועמענס אָנגעטועכץ און נאַקעטע זענען זיי אַרויסגעלאָפן פון באָד.

אַזעלכע יסורים נעמען מענטשן אויף זיך, כדי צו פאַרלענגערן דאָס לעבן אפשר אויף אַ טאָג. און אפשר וועט מען זיך טאַקע קענען ראַטעווען?

י. הירשהויטס „פינסטערע נעכט אין פּאַוויאַק״ איז ווידער אַ דאָקומענטן־בוך פון נאַצישע פאַרברעכנס און אַכזריות, איינס פון די דאָקומענטן־ביכער, וועלכע דער פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום״ האָט דאָס פאַרדינסט צו האָבן אַרויסגעגעבן. די דאָזיקע דאָקומענטן־ביכער וועלן בלייבן אַלס מקורים פאַר דער געשיכטע פון דער דייטשער טיראַניע אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

וועגן אַלע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער ביכער־סעריע

„דאָס פּוילישע יידנטום״

זיך ווענדן

UNION ISRAELITA POLACA

PUEYRREDON 667 **BUENOS AIRES**

דאָס בוך האָט זיך געענדיקט דרוקן
דעם 10־טן אויגוסט, יאָר פון באַפרייער
גענעראל סאַן מאַרטין, 1950 — אין דער
דרוקערײַ „הײַמאַן" — פּאַסטעור 333
טעלעפאָן 47־7752 — בוענאָס איירעס

Este libro terminóse de imprimir
el día 10 de Agosto, Año del Libertador General San Martín, 1950,
en los Talleres Gráficos HEUMAN,
Pasteur 333 - T. E. 47-7752 - Bs. As.